STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 04650

ZUMP

Upton Sinclair

•

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

אייפטאן סינקלער

זומפ

יידיש: מארק פאָגעלמאן.

II.

פארלאג שלמה גאלדפארב, ווארשע.

~~266 F~~
364-כ

ניינצנטער קאַפּיטל

מאַדאם האָופּט — אַ קושערין. אזוי האט געלויטעט אן אויפשריפט, וואס האט געהאָנגען איבער אַ שענק אין דער צוועניו, אונטער אַ פענצטער פון צווייטן שטאָק. אויף אַ וואנט אין קאָרידאָר איז געווען אויסגעמאָלט אַ האנט מיט אן אויסגעצויגענעם פינגער און אָנגעוויזן אויף שמוציקע טרעפּ, וואס האבן געפירט אויפן צווייטן שטאָק. יורגיס האט געמאכט גיכע טריט, אויף דריי, פיר טרעפּ מיטאמאָל.

מאדאם האָופּט האט אין דערזעלבער צייט געפּרעגלט אַ קאָטלעט אויף ציבעלעס. די טיר איז געווען עטוואָס אָפן און דינע פּאַסן טשאד האָבן זיך געצויגן דורך דער שמאָלער עפענונג. יורגיס האט געוואָלט אָנקלאפּן, אָבער די טיר האט זיך אליין געעפנט. א ווײַלע האט ער געקוקט אויף דער חשובער מאדאם, וואס האט געצויגן עפּעס א פליסיקייט פון א שווארץ פלעשל. ער האט אָנגעקלאפּט שטארקער, זי האט זיך איבערגעשראָקן און אוועקגעשטעלט דאס פלעשל אויפן טיש.

זי איז געווען א האָלענדערין, שטארק דיק, אז זי איז געגאנגען האט זיך איר קערפּער געוויגט ווי א פישער-שיפל אויף די ברויזנדע כוואליעס פון אָקעאן. די שליסעלעך, וואס האבן געשטעקט אין שאנק האבן אפילו אָפּגעקלונגען. דעם שלאָפראָק, וואס זי האט געטראָגן אויף זיך, איז געווען שרעקלעך שמוציק, אויסגעזעען אמאָל צו זיין בלאָ, אירע ציין זענען געווען גרין.

— וואס ווילט איר? — האט זי נעפרעגט.

יורגיסן איז געווען שווער צו כאפן דעם אָטעם. די האָר האָבן זיך אים געשטעלט קאפויר, די אויגן זענען געווען ווילד, ער האט אויסגעזעען, ווי א מת, וואס איז נאָר וואס אנטלאָפן פון קבר.

— מיין ווייב... האט ער געענטפערט סאַפּנדיק—קומט גיכער.

מאַדאַם האַופּט האָט אראָפּגערוקט די פּעטעלני פון פייער. לאנגזאם אפּגעווישט די הענט אָן שלאָפראָק און געזאָגט:

— איר ווילט, אַז כ׳זאָל גיין צו אַ געבורט?

— יאָ — האט יורגיס געענטפערט.

— כ׳קום טאַקע נאָר וואָס פון אַ קראַנקע, נישט געהאט אפילו קיין צייט אפּצועסן מיטאָג. וויבאלד ס׳איז נייטיק:

— זייער נייטיק!

וויפל וועל איך באַקומען?

— איך... איך... וויפל פארלאנגט איר?

— פינף און צוואָנציק דאָלאַר.

יורגיס האט צוזאמענגעצויגן ס׳פּנים.

— כ׳קאָן נישט אזוי פיל באַצאָלן.

פרוי האַופּט האט זיך צוגעקוקט צו אים אויפמערקזאַם.

— וויפל קאָנט איר געבן?

— כ׳דארף שוין באַצאָלן?

— אלע צאָלן מיר פאָראויס.

אַ פּחד האט דורכגענומען זיינע גלידער.

— איך האב נישט קיין סך געלט — האט ער געזאגט צעטומלט... ס׳האט מיט מיר פאסירט אן אומגליק... אָבער כ׳וועל באַצאָלן, באַצאָלן צו איין פּרוטה, ווי כ׳וועל נאָר געפונען אַרבעט...

— וואו ארבעט איר?

— היינט ארבעט איך אין ערגעץ. כ׳מוז מיר יעצט אויסזוכן אַ שטעלע, נאָר —

— וויפל האט איר ביי זיך ?

ער איז נישט געווען דרייסט זיך מודה צו זיין פאר איר. לסוף האט ער ארויסגעשטאמלט:

אַ דאָלאר פינף און צוואָנציק סענט.

פרוי האופט האט זיך הויך צעלאַכט.

— ניין, פאר דעם געלט לוינט זיך מיר נישט צומאָל דעם הוט צו נעמען אויפן קאָפּ.

יורגיס האט געשעפעשעט מיט זיין צעבראכענער שטים:

— דאָס פארמאָג איך, מער נישט... עמעצער מוז דאָך זיין ביים געבורט... זי וועט דאָך שטארבן... וואס וועל איך טון.

פרוי האופט האט ארויפגערוקט די פעטעלנע אויפן פייער און גערעדט צו אים דורך די וואָלקנס טשאַד.

— שאפט אייך ערגעץ צען דאָלאַר און ברענגט מיר וועל איך גיין, אויפן איבעריקן וועל איך שוין ווארטן ביזן ערשטן.

— כ'קאָן נישט, כ'האב נישט — האָט איר יורגיס פאַר־זיכערט – כ'האב נישט מער ווי דאָס, וואָס כ'האלט אין מיין האנט.

ס'איז נישט אמת, איר ווילט מיך אָפּנארן. אַזאַ אַלטער יונג און פארמאגט נישט מער ווי אַ דאָלאר פינף און צוואָנציק סענט ?

— כ'בין נאר וואס געווארן באפרייט פון טורמע — האָט יורגיס געשריגן. ער איז געווען גרייט צופאלן צו אירע פיס — דאס גאנצע בני־בית איז דא אויסגעגאנגען פון הונגער!

— האט איר נישט קיין פריינט.

— יאָ, אבער זיי זענען אַזוי ארעם ווי איך, זיי האבן מיר געשאָנקען די עטלעכע סענט, כ'האָב געטון, וואס כ'האב נאָר געקאָנט.

— פאַרקויפט עפּעס.

— כ'האב נישט וואָס צו פאַרקויפן — האָט יורגיס אויסגע־רופן פול מיט יאוש.

— באָרגט אייך ערגעץ. אפשר האָט איר קרעדיט אין וועלכן געוועלב?

יורגיס האָט אראָפּגעלאָזט דעם קאָפּ.

— הערט — האָט זי געזאָגט — וויבאַלד איר וועט מיך נעמען וועט איר אסור קיין חרטה נישט האָבן, אייער ווייב וועט זיין געזונט און ס׳קינד וועט לעבן. איר אַליין וועט זאגן, אז כ׳האָב נישט גענומען אַזוי פיל. וואָס וועט דעמאָלט זיין, אז ס׳ווייב וועט שטארבן און ס׳קינד אויך? ווי טרויעריק וועט אייך דעמאָלט זיין: פרעגט אייך ביי די שכנים אויף מיר.

זי האָט אָנגעהויבן זשעסטיקולירן מיטן גרויסן גאָפּל. יורגיס האָט פאַרבראָכן די הענט.

— הייסט עס, אַז גארנישט, אַלץ צונישט — האָט ער געזיפצט.

פרוי האאופט האָט מיט אים צוריק אָנגעקניפּט דעם שמועס.

כ׳וועל גיין פאר פינף דאָלאַר.

זי האָט נידעריקער געמאַכט איר טאָן און אָנגעהויבן אים צוצורעדן.

— זעט ווי נאַריש איר זענט, אַז איר זענט נאָך נישט מסכים. אַן אַנדערע וואָלט לגמרי נישט געוואָלט גיין אויף אַזאַ רעגן, כ׳וואָלט קיינמאָל אין מיין לעבן נישט געוואָלט באַדינען יענעם פאַר אַזאַ הינטישן לוין. ס׳וואָלט צומאָל נישט געקלעקט אויף דירה-געלט.

יורגיס האט אָנגעהויבן שעלטן.

— פונוואנען זאָל איך נעמען? כ׳האב נישט. ווי גאָט איז מיר ליב, אז כ׳וואלט אייך באצאלט וויפל איר וואָלט געוואָלט. איר הערט, כ׳האב נישט.

ער האט זיך אויסגעדרייט און איז ארויס פון שטוב. אַז ער איז אָפּגעגאנגען אַ האַלבן שטאק, האט זי אים גערופן צוריק.

ס׳איז טרויעריק צו הערן, אַז ערגעץ ליגט אַ מענטש

און ליידט. ס'איז פונקט ווי פאר אומזיסט, אבער כ'וועל גיין. ס'איז ווייט?

— אויף דער פערטער גאס.

— כ'וועל ווערן נאס ביז צום לעצטן פאדעם. גאט מיין איינציקער. אויף אזא הונטישער צייט פאר אזא הינטיש געלט! אבער איר זאלט וויסן, אז דאס איבעריקע צו די פינף און צוואנציק דאלאר וועט איר מיר איינגיכן געבן.

— ווען כ'וועל נאר קאנען.

— אין א חודש ארום?

— יא, אין א חודש ארום, אבער קומט שוין.

— וואו האט איר דעם דאלאר מיט די פינף און צוואציק סענט?

יורגיס האט אוועקגעלייגט דאס געלט אויפן טיש. פרוי האופט האט עס גענוי איבערגעציילט און באהאלטן. נאכדעם האט זי ווידער אפגעווישט איר פעטע הענט און אנגעהויבן זיך אנטון. זי איז געווען אזוי דיק, אז יעדער ריר האט איר פארשאפט ווייטיק. זי האט געסאפעט און געזיפצט אומאויפהערלעך. אין יורגיס קעגנווארט האט זי אראפגעווארפן פון זיך דעם שלאפראק, ארויפגעצויגן אויף זיך דעם גארסעט און פארוואָרפן אויף זיך ס'קליידל. געגוג לאנג איז זי געשטאנען און גראציעז אנגעטון איר הוט, אבער נאך לענגער האט זי געזוכט דעם שירם, וואס איז געלעגן ערגעץ פארווארפן, דערנאך האט זי גענומען דעם בייטל מיט די נייטיקע זאכן. יורגיס איז געשטאנען ווי אויף הייסע קוילן. אויף דער גאס איז ער געלאפן מיט עטלעכע טריט פאראויס, פרוי האופט האט נישט געקאנט גיין גיך, זי האט געסאפעט, ווי א לאָקאָמאָטיוו.

ענדלעך זענען זיי אנגעקומען צום הויז. די איבערגעשראקענע ווייבער זענען נאך געזעסן אויפן זעלבן ארט וואס פריער. זיי האבן איבערגעגעבן יורגיסן, אז ס'איז נאך גארנישט. פרוי האופט האט אויסגעטון דעם קאפעלוש, איבערגעטון אן אלט קלייד, ארויסגענומען א סלאָיק שמאלץ און זיך אויסגעשמירט די הענט. וואס לענגער אן אקושעריז האלט דאס

שמאלץ, דאס מזלדיקער איז דער געבורט. טיילמאל האלטן זיי עס גאנצע יארן, באגראבן צווישן פארשידענע, שמוציקע זאכן.

זיי האבן זי צוגעפירט צו דער לייטער.

— גאט אין הימל! — האט זי אויסגעשריגן — וואוהין פירט איר מיך. איך וועל דארט נישט ארויפקלעטערן, איך וועל עס צומאל נישט פרווון, דאס לעבן איז מיר נאך ניחא! וואו האט איר אוועקגעלייט די קראנקע? ווי אזוי וועט זי דא געבוירן! אויף א בוידעם, געוואלד מענטשן, אויף א בוידעם א קינפעטארן. ווי האט איר אייך נישט געשעמט אזוינס צו טון.

יורגיס האט דאס אלץ אויסגעהערט. די אקושעריגס שטראף-ווערטער האט זיך אויסגעמישט צוזאמען מיט דעם יאושדיקן, ווייטיקלעכן געשריי פון אבען.

ענדלעך האט זיך זיי איינגעגעבן איר צוצורעדן. אבער נאך נישט דאס איז עס געווען אלץ. אויפן בוידעם האט מען באדארפט זיין שטארק פארזיכטיק, ווייל איין העלפט פאדלאגע איז נאר געווען אויסגעלייגט מיט ברעטער און די אנדערע העלפט נישט, ס'איז געווען גאנץ לייכט אראפצופאלן אונטן. ס'איז דארט געווען שטאק פינצטער, מ'האט איר געמוט צו-לייכטן מיט א ליכטל. יורגיס איז געשטאנען אונטן, ער האט געהערט די געשרייען און די קללות. דאס גאנצע הויז האט געציטערט, בעת פרוי האופט איז געגאנגען איבערן בוידעם.

אניעלי האט זיך אומגעקערט פון בוידעם און אנגעכאפט יורגיסן ביי א האנט:

— גיי, גיי אוועק פונדאנען, ביסט דא נישט נייטיק.

— וואוהין זאל איך גיין? — האט יורגיס געפרעגט אומבאהאלפן.

— כ'ווייס נישט. גיי ארויס אויף דער גאס. גיי וואו די ווילסט. זאלסט צוריקקומען ערשט אינדערפרי.

צוזאמען מיט מאריע האט זי אים ארויסגעשטופט פון שטוב און פארשלאסן אונטער אים די טיר אויפן שליסל. די זון איז אונטערגעגאנגען. ס'איז געווארן קאלט. פון הימל איז

געפאלן א טרוקענער שניי, די נאַסע ערד האט אנגעהויבן פרירן. יורגיס האט געציטערט אין זיינע לייכטע מלבושים. פון באַגינען אָן האט ער נאך גארנישט געהאט געגעסן, ער איז געווען הונגעריק, אָפּגעשוואַכט און קראַנק... פלוצלינג האט ער זיך דערמאָנט, אַז מיט עטלעכע טריט ווייטער געפינט זיך א שענק, וואו ער האט שוין אַמאָל געגעסן, טאָמער וועט זיך דער שענקער איבער אים דערבאַרמען, שענקן אים עפּעס, און אפשר וועט ער צופעליק באַגעגענען א פריינט, ער איז געגאַנגען זיכער, אָנגעשטרענגט די לעצטע כחות.

— האַללאָ, דזשעק, יואס מאכט מען גוטס—האט דער שענקער אויסגערופן, בעת יורגיס האט נאר אריבערגעטרעטן די שוועל פון שענק. דזשעק האט מען אין סטאָקיערדס גערופן אלע אויסלענדער און געמיינע ארבעטער: — וואו זענט איר געווען אין דער גאנצער צייט?

יורגיס האט זיך דערנענטערט צום בופעט:

— כ׳בין געזעסן אין תפיסה, נאר וואָס פון דאָרט אַרויס, כ׳האב נישט א סענט ביי דער נשמה, כ׳בין שרעקלעך הונגעריק, מ׳האט מיר צוגענומען מיין הייזל, מיין ווייב איז קראַנק, זיי האבן פון מיר געמאכט א תל.

דער שענקער האט געקוקט אויף אים מיט א פאַרשנדיקן בליק. ער האט באַמערקט, אז די אויגן זענען ביי אים איינגעפאַלן, ער איז געווען בלייך און איינגעצערט. דער שענקער האט ארויסגענומען פון דער גלאָז-שאַנק א גרויס פלעשל און דערלאנגט יורגיסן:

— טרונק א גלעזעלע.

יורגיס האט נישט געקאָנט האַלטן ס׳פלעשל אין דער האַנט.

— נו, דרייסטער — האט דער שענקער געשריגן.

ער האט אויסגעטרונקען א גרויס גלעזעלע בראָנפן, דער שענקער האט אים דערלאנגט צו פאַרבייסן, ער האט געגעסן וויפל ער האט נאר געקאָנט, גיריק געשלונגען דאס קאַלטע

פלייש, דערנאך האט ער זיך אוועקגעזעצט ביים אָנגעהייצטן אויוועלע און זיך געוואַרעמט.

אָבער די דאָזיקע אָנגענעמע רגהס האבן נישט לאַנג געדויערט. די וועלט איז געווען צו אים אומרחמנותדיק. זיינע נאסע קליידער האבן זיך אין דער וואַרעמקייט אָנגעהויבן טרוקענען און דער ריח פון דעם קינסטלעכן באמיסטיקונג האט זיך צעשפרייט איבער דער שענק. אין אַ שעה אַרום, ווען די פאבריקן וועלן זיך אפשטעלן, וועלן די ארבעטער קומען אהער עסן, אבער דער געשטאַנק וועט זיי פארטרייבן פונדאַנען. חוצדעם איז עס געווען אין אַ שבתדיקן טאָג, אין דעם טאָג שפילט אין דער שענק אַ קאַפּעלע, א פידעל מיט אַ הארמאניע. ס׳קומען ציך צונויף גאנצע פאמיליעס, זיי טרונקען ביר, עסן הייסע קישקעלעך, ווייַלן זיך אַ גאנצער נאַכט. דער שענקער האט זיך אַ קראַץ געטון אין קאָפּ און צו אים געזאָגט:

— מיין טייערער, כ׳האב מורא, אז וועסט זיך מוזן אפטראָגן פונדאנען.

דער שענקער איז שוין געווען צוגעוויינט צו פאר־שידענע אַוואַנטורעס. יעדער נאכט האט ער ארויסגעווארפן אַ טוץ אזוינע פאַרשוינען אינטער דער טיר. זיי פלעגן ציטערן פון קעלט. די אויגן זענען ביי זיי געווען איינגעפאלן, עלנט אומגליקלעך. אָבער יענע זענען געווען מענטשן, וואס האבן שוין פארלוירן אַלץ, צעבראָכן אונטער זיך אַלע בריקן, און יורגיס האָט געקעמפט ווייטער, נאך געהאט א סך צו פאר־לירן. הכנעהדיק האט ער זיך אויפגעשטעלט און צוגעגאנגען צו דער טיר. דער שענקער האָט זיך פאַרטראכט, ער האָט זיך דערמאָנט, אַז יורגיס איז תמיד געווען אַ סאלידער מענטש און ס׳וועט נאָך זיין פון אים א גוטער קונה.

כ׳זעע, אַז ס׳איז אייך שלעכט, קומט מיט מיר.

ער האט אים צוגעפירט צו די טרעפּ, וואס האבן גע־פירט אין אַ קעלער. דער קעלער האט געדינט פאר שכורים, וואס האבן געהאַט ביי זיך עפּעס געלט אדער פאר אזעלכע

הויכגעשטעלטע לייט, וועמען ס'האָט נישט געפּאַסט שכורהייט אַרויסצוּוואַרפן אויף דער גאַס.

אין דעם קעלער האָט יורגיס פאַרבראַכט אַ גאַנצע נאַכט. דער בראָנפן האָט אים עטוואָס דערוואַרעמט. אָבער ער איז געווען צו־ביל פאַרמאַטערט צו קאָנען איינשלאָפן. מינוטנווייז האָט ער אַראָפּגעלאָזט דעם קאָפּ אויף דער ברוסט, ער האָט געציטערט, געווען פאַרזונקען אין אַ ים מחשבות.

די שעהן זענען געלאָפן איינע נאָך דער אַנדערער. ער האָט געהערט די מוזיק, דאָס פריילעכע געלעכטערל און דאָס אָפּקלינגען פון די גלעזלעך. פּלוצלינג איז געוואָרן שטיל, די מוזיק האָט אויפגעהערט שפּילן און דער עולם איז זיך פונאַנדערגעגאַנגען. ער איז געווען זיכער, אַז יעצט וועט מען אים אַרויסלאָזן, אָבער ס'איז קיינער נישט געקומען, ווי מ'וואָלט לגמרי אָן אים פאַרגעסן.

ער האָט אָנגעקלאַפּט אין דער טיר, דער שענקער איז אָנגעקומען, געגענעצט און אויסגעריבן זיך די פאַרשלאָפענע אויגן. זיין שענק איז געווען אָפן א גאַנצע נאַכט, ער איז קיינמאָל נישט געווען אויסגעשלאָפן. יורגיס האָט געזאָגט:

— כ'מוז גיין אַהיים צו מיין ווייב, כ'בין איבערגעשראָקן, כ'קאָן דאָ לענגער זיך נישט פאַרזוימען.

— צו אַלדע רוחות, פאַרוואָס האָט איר דאָס באַלד נישט געזאָגט! כ'האָב געמיינט, אַז איר האָט נישט וואו צו שלאָפן.

יורגיס איז אַוועקגעגאַנגען. ס'איז געווען פיר פאַרטאָג אין דרויסן איז געווען שטאָק פינצטער. דער שניי איז גע-פאַלן אומאויפהערלעך, געלעגן עוין אויף פיר צאָל דערהייך. יורגיס איז געגאַנגען גיך, אין איין אָטעם.

אין קיך־צימערל האָט זיך געלויכטן און ס'פענצטער איז געווען פאַרשטעלט. די טיר האָט זיך געעפנט. יורגיס איז אַריינ-געפאַלן ווי א שטורם־ווינט:

— וואָס הערט זיך? — האָט ער געפרעגט.

קיינער האָט אים נישט געענטפערט. אַלע האָבן זיי גע

קוקט אויף אים מיט זייערע איבערגעשראָקענע, איינגעפאלענע אויגן.

— ענטפערט מיר, וואָס עס הערט זיך? — האט ער געפרעגט אַכאַמאָל.

אין דער שוואכער לייכטיקייט פון דער לאָמפּ האָט ער באַמערקט מאַריעס פּנים. זי האָט געשאָקלט מיטן קאָפּ און שטיל געשעפּטשעט:

— נאָך גאָרנישט.

יורגיס האָט יאושדיק איבערגעחזורט:

— נאָך נישט!

מאַריע האָט ווידער צוגעשאָקלט מיטן קאָפּ. יורגיס האָט זיך אַוועקגעזעצט אויף אַ שטול.

ס׳איז דאָך שטיל — האט ער געזאגט — איך הער דאָך נישט איר קול.

— זי שווייגט שוין אַזוי אַ לענגערע צייט.

אַ טויטע שטילקייט. פּלוצלינג האָט זיך געהערט אַ קול פונדערהייך:

— העי, קומט ווער ארויף פון אונטן.

די ווייבער האָבן זיך אויפגעשטעלט פון זייערע ערטער. מאַריע האָט פארהאַלטן יורגיסן: — דו וואַרט דאָ. זיי זענען ביידע געשטאַנען, געציטערט און געוואָרט. פרוי האַופּט האָט אַראָפּגעקלעטערט פון דער לייטער, וואס האט זיך געבראכן אונטער איר וואָגיקן קערפּער, זי האט געשאָלטן, אַ פאַרסאַפּעטע און צאָרנדיקע אריינגעקומען אין שטוב. יורגיס האָט געטון אַ בליק אויף איר און ער איז געוואָרן בלייך ווי קאלך. זי האט אַראָפּגעצויגן פון זיך ס׳שמוציקע קלייד, אין איר נאַקעטקייט איז זי געווען ענלעך צו אַ קיילער־יונג. די הענט זענען געווען ביז צו די אקסל איינגעטונקן אין בלוט, אויך ס׳קלייד און ס׳פּנים איז געווען באשפּריצט מיט בלוט. זי האָט זיך אומגעקוקט אַרום צימער, אַלע האָבן געשוויגן.

— כ׳האב געטון וואָס כ׳האָב נאָר געקאָנט. ס׳האָט גאָרנישט געהאָלפן.

זי האָט באַלד צוגעגעבן.

ס'איז נישט מיין שולד. ס'איז געווען נייטיק אַ דאָקטאָר, איבעריקנס האט איר נישט באדארפט אַזוי לאַנג וואַרטן. ווען כ'בין געקומען איז שוין געווען צו שפּעט.

קיינער האט נישט געוואַגט איבערצורייסן די שטילקייט, מאַריע האט זיך מיט דעם געזונטן אָרם פעסט אָנגעקלאַמערט אָן יורגיסן.

פרוי האַופּט האט זיך געווענדט צו אַניעלי:

— גיט מיר עפּעס צו טרונקען, בראַנפן אדער קאָניאַק.

אַניעלי האט געשאָקלט מיטן קאָפּ אויף נישט.

— גאָט מיין אייבציקער, וואס פאַרא מענטשן זענט איר! אפשר האט איר עפּעס עסן? כ'האב דאך שוין נישט געגעסן פון נעכטן אינדערפרי, געווארן פארמאטערט פון דער שווע־רער אַרבעט. כ'וואָלט געווען געוואוסט, ווי אַזוי דאָ זעט אויס, וואָלט איך פאר קיין שום געלט נישט געקומען אהער.

זי האט זיך אויסגעדרייט, באמערקט יורגיסן און אים גע־דראָט מיטן פינגער.

— איר זאָלט וויסן, אַז דאָס איבעריקע וועט איר מיר מוזן צוגעבן. דאס איז נישט מיין שולד, אַז איר האָט מיך גע־רופן שוין צו שפּעט. וואס האב איך געקאנט טון, אַז דאס קינד איז געקומען אויף דער וועלט מיט איין הענטל און ווייטער זיך נישט געקאנט רירן! כ'האב זיי נישט געקאנט ראטעווען, נישט זי און נישט דאס נפשל, געארבעט אַ גאנצע נאכט, ביי אזוינע באדינגונגען, ס'איז דאָך דארט ערגער, ווי אין אַ שטאַל. צו דעם אַלעם בין איך געווען שרעקלעך הונגעריק, נאך אַ בס, וואס כ'האָב מיר עפּעס מיטגענומען פון שטוב.

זי האט איבערגעריסן, כדי צו כאַפּן דעם אָטעם. מאַריע האט באמערקט, אז אויף יורגיס שטערן זעצט ארויס גרויסע טראָפּנס שווייס, ער האט אינגאנצן געציטערט, זי האט געפרעגט:

— ווי פילט זיך די קראנקע?

פרוי האַופּט האָט האסטיק געענטפערט:

— ווי אַזוי זאָל זי זיך פילן. איר האט געמאכט פון איר

אַ תל. כ'האָב עס איך נאָך געזאָגט, ווען איר האָט געשיקט באָכן גייסטלעכן. זי איז געווען יונג, געקאָנט גאַנץ לייכט דורכמאַכן דעם געבוירט, געקאָנט נאָך לעבן לאַנגע יאָרן, זי האָט באַדאַרפט גוטע דערנערונג, זי ראַנגלט זיך נאָך מיטן טויט, נאָך נישט אויסגעגאַנגען.

— יורגיס האָט יאָושדיק אויסגעשריגן:

— וואָס! אָנע שטאַרבט?

פרוי האופט האָט צאָרנדיק געענטפערט:

פאַרשטייט זיך, אַז זי וועט שטאַרבן, ס'קינד לעבט שוין נישט. . . . .

. . . .

דער בוידעם איז געווען שוואַך באַלויכטן פון אַ ליכטל, וואָס האָט זיך נאָר וואָס געהאַלטן אין פאַרלעשן. יורגיס איז אַרויף אינדערהייך. אין אַ ווינקל אויף אַ באַרג שטרוי, צווישן שמאַטעס איז געלעגן זיין ווייב. ביי די פיס איז געשטאַנען אַ צלם, ביי דער זייט האָט געקניט אַ גייסטלעכער און שטיל געשעפּ־טשעט אַ תפילה. אין אַ צווייט ווינקל האָט געקניט די מומע עלזע און הויך געוויינט.

אָנע איז געלעגן איבערגעדעקט מיט אַ טוך, ס'האָבן זיך אַרויסגעזעען אירע דאַרע אָרעמס, קוים וואָס ער האָט איר דערקענט, זי האָט אויסגעזעען ווי אַ שקעלעט, די אויגן האָט זי געהאַלטן פאַרמאַכט, זי איז שוין געווען כמעט טויט. יורגיס איז אַנידערגעפאַלן לעבן איר און זיך צעוויינט אויפן קול:

— אָנע, אָנע!

זי איז געלעגן אומבאַוועגלעך. ער האָט פאַרצווייפלט איר אָנגעכאַפּט ביי אַ האַנט און געשריגן:

— קוק אויף מיר, דאָס בין איך. יורגיס, דיין יורגיס, דערקענסט מיך נישט?

זי האָט לייכט אַ באַוועג געטון מיט די ברעמען. יורגיס האָט געשריגן.

— אָנע, מיין ליבע אָנע!

די גוטסדיקע פרוי האָט אַ ווייַלע ברייט צעעפנט די אויגן

און אויפגעלויכטן האט אין די אויגן דער באַוואוסטזיין, ווי א פארגעגגלעכער, גיך פארלאשענער בליץ.

אומזיסט האט ער געבעטן, גערופן, אירע ברעמען האבן זיך פאַרמאַכט. ער האט זי געהאלטן אין זיינע הענט, געפילט, אז זי גייט שוין אוועק פון אים אויף אייביק. דאס געוויין האט אים געשטיקט אין האַלדז, פון די אויגן האבן געגאָסן צוויי טייכן טרערן. ער האט געציטערט איבערן גאנצן לייב. ער האט זיך אוועקגעלייגט לעבן איר, אַרומגענומען זי, געקושט אירע הענט, צוגעטוליעט זי צו זיין בחוסט. אבער זי איז שוין גע-ווען קאַלט, אומבאַוועגלעך. זי איז געשטאָרבן, געשטאָרבן אויף אייביק.

די ווערטער האבן אָפגעקלונגען אין זיין מוח, ווי די קלאַנגען פון א גרויסן גלאָק, אויפגעטרייסלט זיין נשמה. ס׳איז אים באַפאַלן אַן אימה, אַן אימה פאַר דער פינצטערניש, פאַר דער פוסטקייט, פאַר אונטערגאַנג.

אָנע לעבט שוין נישט! מער וועט איר זי שוין נישט זעען, נישט הערן איר קול. ער האט זיך געפילט פארשטויסן, צעבראָכן, באַהערשט פון אַן אימהדיקע, פארשטיקטע איינזאַמ-קייט, געווען ארומגערינגלט מיט א וועלט שאָטנס, פאַרגעגגלע-כע חלומות. אין דער דאָזיקער ווייטיק און פחד האט ער זיך געפילט אוממעכטיק ווי אַ קליין קינד. ער האט גערופן, אבער קיינער האט אים נישט געענטפערט, ער האט נאר געהערט דעם אָפקלאַנג פון זיין שטים.

דער גייסטלעכער האט זיך אויפגעשטעלט און צוגעגאנגען צו אים, ער האט ארויפגעלייגט זיין האנט אויף יורגיס אקסל און געריידט צו אים צארט. יורגיס האט גאָרנישט געהערט, גאָרנישט פארשטאנען, ער איז געפאלן אויפן פנים, ס׳האט זיך אים געדוכטן, אז א גייסט איז אוועק פון אים אין די הימלען אויף אייביק, אייביק.

ער האט זיך אויפגעשטעלט. גראָע טאָג-שטראלן האבן זיך אריינגעגאָסן אין בוידעם. דער גייסטלעכער איז אוועקגעגאנגען, די ווייבער זענען אויך אראָפגעגאנגען און ער איז אליין כסדר

געלעגן אויף דער פאָדלאָגע. פון צייט צו צייט האט ער אויפ־געהויבן דעם קאָפּ, געקוקט אויף דער פארשטאָרבענער, אויף איר וואקסן פנים, ווידער האט ער פארשטעלט דאס פנים מיט די הענט, נישט געקאָנט פארטראָגן דאס בילד זי לעבט שוין נישט, זי לעבט שוין נישט! זי איז נאך יונג, קוים אלט אכצן יאָר, ערשט אָנגעהויבן בליען און שוין פארלאָשן, געשטאָרבן.

ס'איז שוין געווען גוט ליכטיק, ווען ער איז אראָפּגע־גאנגען אין קיך־צימערל. זיינע ווילדע אויגן האבן אנגעוואָרפן אויף יעדן א פּחד, דאס פנים איז געווען פון אַש קאָליר. אין קיך־צימערל זענען זיך צונויפגעקומען די שכנים, זיי האבן גע־קוקט אויף אים רחמנותדיק. ער האט זיך אוועקגעזעצט אויף א שטול לעבן טיש און פארשטעלט ס'פנים מיט די הענט.

פלוצלינג האט זיך געעפנט די טיר, א קאלטער ווינט אויסגעמישט מיט שניי האט זיך אריינגעריסן אין דער קיך. די קליינע קאטערינע איז אין איין אָטעם אריין אין שטוב.

— כ'בין דא, קוים וואס כ'בין דערגאנגען.

זי האט באמערקט יורגיסן און איז אנטשוויגן, זי האט פארשטאנען, אז ס'איז עפּעס געשען.

— וואס איז דא געשען?

און איידער זי האט נאך באקומען אן ענטפער, האט זיך יורגיס אויפגעשטעלט פון דער שטול און זי געפרעגט:

— וואו ביסטו געווען?

— כ'האב פארקויפט צייטונגען. דער שניי...

— האסט עפּעס געלט?

— יאָ.

— וויפל?

— דריי דאָלאר.

— גיב!

זי איז געוואָרן איבערגעשראָקן פון זיין צאָרנדיקער שטים, קאַטארינע האט געקוקט אויף די איבעריקע, יורגיס האט געשריגן:

— געב !

זי האט ארויסגעצויגן א פארבונדענע שמאטקע. יורגיס האט עס ארויסגעריסן פון איר האנט און איז ארויס פון שטוב.

מיט דריי טויערן ווייטער האט זיך געפונען א שענק.

— בראָנפן—האט ער אויסגעשריגן באלד ביים ארײנקום.

מיט די ציין האט ער צעריסן די שמאטקע, אין וועלכן ס׳איז געווען איינגעוויקלט ס׳געלט, ער האט ארויסגעצויגן א האלבן דאָלאר און געפרעגט:

— וויפל קאָסט א גאנץ פלעשל ? איך וויל טרונקען, כ׳וויל זיך אָנשפּורן.

צוואָנציקסטער קאַפּיטל

אַ מענטש, וואָס פאַרמאָגט נאָר דריי דאָלאַר קאָן נישט זיין לאַנג שכור. יורגיס איז אַריין אין שענק זונטאג אינדערפרי, און מאָנטאג ביינאַכט האָט ער אַ ניכטערער און צעבראָכענער זיך שוין אומגעקערט אַהיים. דאָס געוויסן האָט אים שרעקלעך געפּייניקט, ער האָט אויסגעגעבן ס׳גאַנצע געלט און דאָך אויף אַ האָר נישט פאַרגעסן אין די שרעקלעכע געשעענישן.

אָנע איז נאָך נישט געווען באַגראָבן, אָבער די פּאָליציי איז שוין געווען אינפאָרמירט וועגן אַלץ. צומאָרגנס האָט מען זי באַדאַרפט אַריינלייגן אין אַ געוויינלעכער הילצערנער טרומנע און קובר זיין אויפן בית-הקברות פאַר אָרעמע. די מומע עלזע איז געגאַנגען צו די שכנים, געבעטלט ביי זיי געלט אויף אָפּצוריכטן אַ טרויער-תפילה. די קינדער זענען אויסגעגאַנגען פון הונגער און ער יורגיס האָט פאַרטרונקען ס׳גאַנצע געלט.

אַניעלי, די ווירטן האָט אָן אויפגערעגטע דאָס אַלץ אים יעצט פאָרגעוואָרפן. זי האָט געזאָגט, אַז זי וויל לגמרי נישט ליידן פון זיין געמיינער אויפפירונג. צוליב אָנען האָבן זיי זיך טאַקע אַלע געשטופּט אין איין ווינקל, אָבער יעצט קאָן ער זיך אָפּטראָגן אויפן בוידעם, דאָרט איז זיין אָרט, אָבער אויך נישט אויף לאַנג, וויבאַלד ער וועט נישט צאָלן קיין דירה געלט.

אַ שווייגנדיקער האָט ער פאַרלאָזט דאָס קיך-צימערל, דורכגעגאַנגען דורך עטלעכע לאָקאַטאָרן און אַרויפגעקלעטערט אויף דער לייטער

אויפֿן בוידעם איז געווען פֿינצטער, קאַלט ווי אין דרויסן. זיי האָבן נישט געהאַט קיין געלט אויף ליכט און נישט קיין קוילן צו ברענען. אין אַ ווינקל, עטוואָס אָפּגערוקט פֿון דער פֿאַרשטאָרבענער אָנע איז געזעסן מאַריע. אין אירע קרעפּטיקע הענט האָט זי געהאַלטן דער פֿאַרשטאָרבענערס קליין זונדעלע און זיך באַמיט אים איינצושלעפֿן. אין אַ צווייט ווינקל איז געזעסן דער קליינער יוזאָפֿאַס און שטיל געוויינט, ער האָט נאָך אינגאַנצן נישט געהאַט געגעסן. מאַריע האָט נישט אויס־גערעדט צו יורגיסן איין וואָרט, ער האָט זיך אַריינגעשאַרט, ווי אַ צעשלאָגענער הונט און זיך אוועקגעזעצט ביי זיין טויט ווייב.

גאַנץ מעגלעך, אַז יעצט האָט יורגיס באַדאַרפֿט אַ טראַכט טון וועגן די הונגעריקע קינדער, וועגן זיין אייגענער ירידה, אָבער ניין, זיינע געדאַנקען זענען געווען פֿאַרנומען מיט אָנען. ער האָט נישט געוויינט, נישט געלאָזט קיין איין טרער, נישט געוואָלט שטערן די רויקייט. ער איז געזעסן אומבאַוועגלעך, פֿאַרזונקען אין זיין טרויער. יעצט האָט ער באַגריפֿט ווי וויט ער האָט זי געהאַט ליב, יעצט, ווען ער האָט איר שוין נישט געהאַט. מאָרגן וועט מען זי אַרויסנעמען פֿונדאַנען, אוועקטראָגן זי אויף דעם בית־הקברות און באַגראָבן. ער וועט זי שוין קיינ־מאָל נישט זען, קיינמאָל נישט אין זיין לעבן.

די אַלטע ליבע צו איר האָט זיך געוועקט אין אים אויפֿסניי, די ליבע, וואָס איז תּמיד געווען דערשלאָגן פֿון דער אָרעמקייט און פּיין. די פֿאַרגאַנגענהייט האָט צוריק פֿאַר אים אויפֿגעטויכט. ער האָט זיך געזען אין ליטאַ, אויף יענעם יאַריד, דאָרט אין אָנעס פֿאָטערלאַנד. זי איז געווען שיין, ווי אַ בלום אין פֿרילינג, ווי אַ פֿויגל. ער האָט איר געזען אין חופּה־טאָג, נאַיוו, נישט דרייסט, אָבער ליבלעך. אירע אַמאָליקע ווערטער האָבן נאָך יעצט אָפּגעקלינגען אין זיינע אויערן. ער האָט געפֿילט די טרערן, וואָס האָבן גערונען אויף זיין פּנים, איבערגעלעבט דעם שרעקלעכן געראַנגל, די אָרעמקייט, הונגער. דאָס אַלץ האָט אים געמאַכט האַרט,

אבער זי איז תמיד געווען די זעלבע, סענטימענטאל און איבער־געגעבן, תמיד אויסגעשטרעקט צו אים די הענט, אז ער זאל זי אומארמען, געבעטן זיך ביי אים א גוט ווארט, אבער ווי גרויס עס זענען געווען אירע ליידן, וואס פארא שרעקלעכקייטן זי האט דורכגעמאכט. גאט מיין איינציקער, ס'איז אוממעגלעך וועגן דעם צו טראכטן! און ער, ווי שלעכט ער איז זיך מיט איר באגאנגען, געווען צו איר הארט און שטרענג!

יעדעס שלעכטע ווארט, וואס ער האט צו איר אמאל ארויסגערעדט, האט יעצט געפייניקט זיין געוויסן, געשניטן זיין לייב, ווי מיט שארפע מעסער. ער האט ארויפגעלייגט די הענט אויף איר הארץ, אבער זי איז געווען גלייכגילטיק צו אלץ. ער האט געוואלט שרייען, פארלייכטערן עטוואס זיינע ליידן. א קאלטער שווייס האט ארויסגעזעצט אויף זיין שטערן, אבער דאך האט ער נישט געוואגט אויסצורעדן איין ווארט. ...יר האט זיך געשעמט, ס'האט אים געעקלט פאר זיך אליין.

שפעט ביינאכט איז אנגעקומען די מומע עלזע, ס'האט זיך איר איינגעגעבן צונויפצוזאמלען א ביסל געלט אויף א טרויער־תפילה. זי האט עס אווקגעגעבן פריער, מורא געהאט, אז זי זאל עס נישט אויסגעבן אויף עסן. זי האט געברענגט א שטיקל דאר קארן ברויט, וואס עמיצער האט איר געשאנקען. מיט דעם שטיקל ברויט האט זי עטוואס געשטילט דעם הונגער ביי די קינדער. דערנאך האט זי זיך אוועקגעזעצט לעבן יורגיסן.

זי האט אים נישט געמאכט קיין פארווארפן. צוזאמען מיט מאריען האט זי באשלאסן אים גארנישט צו רעדן, נישט שטראפן, פארקערט, נאך אים טרייסטן. די מומע עלזע האט געשטיקט אין זיך די טרערן, דער פחד האט דערשטיקט דעם טרויער. זי האט שוין באגראבן דריי קינדער און ביי יעדן קלאפ האט זי אויפסניי אנגעהויבן דעם נעראנגל פאר די איבעריקע.

זי איז געווען א פשוט מענטש, געלעבט לויטן אלטן שטייגער, געווען געגליכן צו א רעגן־ווארם, וואס כאטש ער איז צעשניטן אויף שטיקער, לעבט ער דאך ווייטער, ווי א יונג הינדל, ביי וועלכע מ'נעמט אוועק די קליינע הינד־

לעך, נאר כאטש איינס זאל מען איר איבערלאָזן, זי זאל קאָ־נען פאר דעם איינעם זארגן און עס באשיצן. אזוי איז געווען די נאַטור פון דער מומע עלזע. זי האט זיך לגמרי נישט גע־שטעלט די פראַגע, צי דאָס אַלץ קומט זיי, צי ס׳איז בכלל ווערט צו לעבן אַזאַ לעבן, וואס פירט צו אונטערגאַנג, צו טויט.

די דאָזיקע אייגנשאַפטן האט זי זיך באַמיט איינצופלאַנצן אין יורגיסן. זי האָט זיך אָוועקגעזעצט לעבן אים און מיט די טרערן אין די אויגן אים געטרייסט. יאָ, אָנע איז שוין געשטארבן, אבער עס לעבן נאך די איבעריקע און דארפן נאָך לעבן. זי און מאַריע וועלן זיך שוין אַליין אַן עצה געבן, פאַר אירע קינדער וועט זי שוין אַליין זאָרגן. אבער ער, יורגיס האָט דאך אַ זון, דעם קליינטשינקן אַנטאַנאַס. אָנע האט דאך אים באַשאָנקן מיט דעם קינד, דער איינציקער אָנדענק נאָך איר. יורגיס דאַרף אים ליבן, דערציען אים, זאל ער באַווייזן, אז ער איז אַ מאַן. אָ, ווען אָנע וואָלט אַזוי געקאָנט יעצט רעדן צו אים וואלט זי אים זיכער געבעטן, אז ער זאל נישט פאַר־געסן אָן קינד.

יאָ, ס׳איז געווען שרעקלעך, זי איז געשטאָרבן מיט אַ טראַגישן טויט, אבער איר לעבן איז סיי ווי געווען אומער־טרעגלעך. זי האָט געמוזט שטאַרבן. ס׳איז געווען זייער טרויע־ריק דערמיט, וואס ס׳איז נישט געווען אויף א געהעריקע קבורה, אבער ס׳איז נישט געווען קיין אנדערע ברירה, זייער גאַנץ לעבן איז סיי ווי געווען איינגעשטעלט אין קאָן. זיי האבן גאָר־נישט געהאט, די קינדער זענען געשטאָרבן פון הונגער...

יעצט האבן זיי זיך געגייטיקט אין געלט. יורגיס האָט אויס ליבשאַפט צו דער פאַרשטאָרבענער באַדאַרפט באַווייזן, אז ער איז אַ שטאַרקער מאַן, פעיק אויף געבן זיך אַן עצה. זיי האבן שוין נישט געהאט דאס הייזל, געקאָנט זיך דערנערן פאַרן מינדעסטן לוין. די קינדער זענען געווען גרייט צו אַרבעטן. יאָ, זיי ווילן זיך אַן עצה געבן.

אזוי האט גערעדט צו אים די מומע עלזע, אַ צעפלאַמטע. זי האט זיך געראַנגלט פאַרן קיום, נישט געהאט קיין מורא, אז

יורגיס זאָל אָנהייבן שפּורן, ווייל ער האט נישט געהאט קיין געלט. איר האט נאר געפּייניקט דער געדאַנק, אז ער קאָן זיי פאַרלאָזן ווי יאָנאַס.

ער איז געזעסן לעבן זיין פאַרשטאָרבן ווייב און לגמרי נישט געטראַכט וועגן פאַרלאָזן ס׳קינד. יאָ, ער וועט נאָכאַמאָל אָנהייבן דעם קאַמף, טועך עס פאַרן קליינעם אַנטאַנאַס. דאס קינד טאר נישט ליידן הונגער, נאך מארגן וועט ער זיך אומקערן צו דער ארבעט, נישט וואַרטן אפילו ביז נאך אָנעס לויה. זאלן זיי זעען, אז ער האלט וואָרט.

צומאָרגנס איז ער אויפגעשטאַנען פאַרטאָג, ער האט געפילט אַ ווייטיק אין קאָפּ און אין האַרץ. ער איז אוועק גלייך צו דער מיסט-פאַבריק, געוואלט זיך דערוויסן צי זיין אָרט איז נאך פריי. דער אויפזעער האט אים דערזעען און געשאָקלט מיטן קאָפּ.

— אפשר וועט זיך עפּעס מאכן א פרייער פּלאַץ?

— ניין, פאר אייך קיינמאָל נישט.

יורגיס האט אויסגעשטאַרצט די אויגן:

— פאַרוואס? כ׳האב דען געארבעט שלעכט.

דער אויפזעער האט געקוקט אויף אים קאַלט.

כ׳האב שוין געזאָגט, אז ס׳וועט נישט זיין, מער האב איך נישט וואס צו זאָגן.

יורגיס האט אָנגעהויבן פאַרשטיין, פארוואָס זיי ווילן אים נישט צו דער ארבעט. מיט אַ באַשווערט האַרץ האט ער פאַרלאָזט די מיסט-פאַבריק, ער איז אוועק צו די מחנות הונגעריקע, אָרעמע ארבעטלאָזע, וואס זענען געשטאַנען ביי די טוירן פון די פאַבריקן און געבעטלט ארבעט. זיי זענען געשטאַנען אזוי לאַנג, ביז די פּאָליציי האט זיי צעטריבן מיט שטעקנס.

אין דער דאזיקער צייט, בעת יורגיס האט געארבעט אין שעכטהויז, האט ער זיך ערוואָרבן אַ ברייטע באַקאַנטשאַפט, ער האט גוט געקענט די שענקן, וואו ער האט באַקומען אויף קרעדיט אַ גלעזעלע בראַנפן און אַ צובייס. די חברים פון פאריין האָבן אים ארויסגעהאָלפן מיט אַ קופּערנער מטבעה אין אַן

עת צרה. ס׳איז זיך נישט געווען וואס צו איילן. ער האט געקאנט גאנצע וואכן זוכן ארבעט און ווי ס׳איז דורכלעבן. אזוי האבן געלעבט הונדערטער און טויזנטער ארבעטער. די מומע עלזע האט געבעטלט אין היידפארק-קווארטאל, די קינדער האבן אויך עפעס געברענגט א היים, זיי האבן געקאנט ווי ס׳איז דורכלעבן.

נאך לאנגע וואכן פון פיין, ערווארטונג, שלעפן זיך פון איין פאבריק צו דער אנדערער און פון איין שענק צו דער אנדערער, האט ענדלעך פאר אים אויפגעבליצט א פונק האפענונג. אין דער גרויסער פאבריק, וואו יאנאס האט אמאל געארבעט, האט ער זיך באגעגנט מיט אן אויפזעער און יענער האט אים אפגעשטעלט:

— איר קאנט שטופן א וועגעלע?

— יא, מיין הער.

— אייער נאמען? — האט יענער געפרעגט

— יורגיס רודקוס.

— איר האט שוין ווען געארבעט אין די שעכטהייזער?

— יא.

— וואו?

— ביי בראונען און אין דורהאמס פיסט-פאבריק.

— פארוואס האט מען אייך באזייטיקט?

— ס׳ערשט מאל צוליב א פארפאל, ס׳צווייטע מאל האב איך געמוזט אפזיצן תפיסה.

— אזוי, נו מיר וועלן אייך פרווון, קומט מארגן און פרעגט אייך צו הער טאם.

א צופרידענער איז ער געלאפן א היים. ער האט שוין ווידער ארבעט. ענדלעך האט גענומען א סוף צו דער דאזיקער צייט פון ערווארטונג. די גאנצע פאמיליע איז געווען פריילעך. צומארגנס איינדערפרי איז ער נאך מיט א שעה פריער געשטאנען פארן טויער פון דער פאבריק. דער אויפזעער איז אנגעקומען. ער האט באמערקט יורגיסן און פארינצלט דעם שטערן:

— איך האב אייך צוגעזאגט ארבעט, אַ ?

— יאָ, מיין הער.

— מ'באַדויער עס זייער. כ'קאָן אייך נישט געבן קיין ארבעט.

— פארוואס, וואס איז געשען? — האט יורגיס געשטאמלט,

— גארנישט, איך דארף אייך נישט און אַן עק.

ער האט געקוקט אויף יורגיסן מיט א קאלטן, פיינדלעכן בליק, ווי יענער אויפזעער פון דער מיסט-פאבריק. ער האָט געהאלטן, אַז יעדעס וואָרט וועגן דעם איז איבעריק. ער האָט זיך אויסגעדרייט און אוועקגעגאנגען.

אין דער שענק האבן די ארבעטער אים אויפגעקלערט די געהיימניס פון דער זאך. זיי האבן געקוקט אויף אים מיט רחמנות. אָרעמער יורגיס! ער איז פארצייכנט אויף דער שווארצער ליסטע. וואס האט ער אזוינס געטון? צעשלאָגן אן אויפזעער? ער האט באדארפט וויסן, וואס דאס הייסט אזוינס צעשלאָגן אן אויפזעער. נאכדעם צו באקומען ארבעט אין די שעכטהייזער איז פונקט ס'זעלבע, ווי באמיען זיך וועגן אמט פון שטאט-פרעזידענט אין טשיקאגאָ. ס'איז נעבעך אַ שאָד די צייט! די שווארצע ליסטע האט זיך געפונען אין אלע שעכט-הייזער און אין די איבעריקע פלייש-פאבריקן. זיין נאמען איז נישט נאר געווען באקאנט אין טשיקאגאָ, נאר אפילו אין סט. לויס, נויארק, אָמאַהאַ, באָסטאן, קאַנסאס-סיטי, און אין סט. דזשאָזעף. אָן א פראצעס און אָן א מעגלעכקייט צו אפעלירן איז ער געווען פאראורטיילט קיינמאָל נישט צו באקומען ארבעט אין די שעכטהייזער פון טשיקאגא, נישט צום רייניקן די שטאלן און אפילו נישט צו שטופן א וועגעלע. הונדערטער פאר אים האבן שוין געפרוווט פראטעסטירן, אבער זיי האבן גארנישט געקאנט אויפטון.

די פאבריקאנטן האבן אפילו נישט געהאלטן פאר נייטיק צו ענטפערן אַ וואָרט מער, אַז די ווערטער: מיר דארפן אייך נישט. אפילו טוישן די נאָמען וואלט אויך נישט גע-האָלפן. די געזעלשאפט האט געהאט אירע שפיאָנען, דער

פאַרצייכנטער ארבעטער האט געקאנט דארט ארבעטן העכסטנס דריי טעג, און דערנאך וואלט ער פלוצלינג געווארן באַזייטיקט. די שווארצע ליסטע דאס איז געווען אַ מעכטיק געווער אין די הענט פון די פאַבריקאנטן, מיט דער הילף פון דער שוואַרצע ליסטע האבן זיי געהאלטן אין דער קלעם די אַרבעטער, געשטערט די אַגיטאציע אין די פאַראיינען און צונישט געמאכט יעטוועדן פאָליטישן אַרויסטריט.

יורגיס האט זיך אומגעקרט אַ היים און דערציילט די געשיכטע פארן בני-בית. יעצט האט ער זיך געפונען אין זייער אַ טרויעריקער לאַגע. אין טשיקאַגאָ איז ער שוין געווען ווי ביי זיך אינדערהיים, ער האט געליטן, אבער שוין געווען צוגעווינט צו אלץ. דאָ האט ער געהאט חברים, זיין אייגענע וועלט. אָבער פלוצלינג איז ביי אים געוואָרן אַוועקגענומען יעטוועדער מעגלעכקייט צו געפונען ארבעט.

אומגעפער אַ האלבע שעה האט ער געשמועסט מיט די ווייבער. טאָמער וואָלט זיך אים איינגעגעבן צו געפונען ארבעט אין שטאָט גופא, די קינדער האבן דאך אויך דאָרט פארדינט. מאַריע האט שוין באַדארפט ווערן געזונט, זי איז געוועזן זיכער, אז זי וועט צוריק באַקומען איר שטעלע. נישט געקוקט אויף דער גרויסער אָרעמקייט און הונגער, וואס זיי האבן געליטן, האט זי זיך דאך איינמאָל אין דער וואָך געזעען מיט קושלעיקין, ס'איז איר נעווען אַ שאָד אים אַוועקצוווארפן. די מומע עלזע האט געהאָפט צו באַקומען אַרבעט אין דורהאמס ביוראָאָן ביים וואשן די פאָדלאָגעס. זיי האבן באשלאָסן, אז יורגיס זאל זוכן זיין מזל אין שטאָט גופא. ער האט שוין נישט געהאט ביי וועמען צו באָרגן, בעטלען האט שוין גערדראָט מיט אַרעסט. ס'איז געוואָרן באַשלאָסן, אז יעדן טאָג, וועט אים אויפזוכן עמעצער פון די קינדער, געבן אים פופצן סענט, פאר דעם געלט וועט ער זיך דארפן דערנערן אַ גאנצן טאג און ער וועט האבן אַ מעגלעכקייט צו זוכן ארבעט, ווי טויזנטער אנדערע ארבעטער, וואס גיין ביי די געוועלבן, שפייכלער, מאַגאַזינען און בעטלען ארבעט. ביינאכט וועט ער זיך לייגן

בײ אַ טויער, אָבער זיך אויסציען אונטער אַ װעגעלע, װאו ער װעט קאָנען ליגן ביז האלבע נאַכט, דאן װעט ער זיך קאנען אַװעקלאָזן צום ערשטן בעסטן פּאָליצײ-צירקל, צעשפּרײטן אַ צײטונג אויף דער פּאָדלאגע און זיך אַװעקלײגן צװישן אַ חברה שכּורים, גנבים, שלעפּער, אַרײנציען אין זיך דעם געשטאנק פון בראָנפן און מאַכאָרקע-רויך, אָנשטעקן זיך מיט פארשידענע קראַנקהײטן און װערם.

צװײ װאכן האט זיך יורגיס געראַנגלט מיט דער יְרִידה. אײנמאָל האט זיך אים אײנגעגעבן אַ האלבן טאג צו ארבעטען בײם שטופן אַ װעגעלע, און אַן אנדערשט מאָל אָפּצוטראָגן אַ דאמע אַ קופערטל און ער האט באקומען פאר דעם פינף און צװאָנציק סענט. אַ דאנק דעם האט ער געקאָנט עטלעכע נעכט שלאָפן אויף אַ לײטיש געלעגער. ס האט אים נאָך אויך געקלעקט אויף קויפן אַ צײטונג, און דורכצולײענען אלע אַנאָנסן. דאס זוכן ארבעט דורך דער צײטונג האט פארלאנגט אַ שטענדיק ארומלויפעניש פון אײן אָרט אויפן אנדערן. די מערסטעטײל אַנאָנסן זענען נאר געװען אַ פּשוטער שװינדל, כּדי אויף דעם אופן אויסצונוצן די אומדערפארענע ארבעטער. יורגיס װאלט שוין פונלאנג געהאט אַ שטעלע, אבער ער האט נישט געהאט קײן געלט צו באצאָלן פאר דער ארבעטס-פארמיטלונג. בעת ס׳האט אים װעלכער ארבעטס-פארמיטלער געשילדערט אין די הערלעכסטע פארבן, װאס פאר אַ גוטע ארבעט ער האט פאר אים, האט ער טיף אַראָפּגעלאָזט דעם קאָפּ און געזאגט, אז ער איז נישט בכּוח צו באצאָלן דעם דאָלאר מעקלערײ.

אײנמאָל האט ער זיך גאגעגנט מיט אַן אלטן חבר פון פאַרײן, װאס איז פונקט געגאנגען אין דער גרויסער פאבריק פון דרעש-מאשינען. די פאבריק האט געהערט צום ריזיקן שטאָל-טרעסט. יענער האט אים מיטגענומען מיט זיך, צוגעזאגט צו רעדן פאר אים בײם אויפזעער. זײ זענען געגאנגען אומגעפער צען מײל, דורכגעריסן זיך דורך אַ מחנה הײמלאָזע ארבעטער, װאס זענען געשטאנען פאר דער פאבריק און געבעטלט ארבעט. בײ יורגיסן האבן די קני געציטערט, בעת דער אויפזעער האט

אים אויסגעפרעגט וועגן זיין פארגאנגנהייט און ערשט שפּעטער אים געמאָלדן, אז ער וועט באַקומען ארבעט.

שפּעטער האט ער זיך באַקענט מיט די פארהעלטעניש פון דער פאַבריק. מיט די דאָזיקע פאַבריקן האבן אָנגעפירט רעפאָרמאַטאָרן און פילאַנטראָפּן, זיי זענען געווען דער שטאָלץ פון דער געזעלשאַפט. דא האט מען ממש געזאָרגט פארן ארבעטער. גרויסע לופטיקע זאַלן צו דער ארבעט, אין דער פאַבריק האט זיך געפונען אַ קיך, וואו די ארבעטער האבן באַקומען עסן, גוט און ביליק, אַ לייען-זאַל אין אַן אָפּרו זאַל פאר די אַרבעטערינס. די ארבעט איז נישט געווען אזוי שווער און עקלהאַפט ווי אין די שעכטהייזער. טאג טעגלעך האט יורגיס דאָרט אַנטדעקט פארגעניגנס, וועגן וואס ער האט אפילו נישט געחלומט, ביז די גאַנצע פאַבריק איז אויסגעקומען אין זיינע אויגן ווי אַ גן-עדן.

די פאַבריק איז ווירקלעך געווען אַ קאָלאָסאַלע אונטערנעמונג, זי איז געווען צעשפּרייט אויף הונערט און זעכציק מאָרג ערד און באַשעפטיקט פינף טויזט אַרבעטער. דאָרט איז יעדעס יאָר געוואָרן פּראָדוצירט אומגעפער דריי הונדערט דרעש-מאַשינען, וואס זענען געווארן צעשיקט איבערן גאַנצן לאַנד. יורגיס האט ווינציק-וואס געוואוסט וועגן דעם אַלעם. דאָ האט געהערשט אַ שטרענגע פאַרטיילונג פון דער ארבעט פונקט ווי אין די שעכטהייזער. יעדער באַזונדערער טייל פון דער מאַשין איז געווארן אויסגעאַרבעט אויף אַן אנדער אָרט, יעדעס שטיקעלע באַזונדער איז דורכגעגאנגען דורך הונדערטער הענט. אין דער אָפּטיילונג, וואו יורגיס האט געארבעט איז געשטאַנען אַ מאשין, וואָס האָט צעשניטן צוויי צאָליקע שטיקלעך שטאָל און זיי פאָרמירט. די דאָזיקע שטיקלעך זענען גלייך פון דער מאשין געווארן אויסגעשפּיגן אויף אַ טיש, מענטשלעכע הענט האבן זיי באַלד אויסגעלייגט און פון צו צייט געטוישט דעם טיש אויף אַן אנדערן. ארבעטער זענען געזעסן ביי רוישנדיקע שאַרפשטייגער און נעשאַרפט די מעסער פון די שנייד-מאַשינען. מיט דער רעכטער האנט האבן זיי ארויסגעצויגן ס׳מעסער פון אַ

קויש, אָנגעשאַרפט אויף איין זייט, דערנאָך אויף דער אנדע־רער און מיט דער לינקער האנט אריינגעלייגט אין אַן אנדערן קויש. איינער פון די ארבעטער האט דערציילט יורגיסן, אז אין משך פון די לעצטע דרייצן יאָר האט ער יעדן טאָג אָנגעשאַרפט דריי טויזנט מעסער.

לעבן די הַלע איז געשטאַנען א צווייטע, און דארט האט זיך געפונען א פרעכטיקע מאַשין, וואס האט פאַרשלונגען אין זיך גרויסע שטאָלענע שטאַבעס, צעשניטן אויף שטיקלעך, אויסגעפאָרמט קעפלעך, פאָלירט, געלעכערט, פארוואַנדלט אין שרייפלעך און אריינגעווארפן אין א קויש. נאָכן ארויסנעמען פון דעם קויש האבן זיי שוין געדינט אויף צוּויסצושרויפן די פאַרשידענע טיילן פון דער מאַשין. אין א צווייטער האלע זע־נען זיי געוואָרן אריינגעווארפן אין גרויסע קעסלען פארב און שפעטער געטרוקנט. נאַכדעם האבן ארבעטער זיי איבערגעפירט אויף וועגעלעך אין אַן אנדערע האַלע, וואו ארבעטער האבן אויסגמאָלט אויף זיי געלע און רויטע פאַסיקלעך, כדי זיי זאָלן שאַפן אויף די תבואה-פעלדער אַן אָנגענעמען איינדרוק.

יורגיס פריינט האט געארבעט מיט א שטאָק נידעריקער, אין דער גיסעריי, ער האט אויסגעפאַרטיקט פאָרמען צו א באַ־שטימטער טייל פון דער מאשין. ער האט אריינגעשאַרט שווארץ זאמד אין אַן אייזענערער פאָרם, פעסט צוגעפרעסט און גע־לאזט טרוקענען. דערנאך האט ער געעפנט דעם פאָרם און אריינגעגאָסן צעשמאָלצן אייזן. פאר דער דאָזיקער ארבעט האט מען געצאָלט פון שטיק, אבער מער ווי א העלפט איז געווארן קאַליע, פאר וועלכע ער האט נישט באקומען באַצאָלט.

צוזאמען מיט נאך א צענדליק ארבעטער האט ער געאַר־בעט עקשנותדיק, ווי באחערשט פון א בייזן דעמאָן. זיינע הענט האבן זיך באוועגט אזוי גיך, ווי די אַקסן פון א לאָקאָמאָטיוו. שוואַרצע האָר, א געדיכטע געקרויזטע טשופרינע האט באדעקט זיין קאָפ ווי א פינצטערער וואָלקן. די אויגן זענען אים ארויס־געקראָכן פון די אויגן-גריבער און שווייס האט געקאַפיעט פון זיין שטערן. אָט מיט דער שנעלקייט האבן זיי געארבעט א גאנצן

טאָג, כדי אָנשטאָט די צוויי און צוואַנציק סענט פאר א שעה צו פארדינען גאנצע דריי און צוואנציק.

א קאָנטראָלער איז געשטאנען און פארצייכנט די גיכקייט פון דער ארבעט. און שפעטער האבן די פאבריקאנטן אויף זייערע באַנקעטן מיט שטאָלץ גערעדט וועגן זייערע ארבעטער, וואס שאפן מערער ווי די ארבעטער פון אנדערע פאבריקן. וויבאלד אמעריקע האט גערוקט די וועלט פאָרווערטס, איז עס נאר געווען א דאנק דעם, וואס זיי האבן צוגעוויינט די שטיק ארבעטער צו אזא גיכע ארבעט. אבער די אמעריקאנער האבן זיך אויך אויסגעצייכנט אויף אַן אנדער געביט: זיי האבן אין איין יאָר אויסגעטרונקען אַלקאָהאָל פאר פינף פערטל מיליאַרד דאָלאר. די דאזיקע סומע האט זיך נאך פארטאָפלט יעדערע צען יאָר.

אין דער פאבריק איז געווען א מאשין, וואס האט געשניטן אייזערנע פלאַטן, א צווייטע מאשין האט די פלאטן אויסגעפאָרמט, אז זיי זענען געווארן ענלעך צו א תחת פון אן אמעריקאנער פאַרמער. יורגיס האט באדארפט די דאזיקע פלאַטן לאַדעווען אויף א וועגעלע, און אוועקפירן אין א האלע, וואו ס׳זענען געווען צונויפגעזאמלט אלע טיילן פון די שנייד מאשינען. די ארבעט, פאר וועלכער ער האט באקומען א דאָלאר פינף און זיבעציק סענט איז לגמרי נישט געווען שווער. שבת האט ער באצאָלט אַניעלי, די ווירטן די פינף און צוואַנציק סענט דירה געלט, וואס ער איז איר שולדיק געווען פאַרן בוידעם, אויסגעלייזט דעם פאלטן, וואס ס׳האט פארמשכנט די מומע עלזע, בעת ער איז נאך געזעסן אין טורמע.

דער פאַלטן איז געווען פאר אים ממש אַ ברכה. אין טשיקאַגאָ איז ווינטער געווען שווער דורכצוקומען אָן אַ פאַלטן. יורגיס האט יעדן טאג געמוזט דורכמאַכן צען קילאָמעטער ביז ער איז געקומען צו דער ארבעט. וויבאַלד ער איז געפאָרן האט ער געמוזט ביי יעדערע עטלעכע סטאַציעס צאָלן צו צען סענט, צען פראָצענט פון זיין פאַרדינסט האט ער באַדארפט אוועקגעבן אַ באנדע אויסנוצער, וואס האבן אויסגענוצט זייער

רעכט אַ דאנק דעם, וואס זיי האבן אונטערגעקויפט דעם שטאָטראַט. די באַפעלקערונג האט שוין געהאט אויפגעהויבן אַ פּראָטעסט אַקעגן דעם, ס׳איז שיער דערגאַנגען צו אָפענע קאַמפן.

ביינאַכט איז יורגיס געווען אומגעווײנלעך פאַרמאטערט. ס׳איז געווען פינצטער און קאַלט, אָבער דאך האָט ער נאָכגעטון דעם ביישפּיל פון אַנדערע, און אויך געגאַנגען צופוס. עטלעכע סענט האט ער זיך באַהאלטן אויף אַ גלעזעלע בראָנפן אדער אַ פרישטיק. באַזונדערס איז תמיד געווען ווינציק טראַמווייוואַגאָנען, די פּאַסאַזשירן האבן זיך געשטיקט פון דער גרויסער ענגשאַפט. ס׳איז געווען אוממעגלעך צו פארמאכן די טירלעך דורך וועלכע ס׳האט אַריינגעבלאָזט אַ שרעקלעכער ווינט.

אָבער דאס זענען געווען קלייניקייטן אַקעגן דעם, וואס ער האט געליטן ביי דורהאַם אין דער מיסט-פאַבריק. ווידער האט ער אָנגענומען מוט און אָנגעהויבן וועבן פּלענער. אמת טאַקע, אז זיי האבן נישט קיין אייגן הויז, זענען זיי אָבער פּטור געוואָרן פון די ראטעס, וואס האט פאַרשלונגען זייער גאַנצע האָרעוואַניע. ווי מאַריע וועט נאר געזונט ווערן, וועלן זיי ווידער קאָנען אָפּשפּאָרן.

אין דער האַלע, וואו יורגיס האט געאַרבעט, האט געאַרבעט זיינס אַ לאַנדסמאַן, אַ ליטווישער העלד, וועגן וועמען מ׳האט גערעדט מיט גרויס דרך-ארץ. אַ גאנצן טאָג איז ער געשטאַנען ביי אַ מאשין, וואָס האט אויסגעאַרבעט באָלצן, און ביינאכט האט ער זיך געלערנט לייענען און שרייבן ענגליש. ער האט געהאט אַכט קינדער, נישט געקאָנט זיי דערנערן פון דעם קאַרגן געהאלט אין דער פאבריק, אַחוץ דער ארבעט האט ער פארנומען אַ שטעלע פון אַ נאַכט-וועכטער אויף שבתים און זונטאָגן, יעדער פינף מינוט האט ער געמוזט אַ דריק טון ביי צוויי קנעפּלעך, וואס האבן זיך געפונען ביי ביידע עקן געביידע, דער וועג פון איין עק געביידע צו דער אנדערער האט געדויערט צוויי מינוט און אין די איבעריקע דריי מינוט האט ער זיך געלערנט.

יורגיס האט אים מקנא געווען. מיט דריי יאָר צוריק האט ער אַליין געחלומט וועגן אַזא שטעלע. אפשר וועט זיך אים מיט דער צייט איינגעבן. נישקשה, ער האט געקאָנט ציען אויף זיך די אויפמערקזאַמקייט, פאַרבלייבן אַ פלינקער ארבעטער און אפילו אויך אויפזעער. נישט איינמאָל איז שוין אזוי געשעען אין דער פאַבריק.

אָ, ווען מאַריע זאל נאָך אזוי באַקומען אַ שטעלע ביי די גאַרבן-בענדער! דאן וואָלטן זיי זיך שוין אַלע איבערגעצויגן אַהער, זיי וואָלטן אָנגעהויבן לעבן אויפסניי. מיט אַזויגע האָפענונגען האט זיך געלוינט צו לעבן, האָבן אַ שטעלע, וואו אַן אַרבעטער איז געוואָרן באַהאנדלט ווי אַ מענטש. לעבעדיקער גאָט, יורגיס וועט שוין באַווייזן, אז ער איז אויך עפּעס ווערט. ער האט געלאַכט אין זיך, געטראַכט, ווי אַזוי זיך צו דער־האלטן ביי דער אַרבעט.

און איינמאָל אין אַ נאָך מיטאָג, אויפן ניינטן טאָג, פון דער צייט, ווען ער האט באַקומען זיין שטעלע, האט ער ביים אַריינגיין אין דער גאַרדעראָב נאָך זיין פאַלטן, באַמערקט אַ גרופּע אַרבעטער שטיין פאר אַ פלאַקאט, וואס איז געווען צוגעקלעבט צו דער וואַנט. וואס שרייבט דאָרט? וואס עס שרייבט? די אָפּטיילונג, וואו יורגיס האט געארבעט ווערט פון מאָרגן אָן ביז אַ ווייטערדיקער פאראָרדענונג פארמאכט.

איין און צוואַנציקסטער קאַפּיטל

אזוי האָבן זיי געטון. זיי האבן געשלאָסן די פאבריק אָן אַ פריריקער מעלדונג. די ארבעטער האָבן דערציילט, אז דאָס איז אן אָפּטע דערשיינונג, זיי וועלן ווייטער אויך אזוי טון, כל זמן ס'וועט נאך הערשן אזא שקלאַפן סיסטעם. זיי האָבן אויסגעאַרבעט לאַנדווירטשאפטלעכע מאשינען פאר דער גאנצער וועלט, יעצט האָט מען באדארפט ווארטן, ביז זיי וועלן ווערן אויסגענוצט. קיינער איז אין דעם נישט געווען שולדיק, אזוי האט זיך עס שוין געפירט. טויזנטער מענער און פרויען זענען מיט זייערע פאמיליעס און קליינע קינדער געווארן ארויסגעוואָרפן אויף דער גאס. זיי האָבן געמוזט לעבן פון זייערע אָפּשפּאָרונגען, וויבאלד זיי האָבן נאָר געהאַט, ווייל די וואָס האָבן נישט געהאט עפּעס אָפּגעשפּאָרט זענען געשטאָרבן פון הונגער.

אין טשיקאגאָ האָבן צענדליקער טויזנטער מענטשן געלעבט אָן אַ דאך איבערן קאָפּ. יעצט זענען צו די דאָזיקע דאכלאָזע מענטשן צוגעקומען נאָך עטלעכע טויזנט.

יורגיס האָט אָפּגענומען זיין לוין, באהאלטן עס, און אַ דערשלאָגענער זיך אומגעקערט אַ היים. ווידער האט מען ביי אים אראָפּגעריסן דעם צוקונפט-שלייער פון די אויגן, ער האט געזען דעם תהום, וואס האט זיך געעפנט אונטער זיינע פיס. וואס האט ער געהאט פון דעם, וואָס די אונטערנעמער זענען געווען צו אים ערלעך און גוט, אז זיי האבן נישט

געהאט פאר אים קיין ארבעט, אז זיי האבן פאבריצירט מער־ער לאנדווירטשאפטלעכע מאשינען, וויפל די וועלט האט פארנוצט. א געוואלדיקע איראָניע האט געשטעקט אין דער אידעאָלאָגיע, דער ארבעטער האט זיך געפּייניקט, כדי אויסצוארבעטן פארן לאנד א גענוגנדע צאָל מאשינען, און דערנאך איז ער געוואָרן ארויסגעוואָרפן אויף דער גאס, ווייל ער האט צו ערלעך אויסגעפירט זיין ארבעט.

צוויי טעג האָט ער באַדאַרפט האָבן אויף צו באַרויקן זיך נאָך דער פרישער אַנטוישונג, ער האָט נישט געשכורט, די מומע עלזע האט ביי אים צוגענומען ס׳גאַנצע געלט און באַהאַלטן. די אוואַנטורעס וועלכע ער האָט אַרויסגערופן צוליב דעם האָט אים ווינציק־וואָס געהאָלפן. ער איז געזעסן אויפן בוידעם און כסדר זיך געכעסט. וואָס פאַראַ זינען האָט עס געהאַט צו זוכן אַרבעט, אַז מ׳איז געוואָרן באַזייטיקט נאָך פריער, איידער מ׳האָט זיך די אַרבעט אויסגעלערנט? דאָס ביסל געלט, וואָס זיי האָבן שוין געהאַט אָפּגעשפּאָרט האָט זיך גאַנץ גיך אָנגעהויבן אויסשעפּן. דער קליינער אַנטאַנאַס האָט געוויינט, אויפן בוידעם איז געווען שרעקלעך קאַלט און אַ חוץ דעם איז ער תמיד געווען הונגעריק. מאַדאַם האַופּט, די אַקושערין האָט זיך כסדר געמאָנט ס׳איבעריקע. און יורגיס איז ווידער אַוועק זוכן אַרבעט.

צען טעג האָט ער אַ הונגעריקער און יאושדיקער זיך געשלעפּט איבער די גאַסן פון טשיקאַגאָ און געזוכט עפּעס צו פאַרדינען. ער איז געגאַנגען אין די געוועלבן, ביוראָען, שענקן, האָטעלן, באַן־מאַגאַזינען, מילן, פאַבריקן, וואָס האָבן צעשיקט זייערע אויסאַרבעטונגען איבער דער גאַנצער וועלט. פון צייט צו צייט האָט אויפגעבליצט פאַר אים אַ פונק פון האָפענונג, אָבער די הונדערטער הונגעריקע און יאושדיקע, וועלכע ער האָט געזעען אַרום זיך האָבן אים באַלד אַנטוישט. ביינאַכט האָט ער זיך געלייגט לעבן אַ טויער אָדער אריינגעקראָכן אין אַן אָפענעם קעלער. ענדלעך ווינטער זענען נאָך אָנגעקומען גרויסע פרעסט און שרעקלעכע שניי־שטורעמס. פאַר זונען־

אונטערגאַנג האט דער טערמאָמעטער געוויזן פינף גראַד נידעריקער נול, און ביינאַכט איז די קעלט געווען נאָך שטאַרקער. יורגיס האט זיך געראַנגלט ווי אַ ווילדע חיה. ס'איז אים אַפילו שווער אנגעקומען זיך אריינצובאַקומען שלאָפן אין פּאָליציי-צירקל. צוזאמען מיט נאך צוויי חברים איז ער געשלאפן אויף דעם הייריסאָן גאַס, אין א קארידאר אויף די טרעפּ.

אין דער דאזיקער צייט האט ער געמוזט פירן אַ העפּטיקן קאַמף פאַרן עקזיסטענץ. צווישן די מחנות ארבעטער, וואס זענען געשטאנען ביי דער פאבריק איז אָפטמאָל געקומען צו שארפע צוזאמענשטויסן פאר אַ נאָענטער אָרט ביים טויער. יורגיס האט זיך איבערגעצייגט, אז דאס אפטראגן פעקלעך די צוגערייזטע איז אויך געווען א חזקה זאך, וואס נישט יעדער איז געווען צו דעם זוכה. וויבאלד ס'האט זיך אַ פרעמדער גענומען צו אט דער באשעפטיקונג, איז ער תיכף געווארן באפאלן פון א צענדליק פארשוינען, וואס האָבן אים מאָמענטאל פארטריבן פון ארבעטס-פלאץ, ער האט געקאנט גאנץ גיך פטרן ביי זיי ס'לעבן. די פּאליציי איז געווען דורך זיי אונטערגעקויפט. יעטוועדער אָנקלאגע וואלט דא ווינציק געהאלפן.

וויבאלד יורגיס איז אין די טעג נישט געשטארבן פון הונגער, האט ער עס געהאט צו פארדאנקן די עטלעכע סענט, וואס די קינדער האבן אים טאג טעגלעך געברענגט! אבער דאס איז געווען אומזיכער, צוערשט איז די קעלט געווען אַזוי שטארק, אז די קינדער האבן אים נישט געקאנט אויפזוכן. שפּעטער האט זיי געדראט יעדעס מאל באפאלן ווערן פון די קאנקורענטן, צעשלאגן און בארויבט צו ווערן, איבעריקנס איז אַפילו ס'געזעץ געווען אקעגן זיי. דער קליינער וויליאַמס, וואס האט שוין געציילט עלף יאָר און אויסגעזעען אויף אכט, איז איינמאָל געווארן פארהאלטן פון א דאמע אין ברילן, בעת ער האט פונקט געטראגן א פעקל צייטונגען און געשריגן הויך אויפן קול, זי האט אים אויסגעפרעגט ווי אלט ער איז, ערקלערט, אז ער איז נאך צו יונג אויף צו פארקויפן צייטונגען,

זויבאלד ער וועט זיך ווייטער פארנעמען מיט דעם, וועט זי אים אפגעבן אין דערציונגס־הויז.

א צופאל איז אויך געשען מיט דער קליינער קאטארינע. ביינאכט האט א פרעמדער מאנספערשוין זי געוואלט פארנארן אין א פינצטערן קעלער. זי האט זיך ארויסגעריסן און אנטלאפן. די דאזיקע פאסירונג האט געמאכט אויף איר א שלעכטע ווירקונג, מ׳האט זי לאנג באדארפט צורעדן, אז זי זאל זיך צוריק אומקערן צום צייטונגס־מסחר.

איינמאל אין א זונטאג, ווען ער האט שוין לגמרי נישט געהאט קיין אויסזיכטן צו געפונען ארבעט, האט ער אומבאמערקט פארן קאנדוקטאר זיך ארייגעגנבעט אין א טראמוויי און געפארן א היים. אין שטוב האבן זיי אויף אים געווארט מיט גרויס אומגעדולד. שוין דריי טעג, ווי זיי האבן אים ארומגעזוכט, ער האט געהאט אויסזיכטן צו באקומען ארבעט.

דאס איז געווען א גאנץ טשעקאווע געשיכטע. דער קליינער יוזאפאס, וואס איז אין דערזעלבער צייט שיער אומגעקומען פון הונגער, האט זיך ארויסגעלאזט אין שטאט בעטלען. יוזאפאס האט געהאט איין פוס, דעם אנדערן האט ער נאך קליינערהייט פארלוירן אונטער א וואגן. אויף דער גאס האט ער זיך באגעגנט מיט נאך ארעמע קינדער און זיי זענען צוזאמען אוועק צו סקוליס באריימטן מיסט־קאסטן, וואוהין ס׳איז געווארן צונויפגעפירט ס׳מיסט פון דער גאנצער שטאט. אין דעם דאזיקן מיסט־קאסטן האבן די ארעמע קינדער פון דער געגנט געזוכט חיונה. זיי האבן דארט געפונען פארדארטע הויט פון ברויט, שאלן פון קארטאפל, שטיקלעך פארפוילטע עפל, ביינער פון געבראטנס, דאס אלץ איז געווארן פארפרוירן אויף איין שטיק, און קיינמאל נישט געווארן קאליע. צוערשט האט דער קליינער אליין זיך אנגעשטאפט א בויך, און נאכדעם האט ער נאך צונויפגעקליבן די דאזיקע שטיקלעך אין א פאפיר און געברענגט פארן קליינעם אנטאנאס. פלוצלינג איז אנגעקומען די מומע עלזע, זי האט דערזען דעם קליינעם שלונגען די שטיקלעך פון מיסט־קאסטן און זיך

שטאַרק איבערגעשראָקן. ס׳איז איר לגמרי נישט געקומען אויפן געדאַנק, אַז דאָס אָפּפאַל זאָל נאָך טויגן צום עסן. צומארגנס זענען די קינדער געווען פולקום געזונט, און זייער גוט געפילט. דער קליינער יוזאַפּאַס איז ווידער געוואָרן שטאַרק הונעריק און די מומע האט אים דערלויבט נאָכאַמאָל צוגיין צום מיסט-קאַסטן.

איינמאָל אין אַ נאָכמיטאָג ווען ער האט זיך אומגעקערט פון מיסט-קאסטן אַ היים, האט ער דערציילט אַ זעלטענע געשיכטע. אַ שיינע יונגע דאַמע, מיט אַ הוט אויפן קאָפּ און פוטער-קאָלנער אויפן האַלדז האט אים אָפּגעשטעלט אויף דער גאַס, אויסגעפרעגט פאר וועמען ער קלויבט די שטיקלעך פון מיסט, צי פאר די עופות אין שטאַל? זי האט אים געפרעגט, ווילאַנג ער גייט שוין אויף דער קוליע, אויף וואָס פאר אַ קרענק אָנע איז געשטאָרבן, און פארוואס מ׳האט יורגיסן איינגעזעצט אין תפיסה. לסוף האט זי געפרעגט, וואו זיי וואוינען, צוגעזאָגט זיי צו באזוכן און צו ברענגען יוזאַפּאַסן אַ נייע קוליע.

צומארגנס איז זי געקומען. קוים וואס זי האט ארויפגעקלעטערט אויפן בוידעם. אינעווייניק האט זי באמערקט די נאָך נישט אפגעוואַשענע בלוט-פלעקן פון אָנען און איז געוואָרן בלייך. זי האט ערקלערט פאר עלזען, אַז זי איז געשיקט פון אַ פילאַנטראָפּישער געזעלשאַפט, וואס האָט די אויפגאַבע צו באַזאָרגן די אָרעמע פון דער געגנט. זי אליין וואוינט אויף אייטשלענד-עוועניו.

עלזע האט שוין געהאַט עפּעס געהערט פון דער געזעלשאַפט, די ביוראָ האט זיך געפונען ערגעץ איבער אַ גרויסן שפּייכלער. שוין לאַנג האָט מען איר געעצהט, אַז זי זאָל זיך ווענדן אַהין, אָבער זי האט זיך תמיד אפגעהאַלטן, געטראַכט, טאָמער האט עס עפּעס אַ שייכות מיט דער רעליגיע, און זייער גייסטלעכער האט נישט דערלויבט זיך צו מישן מיט די פרעמד-גלויביקע. זי האָט געוואוסט, אַז דאָרטן האט זיך אריינגעצויגן רייכע לייט, כדי זיך צוצוקוקן צום לעבן

פון די אָרעמע, אָבער דאָס האט ווינציק־וואָס געהאָלפן די אָרעמע צו זייער אָרעמקייט. דאס אַלץ האָט זי דערציילט פאר דער פרעמדער דאַמע. די דאַמע האט געלאכט, נישט געוואוסט, וואס איר צו ענטפערן. זי האט זיך אַן איבער געשראָקנע אומגעקוקט איבערן צימער און זיך דערמאָנט די ציניש באַמערקונג, וואָס עמעצער האט איר אַמאָל געמאַכט, אז זי שטייט בייַם ראַנד פון ברענענדיקן אפגרונט און שליידערט אהין אריין שניי, כּדי אים אָפּצוקילן.

עלזע איז געווען צופרידן פון דעם, וואס זי האט געהאט פאר וועמען צו דערציילן אלע אירע ליידן. זי האט דערציילט דאס אומגליק מיט אָנען, מיט מאַריען, ווי אזוי אָנע איז געשטאָרבן און ווי שווער ס׳איז יורגיסן צו געפונען אַרבעט. די יונגע, שיינע דאַמע האָט אַלץ אויסגעהערט, אירע אויגן האָבן זיך אָנגעפולט מיט טרערן און זי האט זיך פלוצלינג צעוויינט. זי האט זיך צוגעטוליעט צו דער מומע עלזעס ביוסט און לגמרי נישט געלייגט קיין אַכט אויף דער שמוציקער בלוזקע, אויף וואָס ס׳איז געלעגן איר קאָפּ, און נישט אויף די לייז, וואָס זענען געווען פול אין נאַנצן בוידעם. די אָרעמע עלזע האָט זיך שטארק פאַרשעמט, בעת זי האט געזעען די יונגע דאַמע אַזוי פאַרזאָרגט. זי האט אויפגעהערט ווייטער צו דערציילן אָבער די דאַמע האָט עס דורכאויס פאַרלאַנגט.

זי איז אוועקגעגאנגען. באַלד איז זי צוריקגעקומען מיט אַ קויש פארשידן עסנווארג, און מיט אַ בריוו פאַר יורגיסן צום עלטסטן אויפזעער פון אַ גרויסער שטאָל־הוטע, וואס איז געלעגן אויף דער צפון זייט פון טשיקאַגאָ: — ער וועט שוין געבן יורגיסן אַרבעט — האט זי געזאגט, געשמייכלט בעת־מעשה און טרערן האָבן גערינען איבער אירע צאַרטע באַקן. דערנאָך האט זי צוגעגעבן: — ווי באַלד ער וועט עס נישט טון וועט ער קיינמאָל נישט זיין מיין מאַן!

די שטאָל־הוטע איז געלעגן דרייסיק קילאָמעטער אויף צפון זייט און די טראַמווייען, וואס זענען צוגעפארן זענען גע־

ווען אזוי איינגעארדנט, אז די פאסאזשירן האבן געמוזט באצאלן פאר צוויי קורסן. בעת יורגיס איז דארט ס'ערשטע מאל אנגעקומען, האט געהערשט א שרעקלעכע פינצטערניש. אין דער לופט האט זיך געטראגן רויטע צינגן פייער פון די ברענענדיקע אייוונס. די פאבריק האט געמאכט איין איינדרוק פון א שטאט. ביי די טויערן האבן געוואַרט הונדערטער ארבעטער און געבעטלט ארבעט.

מיטן זונענאויפגאנג צוגלייך האט זיך שוין געהערט ס'געפייפעריי פון די סירענען און פון אלע זייטן האט געשטראמט טויזנטער ארבעטער. טייל זענען גלייך ארויס פון די שענקן, טייל פון די נאר וואס אנגעקומענדען טראמווייען. אין דעם שוואכן באגינען ליכטיקייט האט זיך געדוכטן, ווי זיי וואלטן ארויסגעוואקסן פון אונטער דער ערד. א שטראם פון מענטשן האט זיך אריינגעגאסן אין טויער. דאס האט אזוי געדויערט א לענגערע צייט. אז אלע זענען שוין געהאט אריינגעגאנגען אינעווייניק איז נאר א שומר פארבליבן ביים טויער. עטוואס ווייטער זענען געשטאנען די מחנות ארבעטלאזע, געקלאפט מיט די פיס אין דער ערד, כדי זיך צו דערוואַרמען.

יורגיס האט דעם ווערטפולן בריוו אפגעגעבן דעם שומר, וואס איז געשטאנען ביים טויער. יענער האט אים אויסגעפרעגט פארשידענע איינצלהייטן, און יורגיס האט געענטפערט, אז ער ווייסט גארנישט. דער בריוו איז מיט א שליח געווארן אפגעשיקט צו דעם, פאר וועמען ער איז געווען באַשטימט. אין עטלעכע מינוט ארום איז דער שליח צוריקגעקומען און געהייסן יורגיסן ווארטן. יורגיס איז אריין אין טויער, די גרויסע מחנה אומגליקלעכע ארבעטסלאזע האבן געקוקט אויף אים מיט קנאה.

די גרויסע שטאָל-הוטע איז שוין געווען אין פולן גאנג. ס'האט זיך געהערט דאס גערויש, וואס האט זיך געטראגן פון אינעווייניק, דאס שלעפן זיך פון די אייזערנע וועגעלעך, ס'רוישן פון די וואגאנען און דאָס געקלאפעריי פון די האמערס. ביסלעכווייז האט זיך אלץ אויסגעשיילט פון דער פינצטערניש. הויכע, שווארצע וואלקנקראצער, לאנגע שורות מאגאזינען און שפייכ-

לער, באַנען, וואס זענען זיך צעפארן אין אלע זייטן. גראָ אַש איז געלעגן אונטער זיינע פיס און שווארצע וואלקנס רויך האבן זיך געצויגן איבער זיין קאפּ. פון איין זייט האט זיך געצויגן אַ באַן פלאנט, און פון דעם אנדערער זייט אַ טייך, מיט אַ האפן, פונוואנען ס׳זענען אָפּגעגאנגען שיפן מיט סחורות.

יורגיס האט געהאט צייט זיך צוצוקוקן צו אלעם. ס׳זענען פארביי צוויי שעה, איידער מ׳האט אים שוין גערופן אין דער ביוראָ, וואו אַן אויפזעער האט אים אויסגעפרעגט פארשידענע איינצלהייטן. דער עלטסטער איז געוועזן פארנומען, אבער ער וועט זיך באמיען צו געבן יורגיסן אַן ארט:— האט איר נאך הייסט עס קיינמאל נישט געארבעט אין אַ שטאָל-הוטע? זענט איר גרייט צו דער ארבעט? זיי זענען אוועק איבער דער פאבריק זוכן אַ פרייען פלאץ.

זיי זענען געגאנגען איבער די געביידעס, יורגיס האט ממש געשטוינט. ער האט געטראכט, צו וועט ער זיך קאנען צוגעוויינען צו ארבעטן אין אַזאַ אָרט, וואו די לופט איז פול מיט מאַשינען-גערויש, און פון אַלע זייטן טראָגט זיך אַן אַליאַרם, געפייפעריי, וואו קליינע לאָקאָמאָטיוון זענען געלאָפן גלייך אויף אים מיט אַן אומגעהייערע גיכקייט. ארום אים האָט געדונערט פון רויטע וואולקאנען, פארבלענדט זיינע אויגן און פונקען האָבן געבריט זיין פנים.

די ארבעטער, וואס האבן דאָ געארבעט זענען געוועזן שווארץ, איינגעדארט, די אויגן איינגעפאלן. זיי האבן געאר-בעט איבערגעגעבן, געלאָפן ווי די משוגענע, נישט אפּגע-טרעטן אויף אַ מינוט פון דער ארבעט. יורגיס איז געוועזן באַ-האָפטן צו זיין אויפזעער, ווי אַ קליין קינד צו דער דערציערן ער האט געקוקט צעטומלט אויף אלע זייטן. דער אויפזעער האט געפרעגט ביי די מייסטער, צו זיי בייטיקן זיך אין נאָך אַן ארבעטער.

זיי זענען אריינגעקומען אין אַ גרויסער האלע, וואו ס׳זענען געשטאנען בעסעמערער שמעלץ-אייוונס. יורגיס האט אראָפּגעקוקט פון אַ גאלעריע און געזען אָקעגנאיבער דריי

ריזיקע קעסלעך, זיי זענען געווען אַזוי גרויס, אַז מ׳האט געקאָנט אויפקאָכן אין זיי סמאָלע פאר אלע רשעים פון גיהנם. די קעסלען זענען געווארן פול מיט א ווייסער פארבלענדעטער פליסיקייט, וואס האט געשפריצט און איבערגעלאָפן. פייערדיקע באָמבעס האבן ארויסגעזעצט פון אינעווייניק און צעשפריצט אויף אלע זייטן. יורגיס האט פון גרויס פחד פארלוירן דעם אָטעם.

פלוצלינג האט זיך דערהערט א געפייפעריי. לענג אויס די קעסלען איז פארבייגעפאָרן א קליינער לאָקאָמאָטיוו באַלאָדנט מיט מאַטעריאַל. דאס מאַטעריאַל איז געווארן אריינגעוואָרפן אין איינעם פון די דריי קעסלען און דער לאָקאָמאָטיוו איז צוריקגעפאָרן. פון די קעסלען האט אָנגעהויבן ארויסזעצן לאַנגע צונגען פייער. יורגיס האט זיך איבערגעשראָקן, צוריקגעצויגן זיך, ער איז געווען זיכער, אז ס׳איז געשען אַן אומגליק. אַ שטראָם פון ווייסע פלאַמען האט זיך פון אַן אויסגעבויגענעם קעסל אראָפּגעגאָסן אונטן און פון אלע זייטן האט זיך געטראָגן פייערדיקע פונקען, זיי זענען געפאלן אומעטום, ס׳איז געווען נייטיק זיך צו באַהאלטן, פאַרשטעלן ס׳פּנים, די אויגן, די האָר. יורגיס האט געכאפט א בליק דורך די צעעפנטע פינגער, ער האט געזען דעם שטראָם ווייסע פלאַמען, די פונקען, די ווייסע צונגען פייער, וואס האבן ממש פארבלענדט, געברענט די ווייסלעכצער פון די אויגן. ארום האט זיך געשאַפן אַרעגנבויגן, א געמיש פון קאָלירן, הימל־קאָליר, רויט, גאָלד, האט געטאנצט ארום. א רוישנדיקער שטראָם־לעבן האט געפלאָסן פון א פארכשופט לאַנד, מיטגעריסן די נשמה און אויף די פליגל פון פאַנטאַזיע אוועקגעפלויגן אין דער ברייטער וועלט, אין א וועלט, וואו ס׳הערשט שיינקייט און אימה. פאַמעלעך האט זיך דער ליידיקער קעסל אָנגעהויבן אויסגלייכן. יורגיס האט לייכטער אָפּגעעטעמט, ווען ער האט דערזען. אז ס׳האט קיינעם נישט געשאַדט. צוזאמען מיט זיין פירער איז ער ארויס אויף דער טאָג־ליכטיקייט.

דערנאך זענען זיי אריין אין א האלע, וואו ס׳זענען גע-

שטאַנען גרויסע אייוונס און וואַלץ־מאַשינען, אייזערנע שטאַבעס האָבן געפינקלט פון אַלע זייטן און געזאָרן צעשניטן ווי וויי־כער קעז. עטלעכע מאַשינען־אָרמס האָבן זיך געטראָגן אין דער לופט, ריזיקע רעדער האָבן זיך געדרייט און ס׳האָט געקלאַפּט האַמערס פון פאַרשידענער גרויס. די מאַשינען האָבן אויסגעשטרעקט זייערע מעכטיקע אָרמס און אַריינגעכאַפּט דעם אייזערנעם רויב.

שפּעטער זענען זיי אַריינגעקומען אין דער אָפּטיילונג, וואו ס׳זענען געוואָרן אויסגעאַרבעט שטאַלענע שינעס. יורגיס האָט דערהערט אונטער זיך אַ פאַרטויבט געריוש און קוים וואָס ער האָט באַוויזן באַצייטנס זיך צו דערווייטערן. אויף אַ וועגעלע האָט מען געשלעפּט אַרויס, צעגליט שטיק שטאָל אין דער גרויס פון אַ מענטש. דאָס וועגעלע איז געבליבן שטיין מיט אַ שטאַרקן קראַך, דאָס שטיק שטאָל איז אַראָפּגעפאַלן אויף אַ באַוועגלעכער פּלאַטפאָרמע, שטאָלענע פינגער האָבן עס אָנגע־כאַפּט אויפן ריכטיקן אָרט און אַריינגעשליידערט צווישן וואַלצן. די וואַלצן האָבן עס אַריינגעכאַפּט און אַרויסגעוואָרפן פון דער צווייטער זייט. דאָרט איז געשטאַנען אַ צווייטע מאַשין, וואָס האָט באַלד אָנגעכאַפּט ס׳שטיק שטאָל, אויסגעדרייט, און אַריינ־געשליידערט אין אַנדערע וואַלצן. וואָס אַמאָל איז עס געוואָרן פלאַטשיקער, דינער און לענגער, ס׳האָט געמאַכט אַן איינדרוק פון אַ לעבעדיק באַשעפעניש, וואָס שטעלט זיך אַקעגן, וויל זיך נישט אונטערגעבן דעם ביטערן גורל, שרייט, וואַרפט זיך קאָנ־וואַולסיוו אויף אַלע זייטן. ביסלעכווייז איז עס געוואָרן געל און לסוף לגמרי שוואַרץ. דאַן איז עס געוואָרן צעשניטן, אויסגע־גלייכט און מ׳האָט געזען פאַר זיך פאַרטיקע באַן שינעס, וואָס זענען געוואָרן צעשיקט אין דער גאָרער וועלט.

אין דער האַלע האָט יורגיס באַקומען אַרבעט. די פאַרטיקע שינעס האָט מען מיט דער הילף פון אַ ווינדע באַ־דאַרפט אַרויפציען אינדערהייך. דער אויפזעער פון יענער אָפּטיילונג האָט זיך טאַקע געגייטיקט אין נאָך אַ מענטש.

יורגיס האט אראָפּגעצויגן פון זיך דאס רעקל און זיך גע-
נומען צו דער ארבעט.

צוויי שעה האט ער פארלוירן יעדן טאג אויף גיין
א היים. די טראמוויי געזעלשאפט האט ביי אים יעדער וואָך
ארויסגעריסן א דאָלאר מיט צוואָנציק סענט. דאס איז אים
אויסגעקומען שרעקלעך טייער. ער האט פארפאקט זיין בעט-
נייג, גענומען עס אונטערן אָרעם און אוועק אין יענע-
געגנט. ער האט זיך ארייגעצויגן אין א פוילישׁ גאסטהויז,
וואס האט זיך געפונען ביי דער פאַבריק, דאָרט איז ער גע-
שלאָפן אויף דער פאָדלאָגע פאר צען סענט אַ נאַכט. אַ גאנצע
וואך האט ער געגעסן אין דער שענק, און שבת איז ער מיטן
פעקל בעטצייג אונטערן אָרעם געקומען אַ היים מיטן איבעריקן
געלט.

די מומע עלזע איז געווען אומצופרידן, זי האט מורא
געהאט, אז יורגיס זאל זיך לגמרי נישט אָפּגעוויינען פון דער
שטוב. איבעריקנס איז עס פאר אים אַליין אויך געווען שווער
צו זעען ס'קינד נאר איינמאָל אין דער וואך. אבער ס'איז נישט
געווען קיין אנדערע ברירה, אין די שטאָל-הוטעס האָבן נישט
געאַרבעט קיין פרויען, און ס'האט נישט געקאָנט זיין קיין
רייד, אז אַלע זאָלן זיך אַריבערציען אין יענער געגנט. מאַריעס
געזונט האט זיך ביסלעכווייז פאַרבעסערט, זי האט יעדן טאָג
פרוואַרט צו באַקומען ארבעט אין די שעכטהייזער.

אַ וואָך צייט האט געדויערט, ביז ער האט זיך אויסגע-
לעבט פון דער אומבאַהאָלפנקייט און פחד, וואס האט אים באַ-
הערשט אין דער שטאָל-הוטע. ער האָט זיך איינגעלעבט אין
זיינע נייע אַרבעטס-באַדינגונגען, צוגעוויינט זיך צום געפּילדער
פון די מאַשינען, צו די בליצן און לגמרי נישט געלייגט קיין
אַכט, וואס ס'האט זיך געטון אַרום אים. ער האט זיך אויס-
געלעבט פון דעם בלינדן פחד און געוואָרן גלייכגילטיק און
אומפאָרזיכטיק, ווי אַלע אַנדערע ארבעטער, וואס האָבן אין
דעם ווילדן געאייל פון אַרבעט לגמרי פארגעסן אין זיך. די
פרעמדע, וואס האָבן זיך צוגעקוקט האָבן נישט געקאָנט פאַר-

שטיין, פאַרוואָס זיי האָבן געאַרבעט מיט אזא אימפעט, אַז סיי ווי האָבן זיי גענומען געצאָלט פאר דער שעה. זיי האָבן גוט געוואוסט, אז טאָמער געשעט עפּעס מיט עמעצן פון זיי אַ צופאַל, ווערט ער באַלד באַזייטיקט, אָבער פינדעסטוועגן האָבן זיי געאַרבעט מיטן ווילדעסטן טעמפּאָ, געזוכט פאַרשידענע מיטלען ווי אַזוי גיכער צו אַרבעטן, כאָטש ס׳האט זי ערוואַרט וואס אַמאָל אַ גרעסערע געפאַר.

אויפן פערטן טאָג איז פאר יורגיס אויגן פאָרגעקומען אַ צופאַל. אן אַרבעטער איז געוואָרן איבערגעפאָרן פון אַ וועגעלע און צעבראָכן אַ פיס. דריי וואָכן נאָכדעם האט ער געזעען נאָך ערגערס: אויוונס פון ציגל זענען געשטאַנען אַ גאַנצע ריי, דאס צעשמאָלצענע שטאָל האָט זיך דורכגעזעען דורך די אָפענע שפּאַרעס. עטלעכע אויוונס זענען שוין געווען שטאַרק געשעדיקט און אָפּגענוצט. אַרבעטער זענען דרייסט געשטאַנען לעבן זיי, געעפנט די טירלעך און אין בלאָע ברילן אויף די אויגן געקוקט אין פייער אַריין.

איינמאָל אינדערפרי, בעת יורגיס איז אַזוי פאַרבייגעגאַנגען לעבן די אייוונס, האָט פּלוצלינג געפּלאַצט איינער פון זיי, צעשמאָלצן שטאָל האט אַרויסגעשפּריצט אויף דריי אַרבעטער, וואָס זענען געשטאַנען נאָענט פון די אייוונס. זיי האָבן מוראדיק געשריגן, פון גרויס ווייטיק זיך געקאָלערט אויף דער ערד. יורגיס איז צוגעשפּרינגען, געוואָלט זיי ראַטעווען, אָבער ער האט זיך אָפּגעבריט די האנט ביז צום רויטן פלייש. אַכט טעג האט ער נישט געקאָנט אַרבעטן. דער דאָקטאר פון פאַבריק האט אים באַנדאַזשירט די האַנט, קיינער האט אים צומאָל נישט געדאנקט פאַר דעם. פאר די דאָזיקע ליידיקע צייט האָבן זיי אים צומאָל נישט געגעבן אַ צעבראָכענעם סענט.

די מומע עלזע האט באַקומען איר לאַנג צוגעזאָגטע שטעלע. יעדן פינף באַגינען איז זי אַוועק צו דורהאַם אין די ביוראָס וואַשן די פּאָדלאָגעס. יורגיס איז געקומען אַ היים, זיך איינגעוויקלט אין די וואַרעמע טיכער און געלייגט זיך שלאָפן. אין די דאָזיקע טעג פון געצוואונגענעם רו, איז ער

געשלאָפן אָדער זיך געשפּילט מיטן קליינעם אַנטאַנאַס. יוזאָפּאַס איז יעדן טאָג געגאַנגען צום מיסט-קאַסטן און מאַריע האָט נאָך אַלץ כסדר געזוכט אַרבעט.

אַנטאַנאַס האָט שוין געציילט אַנדערהאַלבן יאָר. ער האָט גערעדט ווי אַ מאַשין, אַנטוויקלט זיך אַזוי גיך, אַז יורגיס האָט אים פון איין שבת צום אַנדערן כמעט נישט דערקענט. ביי יעדן מאָל האָט זיך אים געדוכטן, אַז אַן אַנדער קינד שטייט פאַר זיינע אויגן. יורגיס פלעגט זיך אוועקזעצן לעבן אים, אויסהערן זיין פּלוידערן און מיט צופרידנקייט רופן. פּאַלאַוק. טומאַנאָ שירדעלע. יעצט איז דאָס קינד געווען זיין איינציקע טרייסט, זיין האָפענונג, זיין ציל... אָ, וואָס פאַר אַ גליק, אַז ס'איז אַ יונגל און נישט קיין מיידל. דער קליינער איז געווען געהאַרטעוועט ווי שטאָל, געגעסן ווי אַ וואָלף. ס'האָט אים קיינמאָל גאָרנישט פאַרשאַדט, אין די ליידן און פּיין, אין דער כוראַדיקע אָרעמקייט האָט ער נאָך פעסטער זיך געקלאַמערט אין לעבן. זיין קול איז געווען פּרעטענסיאָנעל, אויגן ליכטיקע, דרייסטע, און חוצפּהדיקע. ס'איז געווען שווער מיט אים אויסצוקומען, אָבער יורגיסן האָט עס לגמרי נישט געאַרט, ער איז נאָך געווען צופרידן פון דעם. וואָס דרייסטער אַלץ בעסער — ער וועט אַ סך דאַרפן קעמפן, ביז ער וועט דער-גרייכן זיין ציל.

יורגיס איז געווען צו געוווינט יעדן זונטאָג צו קויפן אַ צייטונג. פאַר איינציקע פינף סענט האָט ער געהאַט אַ פּעקל ריזיקע בויגנס פּאַפּיר באַשריבן פון דערהייך ביז אונטן, די הערלעכסטע ידיעות פון דער גאָרער וועלט. ער האָט געלייענט פּאַמעלעך. ביי די שווערע, לאַנגע ווערטער געמוזט רופן צו הילף די קינדער. דאָרט איז געווען באַשריבן די גאַסן געשלעגן, רציחות, פּלוצלינגע טויטן. ווי אַזוי האָבן זיי זיך דאָס אַלץ דערוואוסט, פונוואַנען ווייסן זיי אַזוי גיך פון דעם אַלעם? דאָס אַלץ האָט געמוזט זיין אמת, קיינער וואָלט נישט געקאָנט אויסטראַכטן אַזוינע מעשיות. אַ חוץ דעם איז דאָרט געווען געדרוקט גרויסע בילדער, וואָס האָבן געוויזן די פאַר-

פאַלן ! די צייטונג איז געווען פונקט אַזוי אינטערעסאַנט ווי אַ צירק. מער נאָך ווי אַ מאַלצייט אין שענק צווישן אייגענע חברים. דאָס איז געווען אַ גייסטיקע שפּייז פאַר אַן אָרעמען, פאַרמאַטערטן אַרבעטער, מיט אַ פאַרטעמפּטן מוח, פאַר אַ מענטש, וואָס האָט זיך קיינמאָל נישט געלערנט. נאָר טאָג איין טאָג אויס, יאָר איין יאָר אויס פאַרבראַכט אין דער פאַבריק, נישט געזען קיין פעלדער און נישט קיין וועלדער, פאַר מענשן, וואָס האָבן נישט געגאַרט מער ווי צו בראָנפן.

דעם קליינעם אַנטאַנאַס האָבן די בילדלעך פאַרשאַפט פאַרגעניגן. ער האָט זיי זאָרגפעליק צונויפגעזאַמלט און געצוואונגען דעם פאָטער צו געבן אים דערקלערונגען איבער זיי. ס׳זענען דאָרט געווען בילדלעך פון פאַרשידענע חיות און אַנטאַנאַס האָט זיי אַלע געקאָנט אָנרופן ביי די נעמען. שעהן לאַנג איז ער געלעגן אויפן בייכל, מיטן דיקן פינגערל אָנגעוויזן אויף די בילדער און אויסגעהערט יורגיס ערקלערונגען. ער האָט גוט געדענקט די ווערטער און שפּעטער זיי נאָכגערעדט. דאָס קינדישע רעדן האָט יורגיסן פאַרשאַפט פרייד. אַז ס׳קינד האָט צום ערשטן מאָל אַרויסגעזאָגט דאָס וואָרט „גאָט-דעם״ *) איז יורגיס פון גרויס פרייד שיער אַראָפּגעפאַלן פון דער שטול, שפּעטער האָט דאָס אַלץ אים שוין נישט געפרייט. דער קליינער האָט זיך גיך אויסגעלערנט שעלטן אַלע זאַכן און אַלע מענטשן.

די האַנט האָט זיך אים אויסגעהיילט. ער האָט ווידער גענומען ס׳פּעקל בעטציג אונטערן אָרעם און זיך אומגעקערט אין דער שטאָל-הויטע צו זיינע ווינדעס. ס׳איז געווען אַפּריל, דער שניי איז פאַרשוואונדן, ס׳זענען געפאַלן קאַלטע רעגנס, די אומגעברוקירטע גאַסן, וואו יורגיס האָט געוואוינט האָבן זיך פאַרוואַנדלט אין אַ טייך. ביינאַכט, אַז יורגיס האָט זיך אומגע-

---

*) [illegible] שטראָף מיך — א קללה אויף ענגליש. מ. פּ.

קערט אַהיים, איז ער געקראכן אין אַוואסער ביז צו דער קני דאָס האט אים אַפּילו ווינציק-וואס געאַרט, געוועזן פאר איב אַן אָנזאג, אז ס'דערנענטערט זיך זומער.

מאריע האט באַקומען ארבעט אין די שעכטהייזער אלס „טרייבערין”. יאָ, די ערגסטע צייטן זענען שוין אריבער. ענדלעך איז געקומען אַצייט, ווען דאָס לעבן וועט אויפהערן צו זיין פאר זיי אזוי פּיינלעך. זיי וועלן ווידער קאנען עפּעס אָפּשפּארן, ערווערבן אַן אייגענע אנשטענדיקע וואוינונג. די קינדער וועלן נאך אויפהערן האנדלען מיט צייטונגען און צוריק אנהייבן גיין אין שול. אזוי האט יורגיס אויפסניי אנגעהויבן וועבן פּלענער.

איינמאָל שבת ביינאכט איז ער ארויסגעשפּרונגען פון טראמוויי און צוגעלאָפן דאס שטיקל וועגס אַהיים. די זון האט זיך אראפּגעלאזט נידעריקער אונטער אַמחנה שווארצע וואלקנס. אַפרישער רעגן האט געגאסן פון הימל און פאַוואנדלט די גאסן אין אַזומפּ. אויף דער צווייטער זייט הימל האט זיך באַוויזן אַהערלעכער רעגנבויגן. און אין יורגיס הארץ האט ארויסגעשפּראצט אַצווייטער פּילפארביקער רעגנבויגן, פול מיט האפענונג. זעקס און דרייסיק שעה האט ער געהאט צייט צו פארברענגען מיט זיין בני-בית. פּלוצלינג האט ער דערזען אַן עולם מענטשן ביי אַניעליס הויז. ער האט זיך דורכגעשטופּט דורך דעם מענטשן געדראנג, אריין אין קיך-צימערל און געזען פאר זיך עטלעכע איבערגעשראקענע ווייבער. באלד האט ער זיך דערמאָנט יענעם טאג, ווען ער איז געווארן באפרייט פון טורמע און דערוואוסט זיך, אז אָנע איז טויט. דער אטעם האט זיך ביי אים פארהאלטן.

— וואס איז געשעען? — האט ער אויסגערופן.

אַטויטע שטילקייט האט געהערשט ארום. אלע האבן אויף אים געקוקט.

ער האט נאָכאַמאָל אויסגעשריגן:

— וואס איז געשעען? זאגט ווי גאט איז אייך ליב.

אויפן בוידעם האט ער געהערט וויינען און זיפצן. ער

איז ארויפגעשפרונגען אויף דער לייטער. אניעלי האט אים
אָנגעכאפּט ביי אן עק פון זיין רעקל:

— ווארט, גיי נישט דארט.

— פארוואס?

די אלטיטשקע האט אים אפגעענטפערט מיט איר פאר־
זטיקטער שטים און אויגן פול מיט טרערן:

— אַנטאַנאַס... ער איז טויט... דערטרונקען געווארן אויף
ער גאס, אין א גרוב וואסער.

צוויי און צוואַנציקסטער קאַפּיטל

יורגיס האָט אויפגענומען די דאָזיקע ידיעה מיט אַ זעלטענער רויקייט. ער איז געוואָרן שרעקלעך בלייך, געשטאַנען אומבאַוועגלעך אומגעפער אַ האַלבע שעה, צונויפגעביילט די פויסטן און פאַרקריצט מיט די ציין. ער האָט אָפּגעשטופּט אַניעלין אָן אַ זייט, צוגעשפּרונגען צו דער לייטער און אַרויפגעקלעטערט אויפן בוידעם.

אין אַ ווינקל איז געלעגן אַ קליין געשטאַלט איבערגעדעקט מיט אַ טוך, לעבן דעם איז געלעגן די מומע עלזע, ס'איז געווען שווער צו באַגרייפן, צי זי האָט געוויינט, צי געקען באַוואוסטלאָז. מאַריע איז געגאַנגען הין און צוריק, פאַרבראָכן די הענט און געוויינט. יורגיס האָט צונויפגעביילט די פויסטן און געריידט מיט זיין האַרטער שטים:

— וואָס איז עס געשען?

מאַריע איז געווען פאַרזונקען אין אירעליידן, זי האָט אים לגמרי נישט געהערט. ער האָט געפרעגט נאָכאַמאָל, העכער און האַרטער.

— ער איז אַראָפּגעפאַלן פון ברעטער-שטעג — האָט מאַריע וויינענדיק געענטפערט.

— ווי אַזוי איז ער געקומען איינער אַליין אויף דער גאַס — האָט יורגיס געפרעגט.

— ער איז אַרויסגעלאָפן זיך שפּילן — האָט מאַריע גע-

שלוכצט.—ס'איז געווען אוממעגלעך אים איינצוהאַלטן אין שטוב, ער איז אַריינגעפאַלן אין אַ גרוב.

— איז ער שוין זיכער טויט?

— אַודאי — האט זי געענטפערט שלוכצנדיק. ס'איז שוין אפילו געווען דער דאָקטאָר.

יורגיס האט געשוויגן. קיין איינציקע טרער האט זיך צומאָל נישט באַוויזן אין זיינע אויגן. ער האט נאָכאַמאָל געוואָרפן אַ בליק אויף דעם קליינעם געשטאַלט אונטער דעם טוך, פלוצלינג צוגעשפרונגען צו דער לייטער און אַראָפּגעקראָכן אונטן. ער איז אריין אין קיך-צימערל, ס'האט דאָרט געהערשט אַ טויטע שטילקייט. ער איז צו צו דער טיר און אַרויס אויף דער גאַס.

אַז זיין ווייב איז אים געשטאָרבן, איז ער געגאַנגען אין אַ שענק אַריין שכורן, יעצט האט ער דאס נישט געקאָנט טון, כאָטש ער האט געהאט אין קעשענע דאס געהאלט פון אַ גאַנצער וואָך אַרבעט. ער איז געגאַנגען און געגאַנגען און לגמרי נישט געלייגט קיין אכט אויף די וואַסערן. אין אַ צייט אַרום איז ער געבליבן שטיין, אוועקגעזעצט זיך ערגעץ אויף אַ שוועל, פאַרשטעלט ס'פּנים מיט די הענט און געזיצן אזוי אומבאַוועגלעך אומגעפער אַ האַלבע שעה. פון צייט צו צייט האט ער נאָר שטיל געשעפּטשעט: — ער איז טויט, ער איז ט ו י ט!..

ער האט זיך אָפּגעשטעלט און געגאַנגען ווייטער, די זון איז אונטערגעגאַנגען און ער האט זיך געשלעפּט אַלץ פאָרווערטס, ביז אַ באַן פלאַנט האט אים פארהאַלטן דעם וועג. אַ לאַנגער פראכטצוג איז פארבייגעפאָרן לעבן אים, ער איז געשטאַנען און באַטראכט די וואַגאָנען. פלוצלינג האט זיך אַ ווילדער געדאנק אַ ריס געטון אין זיין נשמה, אַ געדאַנק, וואָס איז ביז יעצט געלעגן פארבאָרגן, נאָר יעצט האט ער זיך אויפגעכאַפּט ווי פון אַ טיפן שלאָף. ער איז געלאָפן לענגאויס דעם צוג און מיט איין שפרונג אריין אינעווייניק.

דער צוג איז געבליבן שטיין. יורגיס איז ארויסגעקראָכן און זיך באהאלטן. נאך אַ ווײַלע איבערטראכטן איז ער ווידער

אריין אין אַ וואגאָן און זיך באהאלטן צווישן פארשידן גרייוואַרג. דער צוג האט געריררט, אין זיין נשמה איז פאָרגעקומען אַ געראנגל פון די געפילן, ער האט צונויפגעביילט די פויסטן פארקריצט מיט די ציין, נישט געוואָלט וויינען, נישט לאָזן צומאָל איין טרער! אלץ האט זיך שוין געענדיקט, ער איז שוין ערלעדיקט. יעצט האט ער נאָך געוואָלט אָפּטרייסלען פון זיך ס׳איבעריקע, ווערן אַ פרייער מענטש, שוין, נאָך דער נאכט! אלץ מוז פארביי ווי אַ שרעקלעכער העסלעכער חלום, אויפשטיין וועט אַ נייער מאָרגן און ער וועט ווערן אַ נייער מענטש, בעת ער איז באהערשט געוואָרן פון יענע צארטע געפילן, זיך דערמאנט די זיסע ערינערונגען, האט ער זיי אָפּגעשטויסן פון זיך, צאָרנדיק געקלאפּט מיט די פיס.

ער האט אָנגעהויבן קעמפן פאַר זיין לעבן, פארקריצט מיט די ציין. אָ, ווי נאַריש ער איז געווען, אָפּגעלעבט אַזאַ שלעכט לעבן, צוליב וואס? ווייל ער איז געווען אַ שוואַכער מענטש. אבער יעצט וועט אַ סוף נעמען צו דעם אַלעם. די פאַרגאַנגנהייט וועט ער ארויסרייסן מיטן וואָרצל און וואַרפן אונטער זיך. גענוג מיט די טרערן, גענוג מיט די אַלע קליינלעכע שוואכקייטן, גענוג מיט דער קנעכטשאַפט צוליב אייגענער אומגעלומפערטקייט! יעצט וועט ער זיין אַ פרייער מענטש, ער וועט צערייסן די קייטן, אָנהייבן אַ נייען קאַמף. אַ געפיל פון צופרידנקייט האט אים ארומגענומען, אז דאס אלץ האט זיך שוין געענדיקט. יעצט וועט זיין בעסער, ס׳מוז זיין בעסער.

די היינטיקע וועלט אָרדענונג איז נאָך נישט צוגעפאַסט צו פירן אַ פאַמיליען לעבן, צו האָבן אַ ווייב מיט אַ קינד; וואס פריער מ׳באפרייט זיך אלץ איז בעסער. זיין קליין זונדעלע ליידט שוין נישט מער, ער איז שוין געשטארבן, ווי אזוי ס׳זאל נישט זיין איז ער גליקלעכער דאָרט, ווי ער דאָ. דאָס איז געווען דער לעצטער געדאנק פון אַ פאטער וועגן זיין איינציקן זון. דער פאטער הייבט יעצטאָן קעמפן פאר זיך אליין, פארמעסט זיך פנים אל פנים דער וועלט, וואס האט אים אומאויפהערלעך געפייניקט.

זוי האט ער איינציקווייז געריסן די בלומען, וואס האבן ארויסגעשפּראָצט אין זיין האַרץ און צאָרנדיק זיי צעטרעטן. דער צוג האט געקלאַפּט און דער שטויב האט אים געבלאָזן אין פּנים. עטלעכע מאָל איז דער צוג געבליבן שטיין, אבער יורגיס האט זיך נישט ארויסגערירט פון זיין באהעלטעניש, ער האָט מורא געהאט ס'זאָל אים עמעצער נישט באַמערקן. ער האט גע-מוזט פאָרן ווייטער, יעדערע מייל האט אים דערווייטערט פון די שעכטהייזער, מיט יעדערע מייל האָבן זיך די שווערע שטיי-נער אראפּגעקייקלט פון זיין הארץ.

דער צוג האט זיך אפּגעשטעלט. אַ ווארעם ווינטל האט גע-בלאָזן פון די פעלדער אויף זיין פּנים. דער ריח פון פרישן קלעווער-גראָז און בלומען האט דערגרייכט צו זיינע נאזלעכער. ער האט איינגעאָטעמט אין זיך די דאָזיקע ריחות און דאָס האַרץ האט אים אנגעהויבן האַסטיק קלאַפּן. איז ער, הייסט עס, ווידער צווישן פעלדער? ס'איז געווארן טאג, מיט גיריקע אויגן האט ער געקוקט אויף די פעלדער, וועלדער און טייכן. אַז דער צוג איז נאָכאַמאָל געבליבן שטיין, איז ער ארויסגעקראכן פון זיין באהעלטעניש. אַ באַן ארבעטער האט אים באמערקט, גע-שאָלטן און געדראָט מיט אַ פינגער. יורגיס האָט אָפּגעענטפערט מיט אַ פאראכטונגספולן בליק, ער האט אַ באַוועג געטון מיט דער האנט און געגאנגען ווייטער.

זיין גאנץ לעבן האט ער פאַרברענגט אויפן דאָרף. אָבער אין די לעצטע דריי יאָר האט ער צומאָל נישט געזעען קיין תבואה פעלד פאר זיינע אויגן, צו זיינע אוירן האט צומאל נישט דערגרייכט דער קלאנג פון אקערייזן. בעת זיין לאַנגן וועג פון טורמע אהיים איז אים אויסגעקומען צו זיין איינמאָל אין שטאט-פּארק, אבער ער איז געווען צופיל פארמאטערט, כדי זיך צו קאָנען צוקוקן צו דיביימער. יעצט איז ער געווען פריי ווי א פויגל, געטראגן דורך א הוראַגאַן אין דער ברייטער וועלט. יעדערער ווײַלע האט ער זיך אָפּגעשטעלט און געקוקט מיט פאַרוואונדערונג. ער האָט געזען קי, אַ לאַנקע פול מיט

פארביקע בלומען, צווייגלעך ווילדע רויזן, פייגעלעך זונגען אויף דיביימער...

ער האט זיך דערנענטערט צו אַ פאַרם. דער פאַרמער איז געשטאַנען לעבן אַ שפּייכלער און געשמירט אַ וואָגן. יורגיס איז צו אים צוגעגאַנגען:

— כ׳בין הונגעריק.

— ארבעטן ווילסטו?

— ניין.

— איז נישטאָ קיין עסן.

— כ׳וויל באַצאָלן.

— אַזוי — האט דער פאַרמער צוגעגעבן איראָניש — אָבער זיבענע איז שוין ביי אונז נאָכן פרישטיק.

— כ׳בין אָבער שטאַרק הונגעריק. כ׳וועל אייך גערן באַצאָלן.

— רעדט מיט מיין ווייב. ער האט אים אָנגעוויזן מיטן קאָפּ אויף אונטערווייַלעכטס.

די פאַרמערין איז געווען שוין פריינדלעכער. פאַר עטלעכע סענט האט ער באַקומען צוויי שטיקער ברויט מיט פוטער, אַ פערטל פודינג מיט צוויי עפּל.

ער איז געגאַנגען ווייטער. אין עטלעכע מינוט אַרום האָט ער זיך אָפּגעשטעלט ביי אַ טייך, ער איז אַריבער אַ פּאַרקאַן און געגאַנגען לענג אויס מיטן טייך. ער האָט באַמערקט א באַקוועם אָרט, זיך אוועקגעזעצט און געגעסן דעם פרישטיק. נאָכדעם האָט ער געשטילט זיין דורשט מיטן וואַסער פון טייך, אויסגעצויגן זיך אויפן גראָז און גענאָסן פון דער נאַטור שיינקייט. ס׳איז אויף אים אָנגעפאַלן א מידקייט, ער האט זיך געלייגט אונטער א שאָטן פון אַ בוים און איינגעשלאָפן.

ער האט זיך אויפגעכאַפּט פון זיין שלאָף. די זון האט אים געשיינט גלייך אין פּנים און געבאַקן זיין הויט. ער האָט זיך אויפגעשטעלט, צעגענעצט און געקוקט אויפן שטראָמיקן וואַסער. פּלוצלינג איז אים אָנגעקומען א הערלעכער געדאַנק.

ער וועט זיך אויסבאָדן! זינט ער האט פאַרלאָזט ליטאָ, האט ער זיך נישט געבאָדן אין אזאַ טיף וואַסער.

אז ער איז אוועקגעגאַנגען ס׳ערשטע מאָל ארבעטן אין די שעכטהייזער, איז ער געווען ריינער ווי אלע אַנדערע ארבעטער. שפּעטער האט זיך געהאט פאַרשפּרייט ביי זיי די פאַרשידענע עפּידעמיעס, דער הונגער, דער אומווילן צו דער העסלעכער ארבעט, ווערם אין שטוב. ווינטער האט ער זיך לגמרי נישט געוואַשן און זומער העכסטנס ס׳פּנים. איין איינציק מאָל האט ער זיך אויסגעבאָדן, דאָס איז געווען דעמאָלט, ווען מ׳האט אים איינגעזעצט אין תּפיסה. יעצט האט ער באַקומען חשק נישט נאָר זיך צו באָדן, נאָר אויך צו שוואומען.

דאס וואסער איז געווען וואַרעם, ער האט זיך געשפּילט דערמיט ווי א קליין קינד. דערנאָך האט ער זיך אוועקגעזעצט ביים ברעג און אָנגעהויבן זיך וואַשן פון שמוץ. ער האט עס געטון סיסטעמאַטיש, א שטיקל נאך א שטיקל, באַנוצט זיך צו דעם מיט זאַמד אָנשטאָט זייף. אָ, ווי גליקלעך ער וועט זיין, אז ער וועט שוין זיין אינגאַנצן באַפרייט פון דעם שמוץ, פון דעם שלעכטן ריח. ער האט אפילו געוואָלט אויסרייניקן דעם קאָפּ פון לייז, צו דעם צוועק האט ער זיך אַראָפּגעלאָזט מיטן קאָפּ טיף אונטערן וואַסער, געוואָלט זיך איבערצייגן צי די לייז וועלן ווערן דערטרונקען. דערנאך האט ער א קוק געטון אויף דער זון, זי האט געלויכטן הויך און שטאַרק געבריט! דאַן האט ער אָנגעהויבן וואַשן די וועש און די מלבושים. דער שמוץ און ס׳פּעטיקייט איז אוועק מיטן שטראָם. יורגיס האט אָנגעקוואָלן פון נחת. ער איז געווען זיכער, אז יעצט וועט ער שוין פּטור ווערן פון דעם כראָנישן מיסט-געשטאַנק.

ער האט צעהאָנגען די מלבושים, צעלייגט זיך אויפן זאַמד און ווידער איינגעשלאָפן. אז ער האט זיך אויפגעכאַפּט איז שוין אלץ געווען שטייף, ערטערווייז נאָך אפילו עטוואָס פייכט. אָבער ער איז געווען הונגעריק. ער האט זיך אָנגעטון און געגאַנגען ווייטער.

ער איז צוגעקומען צו א גרויסער פאַרם, צו א סטעזשקע,

וואס האט געפירט גלייך אין א הויף אַריין. ס׳איז פונקט געווען די צייט פון וויעטשערע. דער פּאַרמער איז געשטאַנען ביי דער טיר פון דער קיך און זיך געוואשן די הענט. יורגיס איז צו אים צוגעגאַנגען:

— כ׳בעט אייך, אפשר וואלט איך געקאָנט באַקומען ביי אייך עפּעס עסן? כ׳וועל באַצאָלן.

— נישטאָ דאָ גאָרנישט פאר שלעפּער. געגאנגען.

ער האט נישט אויסגערעדט קיין איין וואָרט און געגאנגען ווייטער. נאָך א שייער האט זיך אויסגעשפּרייט א פריש צעאקערט פעלד, וואס איז נאָר וואס געווען פארפלאנצט מיט יונגעביימלעך. ער איז געגאנגען אויף דעם פעלד און געריסן א ביימעלע נאָך א ביימעלע, אז ער איז אדורכגעגאנגען ס׳גאנצע פעלד האט ער שוין געהאט ארויסגעריסן אומגעפער הונדערט שטיק. דאָס איז געווען אן ענטפער דעם פּאַרמער אויף זיין פארהאלטן זיך אקעגן אים. פון יעצט אָן קעמפט ער, ווער ס׳וועט אים שלאָגן וועט באקומען צוריק געשלאָגן.

ער איז פארביי אַן אויבס גאָרטן, אריין אין א וועלדל, אדורך דאס וועלדל און דערזעען פאר זיך א דאָרף. דער הימל האָט זיך פארוואָלקנט. ער איז אריין צו א פּאַרמער און געבעטן א נאכטלעגער מיט א וויעטשערע. דער פּאַרמער האט געקוקט אויף אים פארדעכטיק.

— איך קאָן שלאָפן אין שייער — האט יורגיס געזאָגט.

— כ׳ווייס נישט צי ס׳איז מעגלעך. איר רויכערט?

— טיילמאָל — האט יורגיס געענטפערט — כ׳וועל רייכערן אויפן הויף.

אז דער פּאַרמער האָט שוין לסוף מסכים געווען, האט יורגיס געפרעגט:

— וויפל וועט עס מיך קאָסטן? כ׳האָב נישט אזוי פיל געלט.

— אומגעפער צוואנציק סענט פאר דער וויעטשערע, שלאָפן אומזיסט.

יורגיס איז געזעסן ביים טיש צוזאמען מיטן פּאַרמער,

מיט דער פארמערין און מיט זייערע זעקס קינדער. ס׳איז געווען א זאטע וויעטשערע: ארבעס, קארטאָפל, שפּאַראַג, וואלד-בערעלעך, ברויט, מילך. אזא סעודה האט שוין יורגיס נישט געזעען פון זיין חופּה טאָג אָן, פאר די צוואַנציק סענט האט ער זיך באמיט צו עסן וואָס מער.

נאָך דער וויעטשערע האָבן זיי זיך ארויסגעזעצט פאר דער טיר. זיי האבן געריוכערט, דער פאַרמער האט אויס-געפרעגט יורגיסן פארשידענע זאכן. בעת יורגיס האט אים דערציילט, אז ער האט געארבעט אין טשיקאגאָ, און יעצט האט ער נישט וואו צו ארבעטן, האט אים דער פארמער איבערגעריסן.

— אפשר ווילט איר ארבעטן דאָ?

— דערווייל וויל איך נישט אַרבעטן.

— איך צאָל גוט — האט דער פארמער געענטפערט. ער האט געקוקט אויף זיין פעסט געבויטקייט און צוגעגעבן:—א דאָלאַר אַ טאָג מיט עסן.

— און ווינטער וועט איר מיך אויך האַלטן — האט יורגיס האַסטיק געפרעגט.

— אָ, דאָס נישט! נישט לענגער ווי ביז נאָוועמבער, מיין פאַרם איז נאָך קליין.

— כ׳האָב עס געוואוסט. אז די פערד וועלן אייך נישט זיין נייטיק אין הערבסט, וועט איר זיי אויך אַרויסטרייבן אויפן שניי?

יורגיס האט שוין געטראכט זעלבסטשטענדיק.

דער פארמער האט אויפגעכאַפּט די ווערטער און באלד געענטפערט.

— דאס איז שוין עפּעס אַנדערש. אזא געזונטער פאַרשוין ווי איר קאָן ווינטער באקומען ארבעט אין שטאָט.

—אזוי זאגן אַלע. זיי לויפן אין שטאט אריין, בעטלען אַרבעט, גנבענען, כדי זיך כאָטש צו דערהאַלטן ביים לעבן. און די מענטשן פון שטאט זאָגן: גייט אויפן דאָרף, דארט נייטיקט מען זיך אין ארבעטס-הענט!

דער פּאַרמער האָט זיך אַ ווײַלע פאַרטראַכט.

— און, אַז וועסט אויסגעבן ס׳גאַנצע געלט? דאַן וועסטו שוין מוזן אַרבעטן.

— כ׳האָב נאָך צייט צו קלערן. כ׳וועל זען.

ער איז געשלאָפן לאַנג און געשמאַק. צומאָרגנס אַ פיין פרישטיק צוזאַמען מיטן גאַנצן בני-בית. מ׳האָט דערלאַנגט ברויט, קאַווע, קאַשע און קאַרשן. דער פּאַרמער האָט גוט געדענקט דעם נעכטיקן שמועס און נישט פאַרלאַנגט מער ווי פופצן סענט. יורגיס האָט זיך געזעגנט און געגאַנגען ווייטער.

אַזוי האָט ער אָנגעהויבן זײַן נע-ונד לעבן. אַזעלכע העפלעכע פּאַרמער, ווי ס׳איז געווען דער לעצטער האָט ער שוין זעלטן באַגעגנט. ער האָט שוין ליבערשט געוואָלט שלאָפן אויפן פרײַען פעלד און אויסמײַדן די צאָרנדיקע פּאַרמער. אַז ס׳האָט גערעגנט איז ער אַרײַנגעקראָכן אין אַ ליידיקן שײַער. אָפּטמאָל האָט ער געמוזט וואַרטן ביז ס׳איז געוואָרן פינצטער, דאַן האָט ער מיט אַ שטעקן אין האַנט זיך אַהין אַרײַנגעגנבעט. מערסטנטייל האָט זיך אים דאָס אײַנגעגעבן, איידער די הינט האָבן אים דערשמעקט, ער פלעגט באַצײַטנס זיך אַרײַנכאַפּן אין שײַער, פאַרשטעקן זיך אין שטרוי און געשמאַק דורכגעשלאָפן די נאַכט.

ס׳איז געקומען די צייט פון פאַרשידענע געוויקסן. אַ דאַנק דעם האָט ער געקאָנט לעבן שפּאָרזאַם. אויף די ביימער האָט זיך באַוויזן עפּל און אויף דער ערד קאַרטאָפל. בײַטאָג פלעגט ער זיך פרײַער אָנצייכענען די ערטער און בײַנאַכט פלעגט ער זיך אַהין אַרײַנכאַפּן און אָנשטאָפּן פולע קעשענעס. צוויי מאָל איז אים אפילו געלונגען צו כאַפּן צוויי הינדלעך, דעמאָלט האָט ער שוין געפּראַוועט אַן אמתע סעודה, ס׳ערשטע מאָל אין אַ שײַער און ס׳צווייטע מאָל אין אַ יונג וועלדל, ביים טײַך. אַז די גנבות האָבן אים אויפגעהערט לונגען, האָט ער פאַרזיכטיק און זאָרגלאָז זיך צוגערירט צו זײַן געלט. ער האָט געוואוסט, אַז טאָמער וועט ער נאָר וועלן אַרבעטן, וועט ער קאָנען גענוג פאַרדינען.* פאַר אַ האַלבע שעה האַקן האָלץ האָט ער באַקומען

ס׳פיינסטע מיטאָג, און אַז דער פארמער האט זיך נאָך צוגע־קוקט צו זיין ארבעט, האט ער זיך נאך באמיט אים צו פאר־האלטן פאר זיך.

אבער יורגיס האט נישט געוואָלט אַרבעטן. יעצט איז ער געווען א פרייער מענטש, א פרייער קעמפער פארן לעבן. דאס וואנדער לעבן האט אים געצויגן, ער איז געווען פארשכורט פון פרייד, אומאויפהערלעכע האָפענונג. לייכט זיך פאָרצו־שטעלן די ענדערונג, וואס עס קומט פאָר ביי א מענטש, וועלכער איז יאָרנלאַנג געווען פארמאכט צווישן די פאבריקס־מוירן, גע־לעבט צווישן די שטאָטישע וואלקנקראצער, און פלוצלינג גע־פונט ער זיך אונטערן פרייען הימל, אויף פעלדער. אַ מענטש, וואס האט געארבעט א גאנצן טאג, אַ גאנץ יאָר און דערנאָך געפאלן אין א הארטן, פארמאטערטן שלאָף, כדי צו קאנען מאָרגן ווידער אָנהייבן ס׳זעלבע. אָט אַזא מענטש הייבט פלוצ־לינג אָן געוועלטיקן איבער זיך, ארבעט, ווען ער וויל און ווי אזוי ער וויל, ערווארט יעדן טאג פרישע איינדריקן.

יעצט האבן זיך אים אומגעקערט די כחות, דאס גע־זונט, די יוגנטלעכע פרישקייט מיט אירע אלע פארגעניגנס, מיט דער גאנצער קראַפט, וואס ער האט שוין געהאַט כמעט ווי פארגעסן. די יוגנט האט זיך צו אים אומגעקערט אומגעריכט, ס׳האט אים אפילו א ביסל איבערגעשראָקן. ס׳האט זיך אים גע־דוכטן ווי זיין טויטע קינדהייט לעבט אויף אין אים אויפסניי. ער האט זיך גוט דערנערט, פארברענגט אויף דער פרישער לופט. אינדערפרי, אז ער פלעגט זיך אויפכאפן פון שלאָף, האט ער נישט געהאַט וואס צו טון, ער האט זיך צעצויגן, גע־לאכט, געזונגען אלטע ליטווישע לידלעך, וואס ער האט זיך דערמאָנט אין זיין נע־ונד לעבן. טיילמאָל האט ער דערזעען לעבן זיך זיין פארשטאָרבן קינד, ווענעמס קולכל ער וועט שוין קיינמאָל נישט הערן, נישט זעען מער זיין פנימל. דע־מאָלט איז אַנטשטאַנען א געראַנגל צווישן אים און זיין אלטן „איך״. ביינאַכט פלעגט זיך צו אים באַווייזן אָנע. ער האט אויסגעשטרעקט צו איר די הענט, געוויינט, געוועקט זיך. צו־

מאָרגנס, אז ער איז אויפגעשטאַנען, האט ער זיך אָפּגעטרייסלט פון אלץ און ער איז געגאַנגען ווייטער.

ער האט קיינמאָל נישט געפרעגט, וואו ער געפינט זיך. ער האט געוואוסט, אז די ערד איז גענוג גרויס און ער וועט קיינמאָל נישט דערגיין צום סוף. צו יעדער צייט האט ער געקאָנט געפונען פאר זיך א סביבה, וואס האט געפירט א לעבן פונקט ווי ער. אמת טאַקע, אז צווישן די בע־ונדניקעס איז נאך יורגיס געווען א גרינער, אבער זיינע חברים האבן אים גערן געגעבן פאַרשידענע אָנווייזונגען. זיי האבן אים געלערנט, ווי אזוי אויסצומיידן דערפער און שטעט, געמאַכט אים קלאָר אין די פארשידענע סמנים אויף די פאַרקנס און מוירן, וואו צו גנבענען, וואו צו בעטלען און וואו מ׳האט ביידע געקאָנט אויסצופירן צוזאַמען. זיי האבן געלאַכט פון יורגיסן, בעת ער האט זיי דערציילט, אז ער האט מיט שווערע ארבעט געוואלט פאַרדינען אויף עסן: — צוואס — האבן זיי געטענהט — אז מיר קאָנען אלץ באקומען אומזיזט. טייל מאָל פלעגט יורגיס נעכטיקן מיט אזא באַנדע שלעפער אין וואַלד און נאָכדעם נאך צוזאמען מיט זיי זיך אוועקלאָזן אויפן רויב. שפעטער, אז זיי זענען שוין געווען גוט באפריינדעט, האבן זיך געשלעפט צוזאמען גאנצע וואָכן און זיך דערציילט די געשיכטעס פון זייער לעבן.

די מערסטעטייל פון זיי זענען געווען פראָפעסיאָנעלע שלעפער, געפירט אזא לעבן שוין פון די פריסטע יאָרן אָן, נישט געהאט אין זייער לעבן קיין שום אָנהאַלט. אבער ס׳איז אויך געווען צווישן זיי אזעלכע, וואס זענען פונקט ווי יורגיס געווען אמאָל ארבעטער, געארבעט שווער, ביז זיי זענען געקומען צו דער איבערצייגונג, אז ס׳לוינט נישט דאס גאנצע מאַטערניש. שפעטער האבן זיי זיך באגעגנט מיט אַן אנדערן טיפ מענטש, מיט מענטשן, וואס האבן געשאפן א גאנצע ארמעע בע־ונדניקעס. דאס זענען געווען היימלאָזע ארבעטער, זייער צאל איז געווען גוזמהדיק. דאס שטרענגע געזעץ פון דער נאַטור האט זיי גערופן צום לעבן, צום אויספירן די בייטיקסטע ארבעטן

פאר דער וועלט, אלע געלעגנהייטלעכע פונקציעס, די אומרעגולערע, בישט שטענדיקע, וואס האבן געמוזט נאר דורך זיי ווערן אויסגעפירט. אָנהייב זומער האבן זיי זיך באַוויזן אין טעקסאַס, און, אז דאָרט האט זיך פארענדיקט דער שניט האבן ויי מחנותווייז זיך געצויגן אויף דרום. אין הערבסט זענען זיי שוין געווען אין מאַניטאָבאָ. זיי האבן זיך צעשיט אין די וועלדער האקן האָלץ און, אז דאס האט זיי ווינציק וואס נעגעבן זענען זיי אוועק אין שטאָט אריין, געלעבט דאָרט נאָך פון די זומערדיקע אָפּשפּאָרונגען. זיי האבן זיך פארדונגען אין די האַפּנס צוצעטראָגן משאות, צו גראָבן רינשטאָקן און שאַרן שניי. זייער צאָל איז געווען אומגעהייער, די שוואַכערע זענען נעפאַלן פון הונגער און קעלט, די שטאַרקערע זענען געבליבן אויפן גורל פון דער נאַטור.

אין האַלבן חודש יולי האט ער זיך געפונען אין שטאט מיסורי, ער איז דארט אָנגעקומען פונקט שניט צייט. די מענטשן האָבן דארט פינף חדשים געאקערט און געזייט, יעצט האט מען באדארפט אין משך פון צוויי וואָכן אַראָפּרוימען די תבואה פון די פעלדער, ווייל אנדערש וואלט פון אלעם געקאנט ווערן אַ תל. איבערן גאנצן לאַנד האט זיך געטראגן דער רוף נאך ארבעטער. מ׳האט געצפנט ביוראָען, ווערבירט ארבעטער פון אומעטום. אַ גרויסער טייל שטעט איז געווען פארפליכטעט צו שיקן אַ טייל פון זייערע מאנסלייט, אפילו די שטודירנדע יוגנט איז געקומען צו הילף. די פארמער האָבן אָפּגעשטעלט די צוגן און ארויסגעשלעפּט פון דארט ארבעטער, זיי זענען געווען גרייט צוצאָלן צוויי און אַ האלבן דאָלאר אַ טאָג און די בעסערע גאַנצע דריי דאָלאַר.

דער פלאם צו דער שניט ארבעט האט ארומגעכאפּט יעדן אייניציקן. יורגיס האט זיך אָנגעשלאָסן אין אַ גרופּע ארבעטער און געארבעט פון באַגינען ביז זונען אונטערגאנג, אכצן שעה אין טאג, צוויי וואָכן אָן אויפהער. ער האָט אָפּגעשפּאָרט א היבשע סומע געלט, אַ סומע, וואס אין די שוואַליקע לעבנס באדינגונגען, בעת ער האָט געארבעט אין

טשיקאַגאָ וואָלט עס געווען אַגאַנץ פאַרמעגן. וואָס האָט ער באַדאַרפט יעצט טון מיטן געלט? אוועקטראָגן אין דער באַנק? גאַנץ מעגלעך, אַז זיי וועלן עס אים צו יעדער צייט אַרויסגעבן צוריק, ווען ער וועט זיך נאָר נייטיקן אין דעם. אָבער אַ נע־ונעדניק ווייסט נישט פון דעם. זאָל ער אַרומטראָגן דאָס געלט בײַ זיך? ניין, דאָס איז אויך אוממעגלעך. ער איז געווען היימלאָז, באַדראַט יעדער מינוט צו ווערן באַרויבט. טאָ וואָס פאַר אַן אויסוועג האָט ער געהאַט, אויב נישט טרונקען, טרונקען פאַר וויפל ס׳וועט אים קלעקן?

איינמאָל שבת בײַנאַכט איז ער אוועק מיט זײַנע חברים אויף אַ שפּאַציר אין שטאָט אַרײַן. זיי זענען אַרײַן אין אַ שענק. ס׳איז געווען דאָרט ליכטיק, פרײלעך, איינער דעם אַנדערן האָט מכבד געווען. פּלוצלינג האָט ער באַמערקט ווי אַ געזונטע קרעפּטיקע מויד שמייכלט צו אים. דאָס בלוט האָט האָט אים אַ שלאָג געטון אין פּנים. ער האָט אַ שאָקל געטון צו איר מיטן קאָפּ און זי האָט זיך אוועקגעזעצט לעבן אים, מ׳האָט דערלאַנגט עסן און געטראַנקען, דערנאָך זענען זיי אַרײַן אין אַ באַזונדער צימערל. די חיהשע אינסטינקטן האָבן זיך דערוועקט אין אים. ער איז געוואָרן אויפגערעגט, ווי אַ ווילדע חיה פון אַ וויסטע. אָבער באַלד האָט ער זיך דערמאָנט אָן זײַן ווייב, אָנם קליינעם זונדעלע, ער האָט זיך געפילט גליקלעך, אַז ער איז שוין געווען צוריק אין זאַל צוזאַמען מיט אַלע פרויען און מענער.

נאָך דער גרויסער מחנה אַרבעטלאָזע מענער האָט זיך געצויגן אַ מחנה אַרבעטלאָזע פרויען. די דאָזיקע פרויען האָבן געלעבט אַזוי לאַנג גוט כּל זמן זיי זענען געווען יונג און שיין, שפּעטער, אַז יונגערע און שענערע האָבן זיי אַרויסגעשטופּט פון זייערע ערטער, וואו זיי האָבן זיך אויפגעהאַלטן בײַ די רייכע מענער, האָבן זיי זיך מחנותווייז געשלעפּט נאָך די אַרבעטער. זומער האָבן זיי זיך באַזעצט און די דערפער, באַנענט פון די שניט פעלדער. ווינטער האָבן זיי זיך באַזעצט

אין די וועלדער, ביי די קאַזאַרמעס, געלעבט אין די שענקען און אַנדערע נאַכט-הייזלעך, צו אַכט אָדער צען צוזאַמען.

צומאָרגנס האָט ער שוין נישט געהאַט אַ פּרוטה אין קע-שענע. ער האָט ווידער אָנגעהויבן זיין וואַנדער לעבן. ער איז געווען בייז, פאַרביטערט. אָבער ער האָט געמוזט דערשטיקן אין זיך די דאָזיקע אַלע געפילן. יאָ, דאָס וואָס ס׳איז געשען איז שוין פאַרפאַלן, אָבער דאָס טאָר זיך שוין מער נישט איבער-חזרן. ער איז געגאַנגען אַזוי לאַנג, ווילאַנג ער איז נישט גע-וואָרן צוריק פרייליך און ניכטער. אַזוי איז מיט אים געשען עטלעכע מאָל, ער איז געווען אַ זייער אימפּולסיווער מענטש, לאַנג האָט באַדאַרפט דויערן, אַז ער זאָל ווערן פּונקט ווי אַלע אַנדערערע שלעפּער, וואָס זענען שוין געוואָרן באַהערשט פון שכרות. אים האָט נאָך געפיינִיקט דאָס געוויסן, ס׳איז אים געווען אוממעגלעך זיך צו באַפרייען פון די מחשבות, וואָס זענען אים פּלוצלינג באַפאַלן און ער איז אַנטלאָפן אין שענק אַריין.

איינמאָל ביינאַכט איז געפאַלן אַ שטאַרקער רעגן. יורגיס האָט זיך באַהאַלטן אין אַ קליין הייזעלע אונטער דער שטאָט. דאָרט האָט געוואוינט אַן אַרבעטער פאַמיליע, דער באַלעבאָס איז געווען אַן עמיגראַנט, געקומען פון ווייס-רוסלאַנד. ער איז געווען זייער אָנגענעם, גערעדט צו יורגיסן, אויף דער מוטער-שפּראַך, צוגעגעבן אים צום אייוועלע, אָפּגעגעבן אים אַ גע-לעגער אויפן בוידעם אין שטרוי. דאָס ווייב האָט צוגעגרייט וויעטשערע און די קינדער האָבן זיך געשפּילט אויף דער פּאָד-לאָגע. יורגיס האָט אָנגעהויבן מיט אים שמועסן, זיי האָבן גערעדט וועגן זייער אַלט און ביי פאָטערלאַנד. יורגיס האָט גע-רעדט גיך און באַגייסטערט, אָבער פּלוצלינג איז ער אַנטשוויגן געוואָרן. די באַלאַבאָסטע האָט אַריינגעבראַכט אַ הילצערנע שיסל און אָנגעהויבן אויסבאָדן ס׳יונגסטע קינד. די עלטערע קינדער זענען שוין געשלאָפן. זי האָט דערציילט פאַר יורגיסן, אַז ס׳קינד האָט באַקומען אַן אויסשלאָג אויפן לייב און דער דאָק-

טאָר האט עס געהייסן אויסבאדן יעדן טאג פארן שלאפן גיין.

יורגיס האט כמעט נישט געהערט, וואס זי האט צו אים גערעדט. ער האט נאר געקוקט אויפן קינד. ס׳איז געווען אלט אַ יאָר, געווען קליין, אָבער קרעפטיק, א דיקע פיסקעלע, דיקע פיסעלעך און געקרויזטע הערעלעך. דאס וואסער האט אים לגמרי נישט געארט, פארקערט, ער האט נאך צופרידן גע־פלוסקעט אין דעם, נישט געוואלט ארויסקריכן פון דער שיסל. פאר זיינע אויגן האט זיך באוויזן זיין פארשטארבן קינד. יעדער שמייכל פון דעם קינד, וואס ער האט געזעען אין דער שטוב, איז געווען פאר אים ווי א מעסער אין זיין הארץ. ער איז געזעסן אומבאוועגלעך, מיט די ציטערדיקע הענט זיך פעסט אנגעקלאמערט אָן דער באנק אין זיין נשמה האט זיך פארקליבן אַ שטורעם, פון זיינע אויגען האט געגאסן א שטראם טרערן. לסוף האט ער אויסגעבראכן אין א שרעקלעך געוויין. אלע האבן זיך איבערגעשראקן. יורגיס האט זיך פארשעמט, ער האט זיך א ריס געטון פון אָרט און נישט געקוקט אויפן שלאַקס רעגן ארויס אויף דער גאס.

ער איז געלאָפן לענגאויס דעם וועג, ביז ער איז צו־געקומען צו אַ וואלד, דאָרט האט ער זיך באהאלטן אין אן אלטן צעפוילטן וואָרצל פון אַ בוים און געוויינט עטלעכע שעה נאָכאַנאנד. דער תהום פון דער פארגאנגנהייט האט זיך פאר אים געעפנט, און אלץ האט זיך באוויזן פאר זיינע אויגן, גע־פייניקט אים מיט די שרעקלעכסטע יסורים, ער האט געזעען זיין קינד, געזעען אָנען, געזעען זיך, זיין צוקונפט, וואס שלעפט אים מיט אויסגעשטרעקטע הענט צום תהום. אלץ איז שוין גע־ווען פארשפילט, פארשפילט אויף אייביק. ער קאָן נאָר שרייען פון ווייטיק, זונקן אין אָפגרונט, כדי צו פארגעסן, צו פארגעסן וואס גיכער.

דריי און צוואַנציקסטער קאַפּיטל

פרילינגס צייט האט זיך יורגיס צוריק אומגעקערט קיין טשיקאַגאָ. די זאָרגלאָזע צופרידנקייט פון דעם כסדרדיקן בע-וגד זיין האט זיך געענדיקט. ס'איז שוין געווען קאלט צו שלאָפן אין שטרוי. פונקט ווי אלע אנדערע שלעפּער האט ער זיך גענארט מיט דער האָפענונג, אז ער וועט דער ערשטער אָנקומען קיין טשיקאגאָ און געפינען אַ לייכטע ארבעט. זיין קאַפּיטאל איז באשטאנען פון פופצן דאָלאַר באהאלטן אין אַ שטיוול. דאס געלט האט ער נישט פארשפּורט, נישט דער-פאר, ווייל זיין געוויסן וואָלט אים געפּייניקט, נאר ער האט פשוט מודה געהאט, טאָמער וועט ער ווינטער נישט האָבן וואו צו ארבעטן.

צוזאמען מיט נאָך עטלעכע חברים איז ער אריין אין אַ צוג. ביינאכט האָבן זיי זיך באהאלטן אין אַ פראַכט-וואגאָן, ס'האט זיי געדראָט א געפאר, יעדער מינוט צו ווערן ארויס-געוואָרפן אין סאמע מיטן פאָרן. זיי זענען אָנגעקומען קיין טשיקאגאָ, יורגיס האט זיך צעשיידט מיט זיינע חברים, ווייל יענע האבן נישט געהאט קיין געלט און ער יאָ.

ער האט באגערט זיך גוט צוצוגרייטן אויף דער שלעכטער צייט. ער האט געוואלט אויפפינדן דעם שווערן פּלאָנטער פון לעבן. ער איז שוין געווען גענוג דערפארן, זאלן אנדערע פאלן אין דעם געראנגל, ער וועט זיך נישט אונטערגעבן. אז די נאכט וועט זיין אַ ווארעמע, וועט ער

שלאָפן אין אַ פּארק, אין אַ פראכט־וואַגאָן, אין א לײדיק פּעסל, אין א קעסטל פון מיסט. ווינטער וועט ער אויסזוכן אַן אכסניה, וואו ער וועט באקומען פאר צען סענט אַ נאכטלעגער, אָבער ער וועט נעכטיקן פאר דריי סענט אין וועלכן ס'איז טויער, עסן וועט ער אין דער אָרעמער קיך פאר דריי סענט אַ מיטאג, מער וועט ער אַ פרוטה נישט אויסגעבן. אזוי מוז ער ווי ס'איז אַדורכקומען די צוויי־דריי חדשים.

צוערשט איז ער אוועק אין דער שטאָל הוטע, אָבער ער האט נישט געהאפט דארט צו געפונען ארבעט, ער האט נאר געוואָלט זיך דערוויסן ווי לאנג זיין אָרט איז שוין פארנומען. אין די שעכטהייזער האט ער לגמרי זיך נישט געוויזן, יעצט איז ער געוועזן אליין, איין מענטש, וואס האט נישט געהאט מיט וועמען זיך צוטיילן מיט זיין פארדינסט. ער האט אָנגעהויבן עולה רגל זיין איבער די מאגאזינען, ביוראָען, פאבריקן, אַ גאנצע וואך איז ער ארומגעלאפן איבער דער שטאָט פון איין עק צום אנדערן. ער האט געזוכט אין די צייטונגען, אבער דאך האט ער אויסגעמיטן די שרייענדיקע אנאָנסן, די ארבעטס־פארמיטלער. זיינע חברים נע־ונדניקעס האבן שוין פונלאנג אים קלאר געמאכט אין די שווינדלערייען.

נאך פיר וואכן זוכן האט ער ענדלעך געפונען א ידיעה אין דער צייטונג, אז מ'נייטיקט זיך אין הונדערט ארבעטער. ער איז געווען זיכער, אז ס'איז אויך א שווינדל, אבער ער איז געגאנגען, ער איז אנגעקומען אויפן ארט, געטראפן דארט א לאנגע רייע ארבעטלאזע. צום גליק איז דורכגעפארן א לאסט־אויטאמאביל און איבערגעריסן די רייע, יורגיס האט אויסגענוצט די געלעגנהייט און צוגערוקט זיך נעענטער צום טויער. די ארבעטער האבן אים געדראט, געוואלט אים אפשטופן, אבער יורגיס האט זיך אנטקעגנגעשטעלט, ער האט הויך געשריגן, באגערט, אַז ס'זאל אָנקומען א פאליציאנט, דאן האבן זיי אים שוין געלאזט צו רו, זיי האבן גוט געוואוסט, אז טאמער מישט זיך ארײן פאליציי וועט מען זיי אלע צעטרייבן.

אין צוויי וואכן ארום האט ער ערשט באוויזן אנצו-

קומען אין דער ביורא, ער האט זיך געשטעלט פאר א דיק־ אירלענדער.

— האט איר שוין אמאל געארבעט אין טשיקאגא?

און א קול פון אינעווייניק האט אונטערגעזאגט יורגיס אן ענטפער:

— ניין, מיין הער.

— פונוואנען קומט איר?

— פון קאנסאס סיטי.

— האט איר רעקאמענדאציעס?

— ניין, מיין הער, כ'בין אן אומגעבילדעטער ארבעטער, פארמאג נאר שטארקע הענט.

— איך דארף טאקע מענטשן צו שווערער ארבעט, אונ־ טערערדישע ארבעט, צו טעלעפאן פארבינדונגען. אפשר פאסט דאס נישט פאר אייך?

— איך ארבעט ביי וואס ס'לאזט זיך. וויפל איז דער לוין?

— פופצן סענט א שעה.

— גוט מיין הער.

— אפגעמאכט! גייט אט דארט און גיט אויף אייער נאמען.

אין א האלבע שעה ארום איז שוין יורגיס געשטאנען ביי דער ארבעט, טיף אונטער די גאסן פון שטאט. דער דאזיקער טונעל איז געווען געבויט אויף א מערקווירדיקן אופן. ער האט געהאט אכט פוס אין דערהייך און אזוי פול אין דער ברייט, געצויגן זיך אויף אלע זייטן און געשאפן א נעץ פון גאסן אונטער דער שטאט. ער איז לאנג געגאנגען מיט זיינע חברים אויפן באשטימטן ארט, ס'איז געווען אומגעפער צוויי קילאמעטער. מאדנע איז אויסגעקומען אין זיינע אויגן די עלעקטרישע ליכטיקייט און די שמאלע שינעס פאר א קליינבאן, וואס ער האט דארט געזען.

אין א האלב יאר ארום איז ערשט פאר אים געווארן קלאר די געהיימניס פון דאזיקן טונעל. דער שטאטראט האט אין געהיים אפגעגעבן א געזעלשאפט די קאנצעסיע צו בויען

אַן אונטערערדישע טעלעפאָן-פאַרבינדונג. די געזעלשאַפט איז געווען אומגעוויינלעך רייך, און זיי האָבן דאָרט אייגעארדנט אַ נעץ פון אַ פראכט-קליינבאַן-קאמוניקאַציע. אין טשיקאַגאָ האָט עקזעסטירט אַ קאַפּיטאַליסטן פאַרבאַנד, וואס האט געהאט אין זיין רשות הונדערטער מיליאָנען דאָלאַר, דצר דאָזיקער פאַריין האָט געהאַט אַן אויפגאַבע צו פארניכטן אַלע ארבעטער פאַריינען, אממייסטן האָבן זיי געלייגט אַ דרוק אויפן פאריין פון פורמאַנעס. זיי האָבן געוואלט מיט זייער אונטערערדישע קליינבאַן פארייניקן אַלע פאבריקן און שפייכלער און פארטיליקן די פורמאַנעס.

די גאנצע געשיכטע איז ארויס פאר דער עפנטלעכקייט. שטאָט האט אויסגעוויילט אַ קאָמיסיע אויסצופאָרשן די זאַך, אבער ביי יעדן מאל איז דער עסק געוואָרן פארשמירט. נאָכן פארענדיקן די אַרבעט האט זיך שטאָט דערוואוסט דעם גאנצן אמת. ס'איז אנטשטאַנען אַ מוראדיקער סקאנדאל. ס'האט זיך ארויסגעוויזן, אז אַלע באריכטן פון דער אויספאָרשונגס-קאָמיסיע זענען געוואָרן געפעלשט. עטלעכע גרויסע קאַפּי-טאליסטן האט מען איינגעזעצט. די ראטמענער האבן ערקלערט, אז זיי האבן להלוטין פון דעם נישט געוואוסט, כאטש דער הויפט-איינגאנג אין טונעל האט זיך געפונען אונטער אַ שענק פון א שטאטישן ראַטמאַן.

יורגיס האט געארבעט אין יענער טייל טונעל, וואו מ'האָט נאר וואָס אנגעהויבן ארבעטן. ער האט געוואוסט, אַז דארט וועט ער האָבן ארבעט אַ גאנצן ווינטער. ער איז געווען צופרידן, די אוונטן האט ער פארברענגט פריילעך. ביינאכט איז ער צוזאמען מיט נאך פיר חברים געשלאָפן אויף אַ גרויסן שטרויזאַק. אויף עסן און שלאָפן איז אים אוועקגעגאַנגען פינף דאָלאַר. אמת טאקע, אז דאָס האט אים אויסגעמאכט צו טייער, אָבער ער האָט נישט געהאט קיין אנדערע ברירה.

תחילת האט ער געהאט פארשידענע אנדערע אויסגאבן, געקויפט כלים צו דער ארבעט, די אלטע שטיוול זענען אים געווארן צעריסן און ער האט געמוזט קויפן נייע, א פלאנעלין

העמד, ווייל דאס אלטע העמד איז לגמרי צעקראכן אויפן לייב. אכט טאָג האָט ער געטראכט צי ער זאָל אָפּקויפן דעם געגוצטן פּאלטן, וואָס די אלמנה פון פאַרשטארבענעם, יידישן שפּייז־קרעמער האט אים געוואלט פארקויפן.

יורגיס האָט געאַרבעט פון זיבן אינדערפרי ביז זעקס ביינאַכט, מיט אַ האלבער שעה מיטאָג.

אַ גאנצער וואך אויסער זונטאָג האָט ער לגמרי נישט געזען די טאָג־ליכטיקייט. אַ חוץ די שענק איז נישט געווען קיין אנדער אָרט פאר אַן ארבעטער. וואו צו באגעגענען אַ פריינט און שמועסן וועגן עפּעס. יורגיס האט אַן אייגענע שטוב אויך נישט געהאַט. זונטאָג האָט מען געעפנט די קירכעס, אבער זאָל נאָר אַן אָרעמער ארבעטער אַהין אריינקומען — די רייכע מתפללים וועלן זיך תיכף אָפּרוקן אָן אַ זייט, בייזערן זיך און קוקן מיט פאראכטונג. אין שטוב איז געווען קאַלט און אין דרויסן האָט געבלאָזן אַ ווינט. טאָ וואו איז געווען צו גיין וויבאלד נישט אין שענק אריין. און אין שענק האט ער געמוזט טרונקען, ווייל אנדערש וואלט אים דער שענקער תיכף ארויסגעווארפן. און, אז ער האט געטרונקען האט אים שוין פאַרגלוסט צו די איבעריקע פארוויילונגען, צו ביליאַרד, קאָרטן, קאָסטקע, קוקן אויף בילדער פון באַרימטע מערדער און נאקעטע פרויען. אויף די זאכן האָט ער נישט געקאַרגט קיין געלט. אזוי האָט ער געלעבט זעקס וואָכן און דריי טעג, געארבעט שווער פאַר די טשיקאַגאָר גבירים, מיטגעהאלפן פאַרטיליקן דעם פאריין פון פורמאנעס.

ביי דער דאזיקער ארבעט איז ווינציק געווארן געזארגט פארן לעבן און געזונט פון די אַרבעטער. דאס דורכפירן דעם טונעל האט געקאָסט יעדן טאג א מענטשלעך לעבן און עטלעכע פארוואונדעטע. מער ווי צוואנציק מענטשן האבן זיך וועגן א פארפאל נישט דערוואוסט. צו דער ארבעט האט מען זיך באַנוצט מיט אויפרייס מאשינען פון נייעסטן סיסטעם, ווייל דאס אויפרייסן מיט דינאמיט וואלט געצויגן אויף זיך די אויפמערקזאמקייט פוי די איינוואוינער. די ארבעטער זענען געווען

באַדראָט מיט זייערע לעבנס, צו דעם איז נאָך צוגעקומען ס׳ווילדע לויפעניש פון דער קליינבאָן. איינמאל פּאַרנאַכט, בעת יורגיס איז געשטאַנען ביים אויסגאַנג נאָר וואָס צו גיין אַהיים, איז אָנגעפאַרן אַ לאָקאָמאָטיוו, אַ שטויס געטון אים אין דער פּלייצע און אוועקגעשליידערט אויף אַ פעלזן וואַנט, ער איז באַוואוסטלאָז אַנידערגעפאַלן אויף דער ערד.

אַז ער האָט אויפגעמאַכט די אויגן האָט ער נישט געהערט מער, ווי דאָס קלינגען פון אַמבולאַנס גלאָק. ער איז געלעגן אינעווייניק אַ באַדעקט מיט אַ וואָלן טוך. דער אַמבולאַנס איז געפאָרן פאַמעלעך צווישן מחנות מענטשן, וואָס האָבן איינגעקויפט אויף דער ווייַנאַכט־חגא. אין שפיטאל האָט אים אַ יונגער דאָקטאָר אויסגעגלייכט און געבאַנדאַזשירט. מ׳האָט אים ארומגעוואַשן און אריינגעטראָגן אין אַ גרויסער זאל, וואו ס׳זענען שוין געלעגן ביז דרייסיק אַזוינע קרבנות.

אין שפיטאל האָט ער פאַרברענגט דעם ווייַנאַכט־יום־טוב, דאָס זענען געווען די אָנגענעמסטע ווייַנאַכט־טעג, וואָס ער האָט פאַרברענגט זינט ער געפינט זיך אין אַמעריקע. ס׳איינציקע, וואָס ס׳איז אים דאָ נישט געפעלן, איז געווען דאָס קאָנסערוון פלייש, וואָס מ׳האָט געטיילט די קראַנקע. דער וואָס האָט געאַרבעט ביי דורהאַם אין דער קאָנסערוון פאַבריק, דער וואָלט דאָס פלייש נישט געגעבן אַפילו זיין הונט.

אין פערצן טאָג ארום האָט ער פאַרלאָזט דאָס שפיטאָל. דאָס האָט נישט געהייסן, אַז ער איז שוין פולקום געזונט, אַז ער קאָן שוין אָנהייבן אַרבעטן. ער האָט געמוזט פאַרלאָזן דאָס שפיטאָל, ווייל זיין בעטל איז געווען נייטיק פאַר עמעצן אַנדערש.

דאָס אומגליק איז מיט אים געשען מאָנטאָג, ער האָט שוין געהאַט באַצאָלט דירה געלט און פאַר די וואָך עסן, ער איז געבליבן אָן געלט, סך הכל האָט ער געהאַט ביי זיך פינף און זיבעציק סענט און אַ חוץ דעם איז אים געקומען אַנדערהאַלבן דאָלאַר פאַרן טאָג אַרבעט, ווען דאָס אומגליק איז מיט אים געשען. ער האָט אַפילו געהאַט דאָס רעכט צו מאָנען ביי דער

געזעלשאַפט אַנטשעדיקונג, אָבער יורגיס האָט וועגן דעם נישט געוואוסט, און די געזעלשאַפט האָט אויך נישט געפונען פאַר נייטיק אים דאָס צו דערמאָנען. ער האָט אָפּגענומען דעם דאָלאַר פופציק סענט, פאַרמשכּנט די כּלים אויף פופציק סענט. זיין געלעגער איז שוין געווען פאַרנומען פון אַן אַנדערן און אין דער גאָרקיך, וואו ער האָט געגעסן, האָט דער גאָרקיכער געקוקט אויף אים מיט אומצוטרוי. ער האָט געוואוסט, אַז יורגיס וועט שוין צוויי חדשים נישט אַרבעטן, פריער האָט ער געגעסן ביי אים סך הכּל זעקס וואָכן — ניין, ס'האָט נישט געלוינט אים צו געבן עסן אויף קרעדיט. ער האָט געקאָנט גיין.

און יורגיס איז אַרויס אויף דער גאַס. ער האָט זיך געפונען אין זייער אַ ביטערער לאַגע. אין דרויסן האָט געבלאָזן קאַלטע ווינטן און ס'האָט געשאָטן שניי. יורגיס איז געווען אָנגעטון אין אַ לייכט רעקל, ס'איז אים געווען שרעקלעך קאַלט און ער האָט נישט געהאַט וואו זיך אויסצובאַהאַלטן פאַר דער קעלט. זיין קאַפּיטאַל איז באַשטאַנען פון צוויי און האַלבן דאָלאַר, ער האָט גוט געוואוסט, אַז ער וועט שוין אַ צייט נישט קאָנען אַרבעטן. ער האָט געקוקט מיט קנאה אויף די אַרבעטער, וואָס האָבן געריינִיקט די גאַסן פון שניי און זיין האַנט איז געווען באַנדאַזשירט ביזן אַקסל.

ער האָט אפילו נישט געקאָנט אויסרעכענען אויף אַ צופעליק פאַרדינסטל, ער איז געווען שוואַך, אומבאַהאָלפן אַקעגן זיינע קאָנקורענטן, אַ שרעקלעכער פּחד האָט אים אַרומגענומען, ער האָט זיך געפילט ווי אַ פאַרוואונדעטע חיה אין אַ וויסטע, וואָס ראַנגלט זיך פאַרן קיום. ווער וועט אויף אים איצט האָבן רחמנות? ווער וועט אים קומען צו הילף? ער האָט געוואוסט, אַז אפילו מיט בעטלען וועט ער יעצט ווייניק וואָס אויפטון. צוערשט האָט ער געטראַכט, ווי אַזוי זיך צו באַשיצן פון דער שרעקלעכער קעלט. ער איז אַריין אין זיין באַקאַנטער שענק, אויסגעטרונקען עפּעס און זיך אַוועקגעזעצט לעבן אויוון וואַרעמען. אָבער דער שענקער האָט אים באַפוילן תּיכּף זיך אָפּצוטראָגן. דאָס שענקן-געזעץ האָט נאָר דערלויבט צו זיצן אין

שענק דעמאָלט, אז דער גאַסט האט געטרונקען אָדער געגעסט אַמאָל, אז יורגיס האט דאָרט אָפּט פאַרברענגט האט ער טאַקע געקאָנט זיצן עטוואָס לענגער. ס׳איז שוין אָבער געווען צוויי וואָכן, ווי ער האט זיך לגמרי נישט געוויזן אין שענק. ער האט אויסגעזעען א יורד, וויבאַלד דער שענקער וואָלט געהאַט א רחמנותדיק האַרץ פאַר די פאַרשוינען, וואָלט זיין שענק תּמיד געווען פול מיט די שלעפער.

יורגיס איז אריין אין אַן אנדערער שענק און ווידער אויסגעגעבן עטלעכע סענט. ער איז געווען שטאַרק הונגעריק. דער ריח פון די פרישע מאכלים האט אים געקיצלט די נאָז־לעכער. ער האט נישט געקאָנט ביישטיין דעם נסיון און גע־הייסן זיך דערלאַנגען א טעלער זופּ. אז מ׳האט אים אויך פון דאָרט ארויסגעטריבן, איז ער צוזאַמען מיט א שיקלדיקן טשעך אוועק אין א בלאַט-הויז. יורגיס האט זיך אָפּגענאַרט, ער האט געמיינט, אז דארט וועט מען אים לאָזן זיצן א ביסל לענגער, אבער דער גאנצער לאָקאַל איז שוין געווען פול מיט אַזוינע געסט ווי ער. דער באַלעבאָס פון הייזל האט אים דערלויבט צו כאַפּן א קליינעם דרימל ביים טיש, צוגעגעבן אים עטלעכע סענט און געהייסן גיין ווייטער.

ער איז פאַרבייגעגאַנגען פאַר א באַלויכטענעם לאָקאַל פון א רעליגיעזער געזעלשאַפט, וואו מ׳האט אָפּגעריכט תּפילות. מחנות מענטשן האבן געצויגן צו יענעם לאָקאַל, פאַרחשקט פון דער וואַרעמקייט און ליכטיקייט.

א פלאַקאַט האט געמאָלדן, אז דער לאָקאַל וועט ווערן געעפנט נאָך זיבן. יורגיס האט זיך דערווייל באַהאַלטן אין א טויער. ס׳איז אים געווארן קאַלט, ער איז געלאָפן הין און צוריק. ענדלעך האט מען געעפנט דעם לאָקאַל, מיט זיין קראַנ־קער האנט ער זיך באַמיט צו באַקומען אַן אָרט לעבן וואַרעמען אויוון.

אַכט א זייגער איז שוין דער לאָקאַל געווען איבערפולט פון באַזוכער. די איינארדענער האבן ממש געשטראַלט פון פרייד.

מ'האט זיך געשטופט אין די קאָרידאָרן, פון דער גאַס האָט זיך אריינגעריסן פרישע מחנות מענטשן. אויף אַן עסטראַדע זענען געשטאַנען דריי עלטערע הערן, אָנגעטון אין שוואַרצן און ביי אַן אָרגל איז געזעסן א יונגע דאַמע. צוערשט האָט אָפּגעזונגען א כאָר, דערנאָך האָט א דאַרער, הויכער הער אין שוואַרצע ברילן אָפּגעהאַלטן א לאַנגע דרשה. יורגיס האָט זיך צוגעהערט, אפילו עטוואס פאַרשטאַנען, אָבער ס'האָט אים געלאַנגוויילט. ווייבאַלד ער איז נישט איינגעשלאָפן, איז עס נאָר געווען צוליב דעם, ווייל ער האָט מורא געהאַט, אַז ער זאָל נישט שנאָרכן, דאַן וואָלטן זיי אים זיכער ארויסגעוואָרפן, און דאָס האָט באַדייט פאַר אים ס'זעלבע, וואָס טויט-אורטייל.

דער רעדנער האָט גערעדט וועגן עונות און גאולה, וועגן דער אַן סופיקער, געטלעכער רחמנות, וועגן גאָטס מוחל זיין די מענטשלעכע שוואַכקייטן. ער האָט גערעדט ערנסט, געגלייבט אין אַלץ, וואָס ער האָט געזאָגט. זיינע ווערטער האָבן אין יורגיס נשמה געוועקט א געפיל פון שרעקלעכן האַס. וואָס ווייסט וועגן מענטשלעכע זינד דער דאָזיקער פּאַרשוין אין דעם שוואַרצן, שיינעם סורדוט, מיטן ווייסן קעלנערל, וועמען ס'איז נאָך קיינמאָל נישט געווען קאַלט, וואָס איז נאָך קיינמאָל נישט געווען הונגעריק און האָט תמיד פולע טאַשן געלט? ער האָט געוואָלט לערנען די אָרעמע, ווי נאָך זיך צו באַשיצן פון דער אָרעמקייט?

גאַנץ מעגלעך, אַז יורגיס איז דאָס מאָל נישט געווען באַרעכטיקט אין זיין טראַכטן, אָבער זיינע מיינונגען זענען געווען אמתע. דער דאָזיקער פּאַרשוין, וואָס איז געשטאַנען אויף דער עסטראַדע האָט לגמרי נישט געקענט דאָס לעבן פון די אָרעמע, פאַרקערט, ער האָט נאָך אָנגעהערט צו דער געזעלשאַפטלעכער מאַשין, וואָס האָט געטייט די אָרעמע, צו יענער קלאַס חוצפּהדיקע גבירים, וואָס דונגען אָט דאָ א גרויסער זאַל, מאכן וואָרעם, ליכטיק, נישקשה ס'קלעקט זיי אויף דעם, זיי רייסן געגנוג פון די אָרעמע, פּרעדיקן פאַר זיי רעדעס, או די אָרעמע קומען אונטערטעניק אויסהערן. די דאָזיקע ואָרגאַניס

ווילן ראַטעווען די נשמות פון די אָרעמעלייט ? יאָ, מיט די נשמות וואָלטן זיי נאָך ווי ס'איז זיך אַן עצה געגעבן, ווען זיי וואָלטן נאָר זיך געקאָנט אַן עצה געבן מיט די לייבער...

עלף א זייגער האט זיך פאַרענדיקט די צערעמאָניע. דער לאָקאַל איז געוואָרן געשלאָסן און די אָרעמע דאַכלאָזע האבן געמוזט ארויסגיין אויף דער גאַס און פרירן. ביז צום עפענען די שטאָטישע נאַכט-לאָקאַלן איז נאָך געווען א גאנצע שעה צייט. יורגיס איז דעמאָלט שיער אומגעקומען פון דער קעלט. ער איז איז געלאָפן ווי א משוגענער, געוואָלט זיך עטוואס דערוואַרעמען. ענדלעך האט אויסגעשלאָגן צוועלף. פאַר די טויערן פון די נאַכט-לאָקאַלן זענען שוין געשטאַנען מחנות מענטשן.

דאס איז געשעען אין יאַנואַר 1904, ווען ס'גאַנצע לאַנד האט איבערגעלעבט קריטישע טעג. די צייטונגען האבן טאָג טעגלעך געמאָלדן וועגן די פאבריקן, וואס האבן זיך אָפּגע-שטעלט. ביז פרילינג איז שוין געווען פאַרצייכנט אומגעפער אנדערהאַלבן מיליאָן ארבעטלאָזע. די שטאָטישע נאכט-לאָקאַלן זענען געווען געשטאָפּט מיט מענטשן, פאר די טויערן האבן זיי געקעמפט צווישן זיך, ווי ווילדע חיות. יורגיסן איז נישט גע-לונגען זיך אריינצובאַקומען אינעווייניק. מיט מער ווי א העלפט מענטשן איז ער געבליבן אויפן הויף מיט זיין קראַנקע, פאַר-באַנדאַזשירטע האַנט. ער האט נישט געהאט קיין אנדערן אויס-וועג, סיידן צו זוכן א נאכטלעגער פאר געלט.

די פרעסט האבן אזוי געהאלטן צוויי וואָכן, אין זעקס טאָג אַרום, האט ער שוין נישט געהאט אַ פרוטה אין קעשענע. ער איז אַרויס אויף דער גאס און אָנגעהויבן בעטלען.

ער האט עס געמאַכט אויף דעם אופן: באַלד אינדער-פרי, ווי ס'האט זיך נאָר אָנגעהויבן די באַוועגונג אויף די גאסן, איז ער ארויס פון א שענק, זיך אומגעקוקט צי עס באַ-מערקט אים נישט אַ פּאָליציאַנט און אָנגעהויבן פארהאלטן די דורכגייער, וואס האָבן געמאכט אן איינדרוק פון רחמנותדיקע מענטשן. ער האָט דערציילט שוידערלעכע געשיכטעס און אויס-

געצויגן דערביי די האַנט. וויבאַלד ער האָט עפּעס באַקומען איז ער תּיכּף אַריין אין שענק זיך דערוואַרעמען. און, אַז דער נדבן האָט עס באַמערקט, האָט ער זיך צוגעשוואוירן, אַז ער וועט שוין קיינמאָל אין זיין לעבן נישט שענקען אַ סענט פאַר די דאָזיקע גאַסן־בעטלער.

דער נדבן האָט לגמרי נישט געטראַכט וועגן דעם, וואָז־הין יורגיס האָט געקאָנט גיין מיט דער אויסגעבעטלטער פּרוטה, וואָז ער אליין וואָלט געגאַנגען, אַז ער וואָלט געווען אויף יורגיס אָרט. אין די דאָזיקע שענקען האָט מען פאַרקויפט ביליק אַ גלעזעלע בראָנפן, אַ פרישטיק, און מ'האָט גאַנץ פריי זיך געקאָנט אָנוואַרעמען ביים אויוון. אין דער שענק האָט זיך יורגיס געפילט, ווי ביי זיך אין שטוב, די שענקער האָבן אַרויס־געהאָלפן די בעטלער, זיי האָבן זיי געגעבן עסן, אַריינגענומען זיי צו זיך אויף נאַכטלעגער, און זיי, די בעטלער האָבן זיך געטיילט מיט די אויסגעבעטלטע פּרוטות. וואָס האָבן די מנדבים געהאַט זיי פאַרצוואַרפן?

יורגיס האָט געהאַט אַלע מעגלעכקייטן צו ווערן אַ בעטלער. ראשית איז ער נאָר וואָס אַרויסגעקומען פון שפּיטאָל, ער האָט אויסגעזעען שלעכט און די האַנט איז אים געווען באַנדאַזשירט, געטראָגן אַ לייכט רעקל און געציטערט פון קעלט. אָבער ווידער די זעלבע געשיכטע! דער ערלעכער ליידט תּמיד פאַרן נישט ערלעכן. אין בעטלעריי איז יורגיס געווען אַ דילעטאַנט, נישט געווען בכח צו קאָנקורירן מיט די באַנדע אַנדערע בעטלער, וואָס זענען שוין געווען געניט אין זייער פאַך. ער איז נאָר וואָס אַרויס פון שפּיטאָל — דאָס מיטל איז שוין געווען אַל־און אָפּגענוצט, יעדערער האָט עס שוין געקאָנט אויף אויסע־ווייניק! זיין האַנט איז געווען באַנדאַזשירט — דאָס האָט אַ קינד אייך געקאָנט באַווייזן. ער האָט געקלאַפּט אַ צאָן אָן אַ צאָן! ווער קאָן דאָס נישט מאַכן, אַז ס'זאָל קלאַפּן אַ צאָן אָן אַ צאָן. ער האָט נישט געהאַט קיין פאַלטן — הונדערטער אָרעמעלייט האָבן נישט געהאַט קיין פאַלטנס, אָבער אונטער די

שמאטעס האָבן זיי געטראָגן גאנץ פיינע, ווארעמע לייבלעך, ווער האט זיי ארונטערגעקוקט אונטן!

די דאָזיקע בעטלער האָבן געהאט אייגענע וואוינונגען, ווייבער און קינדער, אין די בענק דעפּאָזיטן צו עטלעכע טויזנט דאלאר. טייל פון זיי האָבן מיט דער צייט לגמרי אויפגעהערט בעטלען, אבער דאך ווען ס'איז ווען אריינגעלאזט זיך פאר געלט אין אַ בעטלערישן שווינדל. ס'זענען געווען אזעלכע, וואס האבן באהאלטן זייערע הענט אונטער די מלבושים, דער ווינט האט געשאָקלט מיט די ליידיקע אַרבל, פאר די אָן הענטיקע האט געקליבן די נדבות אַ קליין, קראַנק קינד. די וואס האָבן נישט געהאט קיין פוס, האט מען געבראַנגט אויף וועגעלעך. די בלינדע זענען געוואָרן געפירט דורך קלוגע, שיינע הינטלעך.

ס'זענען געווען צווישן זיי אַזעלכע, וואס האָבן זיך אַליין געקאַלעטשעט ס'לייב, אויסגעבראַנט זיך וואונדן, אַרויסגערופן געשווירן אויפן לייב מיט דער הילף פון פארשידענע כעמישע מאַטעריאַלן. מ'האט באַגעגנט בעטלער, וואס האָבן אים אויסגעצויגן צו די דורכגייער קראַנקע, העסלעכע הענט, אנדערע האָבן אָפּגעדעקט די שמאַטעס און באַוויזן זייערע בלוטיקע וואונדן. אין אָרעמען קוואַרטאל האָבן די שוין געהערט צום בעסערן סאָרט בעטלער. ביינאַכט האָבן זיי פאַרברענגט אין גנבישע מלינות, אין לאָקאַלן צוזאַמען מיט פרויען, וואו מ'האט גערייכערט אָפּיום. פאָליציי האט זיי גערוימט פון די גאַסן, אָפּגעשיקט אין תפיסה-שפּיטאל אַריין. דאס שפּיטאל איז געווען ענלעך צו אַ גיהנם, אַ געמיש פון פארשידענע אָנשטעקנדע קראַנקהייטן, וואס האט געגעסן זייער אָרגאַניזם, זייערע פנימער. זיי האָבן געלאַכט, געשריגן, געפייפט, דורכגעמאַכט אלע פאַזן פון משוגעת, געפלאַפּלט ווי מאַלפּעס, געצווילדעוועט אין אַ משוגענעם טאַנץ פון פאַרשכורטקייט.

פיר און צוואַנציקסטער קאַפּיטל

בישט געקוקט אויף די אַלע שוועריקייטן, וואָס יורגיס האָט געהאַט אויסצושטיין, האָט ער דאָך געמוזט יעדן טאָג אויסבעטלען אויף בראָנפן און אויף אַ נאַכטלעגער, ווייל אַנדערש זאָלט אים אויסגעקומען צו ווערן געפרוירן. ער האָט זיך געשלעפּט פון גאַס צו גאַס אין דער קעלט, זיין נשמה איז געווען פול מיט יאוש און פאַרביטערונג. יעצט האָט ער געקוקט אויף דער ציוויליזירטער וועלט מיט אַ קלאָרן בליק. וואָס איז דאָס אַזוינס די ציוויליזירטע וועלט? וועלכעס האָט אין איר אַ וועלט? די ברוטאַליטעט. וואָס פאַר אַן אָרדענונג הערשט אויף דער וועלט? אַן אָרדענונג, וואָס איז געוואָרן אויסגעטראַכט פון די רייכע, כדי צו הערשן איבער די אָרעמע, און יורגיס האָט געהערט צו די לעצטע.

ער האָט זיך אומגעקוקט אַרום. די גאַנצע וועלט איז אויסגעקומען איז זיינע אויגן אַ תפיסה. און ער יורגיס לויפט אַרום אינעווייניק ווי אַ ווילדער טיגער, רייסט מיט די ציין די אייזערנע קראַטן, כדי זיך נאָר איבערצוצייגן, אַז ער וועט זיי נישט איינבייסן. אין דעם ווילדן געראַנגל פון גיריקייט איז ער געוואָרן מנצח, ער מוז ווערן פאַרטיליקט. די גאַנצע געזעלשאַפט האָט געזאָרגט פאַר דעם, אַז ער יורגיס זאָל צו גאָרנישט דערגרייכן. וואוהין ער האָט זיך נאָר געווענדט, האָט ער זיך אָנגעשטויסן אָן תפיסה קראַטן אָדער זיך באַגעגנט מיט פיינדלעכע אויגן.

אַז ער האָט זיך דערנענטערט צו די גלאַטיקע, שטייפֿע פּאָליציאַנטן, האָט זיך אים געדוכטן, אַז בעת זיי דערזעען אים האַלטן זיי פֿעסטער דעם שטעקן, וואָס זיי האַלטן תּמיד אין זייערע הענט. אין דער שענק האָט מען אים נישט דערלויבט צו זיצן אַ מינוט לענגער לויט דער צייט, וואָס ס'איז אים געקומען פֿאַר עסן אָדער טרונקען. די כוואַליעס מענטשן, וואָס האָבן דורכגעשטראָמט די גאַסן זענען געווען טויב צו זייערע הילפֿס־רופֿן. ווייבאַלד ער האָט זיך עמעצן צופֿיל געוואָרפֿן אין די אויגן, האָט ער זיך שוין אַנגעשטויסן אויף צאָרן און אויפֿרעגונג. יעדער איינער האָט געהאַט גענוג זיין אייגענע דאגות. צי זענען זיי דען געווען מחויב זיך צו פֿאַרנעמען מיט יורגיסן. ער איז געקומען צו דער איבערצייגונג, אַז ס'איז נישטאָ פֿאַר אים קיין אָרט אויף דער וועלט. די טירן פֿון די הייזער זענען געווען פֿאַר אים געשלאָסן, די מוירן האָבן אים געשטערט דעם צוטריט צו די מענטשלעכע שטובן. די קעלער זענען געווען פֿאַרקראַטעוועט, ביי די שפּייכלער שומרים, די בענק האָבן געהאַלטן זייערע מיליאַרדן אין אייזערנע שטובן.

איינמאָל האָט פּאַסירט מיט יורגיסן אַ גרויס געשעעניש. ס'איז שוין געווען שפּעט ביינאַכט, ער האָט נאָך גאָרנישט געהאַט אויסגעבעטלט, ער האָט נישט געהאַט וואוהין צו גיין שלאָפֿן, דער שניי איז געפֿאַלן אין גרויסע פֿלעצלעך און אַ קעלט האָט אים דורכגענומען ס'לייב. ער האָט זיך אויסגעמישט צווישן פּובליקום, וואָס איז נאָר וואָס ארויס פֿון אַ טעאַטער, און יעדן איינציקן פֿאַרהאַלטן. ער האָט שוין לגמרי זיך נישט געשראָקן פֿאַר דער פּאָליציי, פֿאַרקערט, ער וואָלט נאָך געווען צופֿרידן, אַז אַ פּאָליציאַנט זאָל אים אַרעסטירן. אָבער דאָך, ווי ס'האָט זיך נאָר דערנענטערט צו אים אַ פּאָליציאַנט האָט ער זיך איבערגעשראָקן און אָנגעהייבן לויפֿן. ער איז אריין אין אַ זייטיק געסל, דער אָטעם האָט זיך אים פֿאַרהאַלטן און ער איז געבליבן שטיין. אַ יונגערמאַן

איז אים געקומען אָקעגן. יורגיס האט אים פאַרהאַלטן דעם וועג און מיט זיין תחנונהדיק קול אָנגעהויבן:

— טייערער הער, כ׳בעט אייך, שענקט עטלעכע סענט אויף אַ נאַכטלעגער. כ׳האָב אַ צעבראָכענע האַנט, כ׳קאָן נישט אַרבעטן, כ׳בין אָן אַ פּרוטה. שענקט עפּעס, כ׳בין אַן ערלעכער אַרבעטער, נאָך קיינמאָל נישט געלעבט. ס׳איז נישט מיין שולד, מיין הער...

— וואָס זאָגט איר?

יורגיס האט איבערגעחזרט אויפסניי, פּאַמעלעך און דייטלעכער, אָבער איידער ער האָט נאָך פאַרענדיקט, האָט דער פרעמדער אַרויפגעלייגט די האַנט אויף זיין אַקסל און געענטפערט:

— שלעכט? אַ? נישט געגאַנגען אין לעבן? פּלוצלינג האט ער זיך געטון אַ וואַקל, מיט זיינע הענט אַרומגענומען יורגיס האַלדז.

— און מיר איז נישט געגאַנגען, אַלטיטשקער, די וועלט איז געמיין, נידערטרעכטיק.

זיי זענען געשטאַנען נאָענט פון אַ לאַמטער. יורגיס האט געהאַט די מעגלעכקייט גוט זיך צו אים צוצוקוקן. ער איז נאָך געווען אַ יונגער פאַרשוין פון אומגעפער אַכצן יאָר, שלאַנק, מיט אַ יונגלערישן אויסדרוק אויפן פּנים. אויפן קאָפּ האָט ער געטראָגן אַ צילינדער, אַ וואַרעמען פּאַלטן פון ווייכן שטאָף מיט אַ פוטערנעם קאָלנער. ער האָט געשמייכלט.

— יאָ, פריינט, אויך מיר איז שלעכט אוועקגעגאַנגען, כ׳האָב שלעכטע עלטערן, ווען נישט זיי, וואָלט איך אייך זיכער אַרויסגעהאָלפן. וואָס איז מיט אייך געשען?

— כ׳בין געלעגן אין שפּיטאָל.

— אין שפּיטאָל? — האָט ער אויסגערופן און זיך געצלעכט — ניין ס׳קאָן נישט זיין! איז עס דאָך די זעלבע געשיכטע, וואָס מיט מיין מומע פּאָלי, כע, כע, די מומעס פּאָלי ליגט דאָך אויך אין שפּיטאָל. זי האט געבוירן אַ צווילינג... און איר?

— צעבראָכן אַ האַנט.

— אַזוי, האט דער יונגבערמאַן אויסגערופן

מיט מיטגעפיל — דאס איז שוין נישט אזא גרויסע זאך, ביסט געזונט ווערן, אלטיטשקער. אָ, הלוואי וואלט עמעצער מיר צעבראכן א האנט, זיי וואלטן מיך פול בעסער באהאנדלט אין שטוב. לאזט מיך נישט פאלן... איר האט געהערט עפּעס וועגן מיר?

— איך בין הונגעריק...

— הונגעריק? פארוואָס האָט איר נאָך נישט געגעסן וויעטשערע?

— כ'האב נישט קיין געלט, מיין הער.

— איר האט נישט קיין געלט? נאַ, נאַ, גוט, יעצט זענען מיר ביידע פריינט, איך האב אויך נישט קיין געלט. גייט שוין בעסער א היים.

— כ'האב נישט קיין היים.

— אָן אַ היים? ביסט אַודאי א פרעמדער? גרויסער גאט, דאָס איז שלעכט, באמת שלעכט! קומט מיט מיר, דארט וועט שוין גוט זיין, וועסט זעען! וועסט עסן מיט מיר צוזאמען. מיין פאטער איז אין איירָאפּע. בעג איז נישטאָ אינדערהיים. פּאָלי ליגט אין שפּיטאל, זי האָט געבוירן א צווילינג. קיינער איז נישטאָ אין שטוב, א מחיה... וועסט דיך מוזן אויסלערנען טרונקען. דער אלטער לאָקיי האָט שטייט מיר תמיד אונטער די פלייצעס. איך קאן נישט עסן, מיך ציט אין קלוב אריין, אבער איך טאָר נישט פארבלייבן... א באפעל פון אלטיטשקן תמיד צו זיין ביינאכט אין שטוב. האסט שוין עפּעס געהערט? איך זאָג צו אים: כ'וועל קומען אינדערפרי. און ער ענטפערט: ניין, וונדערלעך מיינער, וועסט קומען ביינאכט, אז נישט וועל איך פארשליסן די קאסע. אט אזוי איז מיין פאטער, האַרט ווי שטאָל, און טו מיט אים וואס דו ווילסט. ער האט באפוילן דעם אלטן האָט מיך אָפּצוהיטן, די דינער שפּיאָנירן מיר נאָך, מיר, דאָס אָרעמע רויקע יונגל געבן זיי נישט קיין רו. ער פארט קיין איירָאפּע און לאָזט דאָ איבער פאראָרדענונגען. ס'איז א חרפּה, אָ? וואס זאגט איר? אז ס'ווערט פרייטיק אין שטאָט מוז איך זיך שוין אומקערן א היים. דערפאר זעעסטו מיך

דאָ. קיטי האט היינט געוויינט. וואס זאָגסטו אלטיטשיקער? איך זאג צו איר: קיטי, לאָז מיך גיין, די פליכטן רופן, זיי געזונט מיין טייער געליבטער.

ביי די לעצטע ווערטער האט ער אנגעהויבן זינגען א ווייטיקלעך, קלאגעדיק ליד. יורגיסן האָט ארומגענומען אַ פחד, ער האט מורא געהאט ס'זאל זיי נישט עמעצער באמערקן. זיי זענען געווען אליין.

פלוצלינג האט ער באקומען חרטה:

— ניין, כ'וועל נישט גיין! וואס מיר פאר א שטוב? כ'האָב מיר מיין אייגענעם ווילן, פרעדי דזשאָנס טוט ווי אים געפעלט! צו אלדע רוחות, איך זאָג, אז מ'באַדאַרף מיך נישט אָפפירן אַהיים. צי בין איך דען שכור? וואס, ווי דו? ניין, דו ביסט עפעס אנדערש. איך זאָג צו קיטין: קיטי, איך בין ניכטער! און זי ענטפערט: אודאי פרעדי ביסטו ניכטער. איי איז דאס א פלינקע מויד: — איך וועל בלייבן דאָ, אין א וואַרעמער שטוב — זאגט זי און די פרעדי, דו וועסט גיין אהיים אין אזא קאלטער נאכט. איך זאג: — שרייב א ליד אויף דער טעמע. און זי ענטפערט: — פרעדי זיי נישט ווילד, כ'וועל רופן א דראָזשקע... הערט, איר וועט גיין אהיים צו מיר עסן? נו, קומט האלט אייך נישט גרויס, אייך איז גארנישט ערגער ווי מיר, נאָר איר קאנט מיך פארשטיין. קומט, מיר וועלן מאכן ליכטיק אינגאנצן הויז, הייסן זיך דערלאַנגען שאַמפאַן. כאַפט עס דער רוח... אין שטוב קאָן איך טון, וואָס איך וויל. דער אלטער האט אזוי געהייסן, ערנוואָרט, אזוי האט ער געהייסן!

— האנט ביי האנט זענען זיי געגאנגען לענג אויס דער גאָס. דער יונגער הער האט פארטויבט יורגיסן מיט זיין כסדרדיקן פלוידערן. יורגיס האט נישט געוואוסט וואס צו טון. ער האט פארשטאנען, אז טאמער וועלן זיי ארויסקומען אויף א באלעבטע גאס, וועלן זיי ציען אויף זיך די אויפמערקזאמקייט פון די דורכגייער. ער איז פלוצלינג געבליבן שטיין און געפרעגט:

— נאָך ווייט צו אייער שטוב?

— נישט ווייט. אפשר זענט איר מיד? לאָמיר פאָרן.

מיט דער לינקער האנט האט ער זיך אָנגעהאלטן אָן יורגיס אקסל און מיט דער רעכטער געזוכט עפּעס אין קעשענע.

— רוף א דראזשקע, איך וועל צאָלן, גוט?

ער האָט אַרויסגעצויגן א פּעקל באנקנאָטן. יורגיס האט נאָך קיינמאָל אין זיין לעבן נישט געזעען אזוי פיל געלט. א שוידער האט דורכגענומען אלע זיינע גלידער.

— ס׳וועט גענוג זיין, אמת? אבער ס׳איז דאָך ממש גאָרנישט, קליינע פּאַפּירלעך. ס׳וועט קוים קלעקן אויף אַ וואָך, בנמנות! דערנאך איין פרוטה שוין נישט מער ביזן ערשטן, אזוי האָט באַשלאסן דער אלטער — פארשטייסט: איך האָב אים מודיע געווען, אז כ׳האב ווינציק, אינדערפרי האָב איך צו אים טעלעגראפירט. הער ווי אַזוי: כ׳שטאַרב פון הונגער, שיק מיר אויף ברויט, אַז כ׳וועל דאָ אזוי ליידן, קום איך צו דיר — דיין פרעדי. אזוי האב איך אים טעלעגראפירט, ווי גאָט איז מיר ליב. און אזוי וועל איך אויך טון. כ׳וועל אנטלויפן פון שול, אוועקשוואומען קיין איראפּע, וויבאלד ער וועט מיר נישט שיקן קיין געלט.

דער יונגער הער האט געפּלוידערט אָן אויפהער. יורגיס האָט געציטערט פון באגייסטערונג, ער האט געקאנט לייכט כאפּן דאס פּעקל באנקנאָטן פון דעם פרעמדנס האנט און ווערן אנטרונען אין דער פינצטערניש פון דער נאַכט, איידער יענער וואָלט נאך באוויזן אַ פּיפּס צו טון. צי זאל ער עס טון? אבער יורגיס איז נאך קיינמאל אין זיין לעבן נישט באגאנגען אַ פארברעכן. אַ ווײלע האט ער זיך געוואקלט. פרעדי האט אראָפּגענומען איין באנקנאט און דאָס איבעריקע צוריק באהאלטן אין קעשענע.

— האָסטו, אלטיטשקער — האט ער געזאגט צו יורגיסן, האלטנדיק דעם קנאקעדיקן באנקנאט. אין דער ליכטיקייט וואס איז געפאלן פון אַ לאמטער האט יורגיס באמערקט, אז ס׳איז אַ הונדערט-דאָלאר-באנקנאָט — נעם, באַצאָל אַ דראָזשקע

און ס'איבעריקע באהאלט פאר דיר. איך קען נישט רעכענען, דער אלטער זאָגט אויך, אז כ'קען נישט, ער ווייסט, וואס ער זאגט, מעגסט אים גלייבן! איך זאָג צו אים: אָלל-רייט, דו אָרדן איין אַ פארשטעלונג און איך וועל אפנעמען די בילעטן. ער האָט געהייסן די מומע פאָלי אויף מיר אכטונג טון, און זי האט גאָר געבוירן אַ צווילינג, ליגט אין שפיטאָל. די גאנצע שטאט וועט זיך ביי מיר שטעלן אויפן קאָפּ. האַללאָ, אַ דראָזשקע.

אַ דראָזשקע איז פארבייגעפאָרן. יורגיס האט באפוילן דעם דראזשקאזש זיך אפצושטעלן. פרעדי איז מיט גרויס שוועריקייט קוים איינגעשטיגן אינעווייניק. יורגיס האט געוואלט איינשטייגן באַלד נאך אים, אבער דער דראזשקאזש האָט אויסגעשריגן:

— הע! דו קאנסט דיר גיין!

יורגיס האט זיך צוריקגעצויגן אָן תרעומות, מיסטער פרעדי האָט אויסגערופן:

— וואָס איז דאָס? מישט זיך נישט. אלטיטשקער אריין!

דער דראָזשקאזש איז אנטשוויגן געווארן און יורגיס האָט איינגעשטיגן. פרעדי האט אויפגעגעבן אַן אדרעס אויף דער טאָר-דרייוו סטריט און די דראָזשקע איז געפארן. דער יונגער הער האט זיך צוגעבויגן נעבעטער צו יורגיסן, ארומגענומען אים ביים האַלדז און צעפרידן געפלוידערט, אָבער ער איז תיכף איינגעשלאָפן. יורגיס האט געציטערט, אַ ווײַלע האט ער געטראכט, טאמער וואָלט טאקע געוועזן אַ פלאן צוצונעמען ביי אים ס'פעקל באנקנאָטן. אבער ער איז נישט געוועזן דרייסט אריין צושטעקן די האנט אין זיין פריינטס קעשענע, מורא געהאט, אז דער דראזשקאַזש זאל עס נישט באמערקן. ער האט באַקומען הונדערט דאָלאַר און ער מוז זיך מיט דעם באנוגענען.

אין אַ האלבע שעה ארום איז די דראָזשקע געבליבן שטיין, זיי האבן זיך געפונען ביי אַ געפרוירענעם טייך פונוואַנען ס'האט געבלאַזן אַ קאלטער ווינט.

— שוין — האט אויסגערופן דער דראָזשקאַזש.
יורגיס האט געוועקט זיין פריינט.
— האַללאָ, וואו זענען מיר? וואס איז געשעען, ווער זענט איר? אָ, כ'ווייס שוין, כ'האב שיער פארגעסן. מיר זענען שוין אין שטוב? אָ, ווי קאַלט. יאָ, קומט מיט מיר, מיר זענען שוין אין שטוב.
פאר זייערע אויגן האט זיך אויסגעשפרייט א ריזיקע גראַניט געביידע, וואס האט פארנומען די גאנצע לענג פון דער גאַס. אין דער ליכטיקייט פון דער לאַמטער האָט יורגיס באַמערקט טורעמס און קופּאָלן, ווי ביי א פּעאָדאַלן־שלאָס אין מיטלאַלטער. לכתחילה האט ער געטראכט, אז זיין פריינט האט א טעות, ער האט גארנישט געקאָנט באגרייפן, אז איין פשוטער בשר־ודם זאל וואוינען אין אזא געביידע, וואס האָט אויסגעזעען ווי א ראָטהויז אדער האָטעל. טריט נאך טריט איז ער געגאַנגען נאכן יונגן הער. זיי זענען ארויף אויף מירמלנע טרעפּ, האַלטנדיק זיך געאָרעמט. מיסטער פרעדי האט זיך געווענדט צו יורגיסן:
— דארט דארף ערגעץ זיין א גלעקל, זון אלטיטשקער, נאר מיך לאָז נישט אָפּ, האַלט מיך און זוך. אָ, ס'איז דאָ, געלויבט איז גאָט, מיר זענען געראטעוועט!
אין עטלעכע מינוט ארום האבן זיך פּאַמעלעך געעפנט די גרויסע טירן. ס'האט זיך באוויזן אין זיי א דינער אין א בלאָע ליבעריע. ער איז געשטאנען אומבאוועגלעך ווי א מומיע.
א ווײַלע זענען זיי געשטאנען אין דער לאַמטער ליכטיקייט, ביז דער יונגער הער האט א שלעפּ געטון מיט זיך יורגיסן און ביידע זענען אריין אין א לאנגן קאָרידאָר. דער דינער אין דער בלאָער ליבעריע האט פארמאכט די טיר. ביי יורגיסן האט דאס הארץ אנגעהויבן האַסטיק קלאַפּן. ער האט געפילט, אז יעצט האט ער געוואַגט אויף אַן אומגעווײנלעך, דרייסטן טאַט. ער האט צומאָל נישט באגרייפט אין וואס פאר א וואונדערבאַרע, הימלישער געביידע ער האט זיך געפונען,
דער קאָרידאָר איז געווען שוואך באַלויכטן. פונדער-

ווייטנס האט זיך געזעגן הויכע ויילן און ביים סאַמע סוף האט זיך ווידער געצויגן ברייטע, מירמלנע טרעפ ארויף אין דער-הייך. די פּאָדלאָגע איז געווען פון לויטערן מירמלשטיין און גלאַטיק ווי גלאָז. פון די ווענט האבן אַראָפּגעקוקט געשטאַלטן, ארומגענומען מיט ריזיקע פּאָרהאַנגען, פון פארשידענע הארמאָ-נישע קאָלירן, א גרויסע צאָל בילדער, וואס האבן פארגעשטעלט מיט זיך פארשידענע פאנטאַסטישע סצענעס.

דער דינער אין דער ליבעריע איז געגאנגען אוטערטע-ניק אונטער זיין הער. פרעדי האט אים דערלאַנגט דעם הוט, דערנאָך האט ער אָפּגעלאָזט יורגיסן און מיט דער הילף פון דינער אָנגעהויבן אראָפּשלעפּן פון זיך דעם פּאַלטן. באַלד האט זיך צוגערוקט נאָך א פּאַרשוין, א געוויקסיקער, דיקנער מענטש, מיט א חשובן אויסזעע אויפן פּנים. ער איז צו צו יורגיסן, און יורגיס האט זיך פחדנותדיק צוריקגעצויגן אויף אונטן. יע-נער האט אים אָנגעכאַפּט ביים קאַלנער און געשלעפּט צו דער טיר. אין קאָרידאָר האט זיך דערהערט א געשריי פון יונגן פּרינץ:

— האַמילטאָן, מיין פריינט בלייבט דאָ.

האַמילטאָן האט אָפּגעלאָזט יורגיסן און מיסטער פרעדי האט זיך געווענדט צו אים:

— קום אהער, קום, מיין ליבער אַלטיטשקער.

האַמילטאָן איז געוואָרן צעטומלט.

— מיסטער פרידריך! — האט ער אויסגערופן.

— גיי באַצאָל די דראָזשקע.

ביי די ווערטער האט ער ווידער אנגענומען יורגיסן ביי דער האנט, יורגיס האט געהאַט בדעה אויסצושרייען: — „כ׳האָב שוין באַקומען געלט אויף דעם", אָבער אין דער לעצטער מינוט האָט ער זיך געטון א ביס אין דער צונג. האמילטאָן האט דעם באַפעל איבערגעגעבן דעם פּאָרטיער אויסצופירן, און ער אליין איז געגאַנגען אונטער זיין הער און זיין גאסט.

זיי זענען דורכגעגאַנגען דעם גאנצן קאָרידאָר און אוועק-

געדריט אויף לינקס. זיי זענען געבליבן שטיין פאר גרויסע טיטאנישע טירן.

— האמילטאן.

— צום באפעל, סיר.

— וואס איז געשען מיט דער טיר פון עס-צימער?

— גארנישט, סיר.

— טא פארוואס עפענען זיי זיך נישט?

— האמילטאן האט געעפנט די טיר. אין זאל איז נאך געווען פינצטער. מיסטער פרעדי האט באפוילן:

— ליכט!

דער דינער האט א דריק געטון ביי א קנעפל און תיכף האט א גאס געטון העלע שטראלן און פארבלענדט יורגיס אויגן. ער האט זיך דערשטוינט אומגעקוקט ארום און ארום, ביסלעכווייז איז פאר אים געווארן קלאר, וואו ער געפינט זיך.

די ווענט זענען געווען באהאנגען מיט ריזיקע בילדער, נימפן און דריאדן, זיי האבן געטאנצט אין א יונג וועלדל. דיאנא אויף א פערד פליען מיט א מחנה הינט איבער א טייך, מיידלעך באדנדיק זיך אין טייך, אין שאטן פון וואלד. אלץ איז געווען געמאלט אין דער נאטירלעכער גרויס אין יורגיס אויגן איז עס אויס געקומען ווי לעבעדיקע געשטאלטן, ס׳האט זיך אים געדוכטן, אז ער האט זיך ארייגבאקומען אין א פארכשופטן שלאס, זיינע אויגן זענען אראפגעפאלן אויף א גרויסן טיש פון העבען-האלץ, וואס האט זיך געפונען אין מיטן זאל. אויפן טיש זענען געשטאנען פארשידענע זילבערנע און גאלדענע כלים. אין מיטן טיש איז געשטאנען א ריזיקע וואזע, פול מיט פורפורנע ארכידעען, באלויכטן מיט א געהיים פייערל, וואס איז געקומען פון אונטן.

— דאס איז דאס עס-צימער — האט פרעדי געזאגט — נו, ווי געפעלט עס אייך? — ער איז צוגעשטאנען צו יורגיסן, אז ער זאל אים ענטפערן אויף זיינע פראגן. ער האט זיך אנגע-

ענט אָן זיין אַקסל און געלאַכט. יורגיס האט געענטפערט, אז אלץ געפעלט אים.

— דאס איז אָבער אַ נידערטרעכטיקע שטוב פאר אַזעלכן, וואָס האט נישט מיט וועמען צו עסן. מיינסט אַודאי אויך אזוי?

ער האָט זיך אַ ווײַלע פארטראכט און ווייטער געפרעגט:

— און אפשר ליבער אַלטיטשקער, האָסטו נאך קיינמאָל נישט געזעען אזוינע זאַכן?

— ניין, כ׳האב עס נאך קיינמאָל נישט געזעען — האט יורגיס געענטפערט.

— ביסטו אַודאי פון דאָרף?

— יאָ, פון דאָרף.

— כ׳האָב באַלד פאַרשטאנען. אַ סך מענטשן פון דאָרף זעען נישט די זאַכן. מיין פאטער לאָזט זיי דאָ אריין ווי אין אַ צירק, אומזיסט. זיי קומען אַהיים און דערציילן, וואס זיי האָבן געזעען. דעם אַלטן דזשאָנס הויז, דזשאָנס פון די שעכט־הייזער, פון פלייש טרעסט. דאס פארמעגן האט ער געמאַכט פון חזיר פלייש, דער דאָזיקער אלטער שווינדלער. אָבער ס׳איז אן ערלעך הויז, נישט אמת? האסט שוין אַודאי עפעס געהערט פון דעם גרויסן דזשאָנס.

יורגיס האָט נישט ווילנדיק אויפגעציטערט. פרעדי האט געהאט אַ שאַרף אויג און ער האט תיכף באמערקט אויף יורגיסן די ענדערונג.

— וואס איז אייך? — האט ער געפרעגט — האסט שוין געהערט וועגן אים?

יורגיס האט אַרויסגעשטאַמלט:

— כ׳האָב געאַרבעט אין זיינע שעכטהייזער.

פרעדי האט צופרידן אויסגעשריגן:

— וואס? איר? אין די שעכטהייזער? פארוואָס האט איר דאָס באלד נישט געזאָגט! גיט די האנט, אַלטיטשקער, ווי גאָט איז מיר ליב, ווי איך מוז דריקן די האַנט. אָ, ווען דאָ וואלט געווען מיין אַלטער, ווי צופרידן ער וואָלט געווען זעענדיק

איך! ער לעבט זייער גוט מיט זיינע אַרבעטער... פּראָלע־טאַריאַט און קאַפּיטאַל, צוויי געמיינזאַמע אינטערעסן. אָ, וואָס פאר אַ קאָמישע געשיכטע עס קאָן פּאַסירן. ווי הייסט איר?

— רודקוס, יורגיס רודקוס.

— מיין פריינט מיסטער רודנוס — האט ער געזאגט, אָנווייזנדיק האַמילטאָנען אויף יורגיסן — דערלאַנגט אים די האַנט.

דער שטאָלצער דינער האט זיך הכנעהדיק פארנייגט. פרעדי האט אנגעוויזן מיט אַ פינגער אויף זיין דינער.

— איך ווייס וואס דו מיינסט האַמילטאָן. דו מיינסט, אז איך בין שכּור.

האַמילטאָן האט זיך נאכאמאל פארנייגט.

— יאָ, מיין הער.

פרעדי האט שטארקער ארומגענומען יורגיס האלדז און זיך הילכיק צעלאכט.

— האַמילטאָן, קאַנאַליע — האט ער געשריגן — דו רעדסט מיר אקעגן, איך וועל דיך ארויסווארפן פונדאנען, ערנוואָרט! איך בין שכּור, וואָס?

יורגיס און האמילטאָן האבן געוואַרט, וואס ס׳וועט אים ווידער קומען אויפן געדאנק. נאָך אַ ווײַלע שטילשווייגן האָט ער פּלוצלינג געפרעגט.

— וואָס וועלן מיר יעצט טון, נו וואָס? איר ווייסט וואָס, כ׳וועל אייך ארומפירן איבערן גאַנצן הויז, ווי עס טוט מיין פאָטער, כ׳וועל אייך ווייזן אַלץ... דעם אויפ־נאַם־זאַל „לויס זייץ”, שטולן צו דריי טויזנט דאָלאַר אַ שטיק, דאס טיי־צימער. מאריע אנטאנעט. אַ בילד פון רויסאדעל פאר דריי און צוואָנציק טויזנט דאָלאר. דער באל־זאַל. וואס די פילארן צו אים זענען געקומען אויף אַ באזונדערער שיף און געקאסט אכט און זעכציק טויזנט, דער סופיט געמאָלט אין דרום גופא און ערשט די זילבערנע וואַזע אויפן טיש. בענועט צעליני, ווייסט זיי דער

רוח, ווי זיי הייסן דאָרט. דער אָרגל פאַר דרייסיק טויזנט דאָלאַר, האַמילטאָן. באַפעל צו שפּילן, מיין פריינט רודנוס זאָל הערן, אָבער וואַרט, לאָז יעצט געמאַכט מיטן שפּילן, מיין פריינט איז הונגעריק, כ'האָב גאַר אינגאַנצן פאַרגעסן, אַז ער איז הונגעריק. פריינט רודנוס קומט אַרויף אינדערהייך צו מיר, אָ, דורכדאַנען, פּאָרזיכטיק, פאַלט נישט. האַמילטאָן, קאַלט פלייש, שאַמפּאַן אין דריי און זעכציקער מאַדערי צו אַכצן דאָלאַר אַ פלעשל. הערסט!

— צום באַפעל, סיר — האָט האַמילטאָן אָפּגעענטפערט — אָבער מיסטער פרעדי, דער פּאָטער האָט דאָך פאַרבאָטן די געטראַנקען.

מיסטער פרעדי האָט אויסגעשטאַרצט אויף אים די אויגן:

— דעם פּאָטערס באַפעלן קומען דירעקט צו מיר און נישט דורך דיר.

ער האָט זיך אָנגעלענט אָן יורגיסן און ביידע האָבן זיי פאַרלאָזט דאָס צימער. ביי דער טיר האָט פרעדי געפרעגט:

— נישטאָ קיין טעלעגראַם פאַר מיינעטוועגן פון אייראָפּע?

— ניין, סיר.

— גאָר פיין. דער אַלטער איז ווייזט אויס נאָך אין וועג. וואָס מאַכט דאָס צווילינג?

— געזונט, סיר.

— גאָר פיין, זאָל גאָט היטן זיינע שעפּעלעך!

פאַמעלעך זענען זיי געגאַנגען אויף ברייטע טרעפּ אַרויף אינדערהייך. ס'האָט זיך פאַר זיי באַוויזן אַ נימפע, זי איז געזעסן אין אַ פאָנטאַן, אַ הערלעכער סקולפּטור מיט אומגעוויינלעכע צאַרטע שטריכן. זיי זענען געבליבן שטיין אויף אַ גאַניק ביי הילצערנע טירן. דער דינער האָט אַרויסגעגעבן אונטן באַפעלן און באַלד אַרויפגעקומען אינדערהייך. ער האָט אַ דריק געטון ביי אַ קנעפּל, און אַ שטראָם העלע ליכטיקייט האָט זיך אַ גאָס געטון אויפן גאַניק. די ברייטע טירן האָבן זיך

געפּנט, ווידער האָט ער אַ דריק געטון ביי אַ קנעפּל, אַ העלע ליכטיקייט האָט אָנגעפּולט דאָס צימער און זיי זענען אַריין אינעווייניק.

דאָס צימער האָט געדינט ספּעציעל צום לערנען. אינמיטן איז געשטאַנען אַ שרייב־טישל מיט ביכער, אויף די ווענט האָט געהאָנגען אַן אָנדענקונגס טאָוול פון אוניווערסיטעט, פּענער, בילדער, פאַרשידן שפּילצייג. אויף דער פּאָדלאָגע איז געווען אויסגעשפּרייט בערן און טיגריסן פעל, אומעטום זענען געווען צעשטעלט באַקוועמע קאַנאַפּעס, ווייכע שטולן. איין ווינקל איז געווען איינגעאָרדנט לויטן פּערסישן סטיל. דורך דער עטוואס אָנגעלענטער טיר האָט זיך געזען דאָס שלאָף־צימער און דאָרט אַ טיר, וואס האָט געפירט צום מירמלנעם שוואום־באַסיין, וואָס איז געווען ווערט אומגעפער זעכציק טויזנט דאָלאַר.

פּרעדי איז אויף אַ ווײַלע געבליבן שטיין, זיך אומגעקוקט ארום צימער. פון אַנדערן צימער האָט זיך באַוויזן אַ ריזיקער, העסלעכער הונט, יורגיס האָט נאָך זינט ער לעבט נישט געזען אַזאַ העסלעכע חיה. דער הונט האָט זיך צעגענעצט, געשאָקלט מיטן ווײדל און זיך דערנענטערט צו זיין יונגן הער.

— האַללאָ! ביסט געשלאָפן, אלטער יונג — האָט פּרעדי אויסגערופן.

דער הונט האָט געקוקט אויף יורגיסן און אָנגעהויבן בילן.

— וואס איז דאָס? דייוויס, דאָס איז דאָך מיין פריינט. מיסטער רודנוס — אַדמיראַל דייוויס. נו דערלאַנג די לאַפּע. איז ער נישט קיין אָנגענעם באַשעפעניש? ער איז געווען דער בעסטער אויף דער ניו־יאָרקער אויסשטעלונג. אַכט טויזנט פינף הונדערט ביים ערשטן קויף.

פּרעדי איז אַריינגעפאַלן אין אַ ווייכער שטול און דער הונט איז ארונטערגעקריכן אונטן. ער האָט אויפגעהערט בילן, אָבער אויף איין מינוט נישט אַוועקגענומען פון יורגיסן זיינע בייזע אויגן. אַדמיראַל דייוויס איז געווען פולשטענדיק ניכטער.

דער דינער האָט פאַרמאַכט די טיר. געבליבן שטיין פונ־דערוויטנס און באַאָבאַכטעט יורגיס האַלטונג. ס'האט זיך גע־הערט טריט. די טירן האָבן זיך געעפנט, צווי מענער אין בלאָע ליבעריען האָבן אריינגעברענגט אַ קליין טישעלע מיט צוויי־ערליי מאכלים. דער דינער האָט געקוקט צי אַלץ איז אין אָרדענונג, יענע צווי זענען בעת מעשה געשטאַנען אומבאַוועג־לעך ווי מומיעס. אויפן טישל האָט זיך באַוויזן קאַלטע פּאַש־טעטן, דינע, צעשניטענע שטיקלעך פלייש, שטיקלעך ברויט מיט פּוטער, אַ שיסל שאַלאַט מיט געווירצן אין סמעטענע (אין יאַנואַר), פאַרשידענע טשאַסטקעס, עטלעכע פלעשלעך קאַלטן ווייַן פון פאַרשידענע קאָלירן.

— אָט דאָס איז פאַר דיר! זעץ דיך אַלטיטשקער!

ער אַליין האָט זיך אויך אַוועקגעזעצט ביים טישל, אַרויסגענומען אַ פלאַש ווייַן פון דינערס האַנט און אויסגעטרונ־קען דריי גלעזעלעך נאָכאַנאַנד. נאָכדעם האָט ער צופרידן אָפּ־געטעמט און נאָכאַמאָל געהייסן זיך זעצן.

דער דינער האָט אַרויסגערוקט אַ שטול אַקעגנאיבער זיין יונגן הער. יורגיס איז געווען זיכער, אַז דער דינער וועט אים נישט לאָזן אַנידערזעצן, אָבער באַלד האָט ער פאַרשטאַנען, אַז די שטול איז פאַר זייַנעטוועגן. ער האָט זיך אַוועקגעזעצט מיט גרויס פאָרזיכטיקייט. מיסטער פרעדי האָט באַמערקט אויף יורגיסן אַ צעטומלטקייט, ער האָט זיך געשעמט פאַר דער דינערשאַפט. ער האט אַ וואונק געטון צו די לאָקייען:

— איר קאָנט גיין!

זיי האָבן פאַרלאָזט דאס צימער, פאַרבליבן איז בלויז דער אויבער-דינער.

— האַמילטאָן, קאָנסט אויך גיין.

— מיסטער פרעדי.

— שוין גיין! — האט זיך צאָרנדיק צעבייזערט דער יונגער הער — צו אלדע רוחות, דו הערסט צי נישט?

דער דינער איז ארויס און פאַרמאכט אונטער זיך די טיר. יורגיס האט געהערט ווי ער האט ארויסגעצויגן דעם שליסל,

כדי צו קאָנען אריינקוקן דורכן לעכל. פרעדי האט זיך דער־וויל ווייטער מתעסק געווען ביים טיש.

— ריר מיט די ידיים, אלטער פריינט, אַ שאָד די צייט!

— און איר וועט נישט עסן?

— כ׳בין נישט הונגעריק, כ׳בין נאָר דורשטיק, איך מיט קיטין האבן מיר געהאט א פיינע וויעטשערע, נו באַווייז וואס דו קאָנסט.

יורגיס האט זיך גענומען צום עסן. ער האט געשאַרט די מאכלים, ווי מ׳וואלט זיי אריינגעשיט מיט צוויי לאָפּאַטעס אין זיין קעל, דעם גאָפּל אין איין האַנט און דאס מעסער אין דער אנדערער. דער אַפּעטיט איז ביי אים געקומען צוזאַמען מיטן עסן. ער האט זיך פריער נישט אָפּגערוט, ביז אלע טעלער זע־נען שוין געווען ליידיק.

— צום טייוול! — האט פרעדי אויסגערופן. ער האט דער־לאַנגט יורגיסן א פלאַש געטראַנק.

— יעצט, אלטיטשקער וועלן מיר זעען צי דו קאָנסט אויך טרונקען.

יורגיס האט ארויסגענומען די פלאַש פון זיין האנט און צוגעלייגט צו זיין מויל. א וואונדערבארע, הימלישע, פארכשופטע פליסיקייט האט זיך געגאָסן אין זיין האַלדז, געקיצלט זיינע אָדערן, געוועקט אין אים פאַרלאַנגען, פאַרשאַפט אים אַן אומ־ענדלעכן נחת־רוח.

— נישקשהדיקע משקה, א?

ער האט זיך אויסגעבויגן אויף אונטן, אונטערגעשפאַרט מיט די הענט זיין קאָפּ אין איינגעקוקט זיך אין יורגיסן.

העד פרעדי איז געווען אָנגעטון אין א פראַכטפולן אָוונט אַנצוג, ער האט אויסגעזען זייער נאָבל, געווען א שיינער בחור מיט העל בלאָנדע האָר און צאַרטע געזיכטס־שטריכן. ער האט געקוקט אויף יורגיסן מיט אויגן פול צוטרוי, און אָנגעה־הויבן אויפסניי פלוידערן. ער האט גערעדט אָן אויפהער, דער־ציילט יורגיסן די גאַנצע געשיכטע פון זיין פאמיליע, מיט אלע קליינלעכע פרטים. ער האט גערעדט אזוי לאַנג, ביז ער איז

געוואָרן פאַרמאַטערט. ער האָט אַ שמייכל געטאָן צו יורגיסן און פאַרמאַכט די פאַרשלאָפֿענע ברעמען. דערנאָך האָט ער זיי נאָכאַמאָל געעפֿנט, נאָכאַמאָל אַ שמייכל געטון צו יורגיסן, ווידער פאַרמאַכט די ברעמען און פאַרגעסן זיי שוין צו עפֿענען.

אונטערן איינפֿלוס פֿון תענוג, וואָס יורגיס האָט געהאַט פֿון די געטראַנקען, איז ער אַזוי געזעסן אומבאַוועגלעך אומגעפֿער פֿינף מינוט און געקוקט אויף דעם יונגן הער. ער האָט זיך באַוועגט אויף דער שטול. דער הינט האָט אָנגעהויבן בילן, ער איז געבליבן זיצן באַוועגלאָז, נישט געוואָגט אפֿילו צו אָטעמען. די טיר האָט זיך געעפֿנט און ס'איז אַריינגעקומען דער דינער.

ער איז געגאַנגען אויף די שפּיץ פֿינגער אין דער זייט צו יורגיסן. זיין פּנים איז געווען צאָרנדיק. יורגיס האָט זיך אויפֿגעשטעלט און צוריקגעצויגן צו דער וואַנט. דער דינער האָט אים נאָכגעפֿאָלגט פֿון אונטן און אָנגעוויזן מיט דער האַנט אויף דער טיר.

— טראָגט אייך פֿונדאַנען!

יורגיס האָט געוואָרפֿן אַ בליק אויף הער פֿרעדי, ער איז געווען פֿאַרזונקען אין אַ האַרטן שלאָף. געוואָרפֿן אַ בליק אויפֿן הונט, אַדמיראַל דיוויס, ער איז אַפּערגעקראָכן פֿון אונטער דעם באַלעבאָס פֿאָטעל, מיט זיין בילן געמוטיקט דעם דינערס באַפֿעל. דער דינער האָט זיך געכעסט.

— אַרויס פֿונדאַנען, הינטישע צורה, טאָמער וועקסטו מיר דעם הער, צעהאַק איך דיר דעם פּיסק אויף קרעפּל פֿלייש!

זיי זענען געגאַנגען אויף די שפּיץ פֿינגער, אַראָפּ פֿון די טרעפּ, דורך אַ פֿינצטערן קאָרידאָר. יורגיס איז געבליבן שטיין ביי דער איינגאַנגס טיר. דער דינער האָט געמאַכט לאַנגע שפּרייזן און אים פֿאַרהאַלטן ביים אַרויסגיין.

— די הענט אַינדערהייך.

יורגיס האָט זיך צוריקגעצויגן, צונויפֿגעביילט די פֿויסטן און אויפֿגעהויבן אַקעגן דינער. ער האָט פֿאַרשטאַנען, אַז יענער וויל אים רעווידירן.

— פארוואס? ניין, כ׳וועל נישט לאָזן. נו, פּרווּט נאר צו אלדע רוּחות.

— ווילסט מ׳זאל דיך פאַרשפּארן אין תּפיסה? כ׳רוף שוין פּאָליציי.

— פאר מיינעטוועגן רופט — האט יורגיס געשריגן — אבער דערווייל רירט אייך נישט צו צו מיר. איך האב זיך צו גאר נישט צוגערירט אין אייער פארשאָלטן הויז.

דער דינער האט זיך געפונען אין אַ שטערבלעכן פּחד, זיין הער זאל זיך נישט איבערוועקן. ער האט האסטיק אויפגעמאכט די טיר און אויסגעשריגן:

— געגאנגען!

יורגיס איז ארויס פון דער טיר. דער דינער האט אים מיטן פוס אַ שטויס געטון אונטן, און יורגיס האט זיך אראפּבעקייקלט פון די טרעפּ אין שניי אריין.

פינף און צוואַנציקסטער קאַפּיטל

פורגיס האט זיך אויפגעהויבן פון שניי. ער איז געווען שרעקלעך אויפגערעגט, אבער די טיר איז שוין געווען פארשלאסן. די גאנצע געביידע איז געווען פארזונקן אין פינצטערניש. א קאלטער, פּראַסטיקער ווינט האט אים געשלאגן אין פּנים און דורכגענומען זיין לייב. ער האט זיך אויסגע- דרייט און מיט האסטיקע טריט אנגעהויבן לויפן.

אז ער האט זיך שוין געפינען אין לעבהאפטן שטאט קווארטאל, האט ער אנגעהויבן גיין פאמעלעכער, כדי נישט צו ציען אויף זיך די אויפמערקזאמקייט. נישט געקוקט אויף דער לעצטער מפּלה האט זיין הארץ געקלאפּט פריידיק און מיט טריאומף. אין דער לעצטער געשעעניש איז ער ארויס דער זיגער. פון ציים צו צייט האט ער אריינגעשטעקט די האנט אין קעשענע, כדי זיך איבערצוצייגן, צי ער האט נאך דעם הונדערט-דאָלאר-באנקנאט.

ער האט אנגעהויבן באטראכטן די פיינלעכע לאגע, אין וועלכע ער האט זיך יעצט געפונען. א חוץ דעם באנקנאט, האט ער נישט געהאט אַ פּרוטה מער, ער האט באדארפט א נאכטלעגער און ס'איז געווען נייטיק צו טוישן די הונדערט-דאלאר.

ער איז געגאנגען ווייטער. אומגעפער א שעה האט ער זיך געשלעפּט איבער די גאסן און געטראכט וועגן דעם, וויבאלד ער זאל טוישן דעם באנקנאָט אין א נאכט-לאקאל

װעלן זײ אים זיכער ממתין. ער האט געקאנט טױשן דעם באַנקנאָט אין אַ האָטעל אדער אין װאָקזאַל, אָבער װאס װעלן די מענטשן זאָגן, אז זײ װעלן זעען בײ אים אַ הונדערט-דאָלאַר-באַנקנאָט? פונװאַנען קומט צו אזא שלעפּער הונדערט דאָלאַר. זײ װעלן דאָך זיכער הײסן אים תּיכף אַרעסטירן. װאס װעט ער טענהן אין דער פּאָליצײ? פרעדי דזשאָנס װעט אױפ-שטײן אינדערפרי, ער װעט דערזעען, אז ס'פעלט אים געלט, תּיכף װעט ער מעלדן דער פּאָליצײ, און ער װעט מוזן אָפּ-געבן ס'געלט. ס'איז נישט געװען קײן אַנדערער אױסװעג. װי-צו פּרוּװן ס'גליק אין אַ שענק. ער װעט עפּעס עסן און בײם באַצאָלן פארלאנגען אַ רעשט פון הונדערט דאָלאַר.

ער איז געגאנגען לענג אויס דער גאַס, אַרײנגעקוקט אין אלע שענקן, אָבער אומעטום איז געװען צופיל מענטשן. ענדלעך האט ער אָפּגעזוכט אַ שענק, װאו דער שענקער איז גע-װען אײנער אַלײן. ער האט צונויפגעבײלט די פויסטן און אריין אינעװײניק.

— אפשר האט איר צו טױשן הונדערט דאָלאַר?

דער שענקער איז געװען הויך געװיקסיק, זײן קול הײ-זעריק, די קינען האבן געמאכט אן אײנדרוק פון אַ ריז. זײן פּנים איז געװען באַװאַקסן, אױסגעװיזן נישט צו זײן ראַזירט שױן דרײ װאָכן.

— װאס פארלאנגט איר?

— כ'װיל טױשן הונדערט דאָלאַר.

— פונװאַנען נעמט זיך צו אזא פּאַרשױן װי איר הונדערט דאָלאַר?

— װאס גײט עס אײך אָן? כ'האב און כ'װיל טױשן. כ'קאָן באַצאָלן פאר דער טובה.

— װײזט נאָר.

— איר װעט טױשן? — האט יורגיס נאָכאַמאָל געפרעגט, געהאַלטן פעסט דעם באַנקנאָט אין דער האַנט.

— צום טײװל, פונװאַנען װײס איך, צי ער איז נישט קײן פאַלשער? פאר װאָסערן האַלט איר מיך?

יורגיס האט ארויסגעצויגן דעם באַנקנאָט פון קעשענע און אים געוויזן פונדערווייטנס. ביידע האָבן זיך אָנגעקוקט מיט פיינדלעכע בליקן. לסוף האָט אים יורגיס דערלאנגט דעם באַנקנאָט.

דער שענקער האָט אים אויפמערקזאם באַקוקט פון ביידע זייטן, גוט זיך איינגעקוקט אים ביי דער לאָמפּן־ליכטיקייט. דער באַנקנאָט איז נאָך געווען אַ פרישער און דאס איז אים אויסגעקומען פאַרדעכטיק. יורגיס האָט נאכגעפאָרשט יעדער באוועגונג פון שענקער.

דער שענקר האָט באטראכט יורגיסן פון קאָפּ ביז צו די פיס, פאַר אים איז געשטאנען אַ שלעפער, איינגעוויקלט אין שמאַטעס, די האַנט באנדאַזשירט, אַ שלעכטער ריח האָט זיך געטראגן פון אים, און דער שלעפער האָט געהאַט אַזאַ הונדערט־דאָלאר־באנקנאָט.

— הם, וועסט עפּעס טרונקען — האָט דער שענקער געזאגט.

— אַ גלאָז ביר — האָט יורגיס געענטפערט.

— אָלל־רייט, כ׳וועל טוישן.

ער האָט באהאלטן דעם באַנקנאָט אין קעשענע, אריינגעגאָסן אַ גלאז ביר און אוועקגעשטעלט אויפן טיש. דערנאָך איז ער צוריק צוגעגאנגען צום בופעט, אויפגעמאַכט אַ שיפלאד און אָנגעהויבן ציילן פאַר יורגיסן אַ רעשט. צוויי זילבערנע מטבעות צו צען סענט, איין מטבעה פון צוויי און אַ האַלבן דאָלאַר און אַ מטבעה פון אַ האַלבן דאָלאַר.

— האָסטו.

יורגיס האָט געוואַרט, געטראכט, אז דער שענקער וועט באַלדאמאל אריינשטעקן די האנט אין שיפלאָד. לסוף האָט ער געפרעגט:

— און נאָך פינף און ניינציק דאלאר?

— וואס פאַר א פינף און ניינציק דאלאר?

— ס׳איבעריקע — האט יורגיס געשריגן. א רעשט פון הונדערט דאלאר.

— ביסט משוגע, צו אלדי רוחות.

יורגיס האט אויסגעשטארצט אויף אים די אויגן, א ווילדע איז ער געשטאנען ווי פאראליזירט. ער איז געווארן באהערשט פון א ווילדער געהיימער נקמה, געברעוועט ווי אן אקס, געכאפט א גלאז פון ביר און געווארפן צום שענקער. דער שענקער האט זיך אפגערוקט אן א זייט און ס׳גלאז איז געווארן צעשפריצט לעבן זיינע פיס. יורגיס האט צונויפגעביילט די פויסטן, געדראט מיט דער געזונטער האנט, אבער דער שענקער האט אים אנגעמאסטן אזא שטארקן פאטש, אז יורגיס איז א צעטומלטער אנידערגעפאלן אויף דער ערד. דאן האט ער צוריק זיך ארונטערגעריקט אונטערן בופעט און הויך אויפן קול צעשריגן:

— ראטעוועט! ראטעוועט!

יורגיס האט אראפגעכאפט א פלאש פון טיש און אים געווארפן. דעם שענקער האט ווידער באוויזן זיך אפצורוקן אן א זייט, און די פלאש האט זיך צעשפריצט אן דער וואנט. דאן האט ער מיט דער געזונטער האנט זיך געווארפן אויף אים און יורגיס איז צום אנדערן מאל אנידערגעפאלן אויף דער ערד. די טיר האט זיך געעפנט. צוויי מענטשן זענען אריינגעקומען פון דער גאס, זיי זענען אנגעקומען פונקט דעמאלט, בעת דער בייזער יורגיס האט אראפגעריסן די באנדאזשן פון זיין קראנקער האנט.

— זייט פארזיכטיק — האט דער שענקער געשריגן — ער האט א מעסער.

איידער יורגיס האט נאך באוויזן זיך אויף צושטעלן אויף דער קני, האט זיך די נאהייקע פון פאליציאנט אראפגעלאזט אויף זיין קאפ. דער קלאפ האט אים א ביסל צעטומלט, אבער דאך האט ער זיך א ריס געטון פון ארט און זיך אנטקעגנגעשטעלט. די נאהייקע פון פאליציאנט האט זיך אזוי עטלעכע מאל אראפגעלאזט אויף זיין קאפ. יורגיס האט א פארחלשטער זיך אויסגעצויגן אין דער גאנצער לענג,

דער פאליציאנט האט זיך אראפגעלאזט אויף אים מיט

די קני, געפרווט, צי ער וועט זיך נאָך קאָנען אויפשטעלן, דער שענקער האט אים צוגעהאלטן ביים קאָפּ.

— גאָט מיין איינציקער, כ׳האב געמיינט, אז ער ממיתט מיך אויפן אָרט. ער איז מיר נאר נישט פארפארן ערגעץ מיטן מעסער ?

— ניין, כ׳זעע נישט קיין בלוט — האט דער פּאָליציאַנט געענטפערט — וואס איז דא געשעען ?

— טויט שכור, דער צי אַלאָמער קאַליקע, כ׳האָב געמיינט, אַז ער מאכט שוין אַ סוף מיט מיר. הער ביל שיקט נאָך דער תפיסה-קארעטע.

— נישט נייטיק. ער קאן זיך שוין נישט רירן. צום פאליציי-צירקל איז אויך נישט ווייט.

ער האט אנגענומען יורגיסן ביים קאלנער און אים געשלעפּט.

— שטעל דיך אויף, הערסט ?

אבער יורגיס האט זיך נישט גערירט. דער שענקער איז צוגעגאנגען צום שיפלאָד, באהאלטן דעם הונדערט-דאָלאר-באנקנאט אויף אַ זיכער ארט. נאכדעם האט ער גענומען אַ גלאז קאלט וואסער און יורגיסן געמינטערט.

יורגיס איז געקומען צו זיך, ער האט אנגעהויבן זיפצן. דער פּאָליציאנט האט אים ארויסגעשלעפּט אויף דער גאַס. צו דער פאליציי-וואך איז נישט געווען ווייט, באלד ביי דער ערשטער קווער גאס. אין עטלעכע מינוט ארום איז שוין יורגיס געלעגן פארמאכט אין אַ קאמער.

אַ האלבע נאכט איז ער געווען באוואוסטלאָז. ער האט זיך געוועקט. געקרעכצט. דער קאָפּ איז אים שיער געפּלאַצט פון ווייטיק. ער איז געווען שרעקלעך דורשטיק, געשריגן נאָך וואסער, אבער קיינער האט נישט געהערט זיין געשריי. ס׳זענען געווען גענוג דורשטיקע, הונדערטער אין שטאָט, טויזנטער איבערן גאנצן לאַנד, קיינער האט זיי נישט געהערט.

אינדערפרי האט מען אים אריינגעברענגט אַ גלאז וואסער

מיט אַ שטיקל ברויט. דערנאָך האָט מען אים איינגעזעצט אין תפיסה וואָגן און אָפּגעפירט צום נאָענטסטן פּאָליציי־צירקל.

מ׳האָט גערופן דעם שענקער. ער האָט געשוואוירן און אָפּגעגעבן דערקלערונגען:

— דער באַשולדיקטער איז געקומען אין שענק אַריין שוין אין האַלבער נאַכט. אין אַ שכורן צושטאַנד, ער האָט פאַרלאַנגט ביר און געצאָלט מיט אַ פינעוועו־דאָלאַר־באַנקנאָט און באַקומען אַ רעשט פיר דאָלאַר און פינף און ניינציק צענט. איידער וואָס ווען, האָט ער זיך געוואָרפן שלאָגן, צעשליידערט פלעשער, געווילדעוועט און צעבראָכן אַלץ אין לאָקאַל.

דאַן האָט מען געהייסן יורגיסן שווערן. ער האָט געמאַכט אַ שלעכטן איינדרוק, געווען שמוציק און באַוואַקסן. די אויגן איינגעפאַלן און די הענט באַנדאַזשירט. דאָס בלוט אויפן פּנים איז געווען פאַרגליווערט. דער ריכטער האָט אויף אים געטאָן אַ קוק און געפרעגט.

— וואָס קאָנט איר אונז זאָגן וועגן דעם?

— הער ריכטער — האָט יורגיס געענטפערט — איך בין אַריינגעקומען אין שענק און געפרעגט דעם מענטש, צי ער איז גרייט מיר צו טוישן אַ הונדערטער־דאָלאַר־באַנקנאָט. ער האָט געענטפערט, אַז יאָ, נאָר כ׳זאָל באַווייזן עפּעס צו טרונקען. דאַן האָב איך מיר געהייסן געבן אַ גלאָז ביר און באַצאָלט מיטן הונדערטער־באַנקנאָט. אָבער ער האָט מיר נישט געוואָלט געבן אַ רעשט.

דער ריכטער האָט זיך אויפמערקזאַם צוגעקוקט צו יורגיסן.

— האָט דער באַשולדיקטער, הייסט עס, געהאַט אַ הונדערט־דאָלאַר־באַנקנאָט?

— יאָ, הער ריכטער.

— פונוואַנען?

— באַקומען פון אַ הער.

— פון וועמען ? פארוואָס ?

— כ׳האב געבעטלט, באַגעגעגנט א יונגן הער, האט ער מיר געגעבן.

א דערשטיקט געלעכטער האט זיך געהערט איבערן זאַל. דער פּאָליציאַנט, וואס האט געהיטן יורגיסן, האט זיך פארשטעלט ס׳פּנים מיט די הענט, כדי מ׳זאל אים נישט זעען לאַכן. דער ריכטער האט געלאַכט אומגעשטערט.

— כ׳זאָג דעם ריינעם אמת, הער ריכטער — האט יורגיס אויסגערופן.

— איר האט נעכטן נישט נאָר געבעטלט, נאר געטרונקען אויך, אמת ?

— ניין, הער ריכטער.

— ניין ?

— יאָ, הער ריכטער.

— וואס האט איר געטרונקען ?

— כ׳האב באקומען א גאנץ פלעשל, כ׳ווייס נישט וואס דארט איז געווען, ס׳איז געווען שרעקלעך שטאַרק.

די פארזאמלטע אין זאַל האבן אויסגעזעצט אין א הילכיק געלעכטער, דער ריכטער האט פארינצלט דער שטערן, ס׳האט געהערשט אַן אומגעוויינלעכע שטילקייט.

— איז דער באשולדיקטער שוין אמאָל געזעסן אין תּפיסה ?

יורגיס איז געווארן צעטומלט. די פראגע איז אים געקומען אומגעריכט. ער האט געשטאַמלט:

— איך, איך — —

— זאָגט דעם אמת — האט דער ריכטער שטרענג באפוילן.

— יאָ, הער ריכטער.

— וויפל מאָל ?

— איינמאָל.

— פארוואס ?

— כ׳האב צעשלאגן אַן אויפזעער, הער ריכטער, כ׳האב געארבעט דעמאָלט אין די שעכטהייזער, אַן אויף —

— גענוג — האט אים דער ריכטער איבערגעריסן — אז

מ׳קאָן זיך נישט באהערשן טרונקט מען נישט. צען טעג און געריכטס קאָסטן. דער ווייטערדיקער!

יורגיס האט געשריגן פארצווייפלט. אבער ער איז באלד אנטשוויגן געוואָרן. א פּאָליציאַנט האט אים אָנגעכאַפּט ביים קאָלנער און אריינגעשלעפּט אין א זייטיק צימערל לעבן געריכטס זאַל, וואו עס האבן זיך געפונען נאך ארעסטאַנטן. ער האט זיך צעוויינט ווי א קליין קינד. ס׳האט געמאכט אויף אים א שרעקלעכן איינדרוק, דאס, וואס דעם שענקערס ווערטער האבן געהאט מער באדייטונג ווי זיינע. דער אָרעמער יורגיס האט נעבעך נישט געוואוסט, אז דער דאזיקער פּאַרשוין איז נישט נאר געווען א פּראָפעסיאָנעלער באָקסער, נאר אויך א חשובער טוער אין דער דעמאָקראַטישער פּאַרטיי, ער האט בעזאמלט אונטערשריפטן פאר דער אויסוואַל פון דעם ריכטער, בעת פּאַרשידענע אנדערע ערלעכע אָרגאַניזאַציעס האבן זיך באמיט אים אראָפּצוּוואַרפן פון זיין אַמט.

יורגיס איז שוין צום אנדערן מאָל געוואָרן אָפּגעפירט אין דער ברידעוועלער טורמע. די האנט איז נאך נישט געווען פאַרהיילט, ער האט נישט געקאנט ארבעטן, נאך געמוזט אָנקומען צום תּפיסה דאָקטאר, אז יענער זאל אים היילן די האנט און אויך די פרישע וואונדן, וואס ער האט באקומען ביים לעצטן געשלעג. יורגיס האט שיין אויסגעזעען, נישטאָ וואס צו רעדן. בעת ער האט זיך אויף צומארגנס באוויזן אויפן תּפיסה הויף און זיך באגעגנט מיט זיין אלטן פריינט דושעק דואַן, האט יענער אויסגערופן פול מיט שטוינונג:

— „שטינקער״! וואס איז מיט דיר געשען? האסט דיך אַוודאי אריינבאַקומען צווישן די ציין פון דער וואורשט מאַשין?

יורגיס האט דערציילט די גאנצע געשיכטע. אלע ארעסטאנטן האבן זיך אויסגעזעצט ארום אים און מיט שטוינונג אויסגעהערט זיינע איבערלעבענישן. טייל פון זיי האבן נישט געהאט קיין צוטרוי צו זיינע ווערטער. איין דואַן, וואס האט געוואוסט, אז יורגיס האט דאס אלץ נישט אויסגעטראכט. אז

זיי זענען פארבליבן אַליין, האט ער זיך געווענדט צו יורגיסן:

— ס'איז שלעכט, נישטאָ וואָס צו מאכן. די איבערלעבענישן וועלן אייך אַ סך העלפן.

און ער האט באלד צוגעגעבן:

— איך בין שוין דאָ פון נעכטן אָן. זיי פארשפארן מיך שוין צום אנדערן מאָל. כ'קאָן נישט באַצאָלן די געפאָדערטע סומע, וואס זיי פארלאנגען פון מיר. יורגיס, לאָמיר פארלאָזן די נידערטרעכטיקע שטאָט.

— וואוהין וועלן מיר גיין.

— כ'ווייס נישט, מיר'ן שוין זען.

ער האט זיך צעלאכט. פון די אלטע ארעסטאנטן האט שוין יורגיס נישט געטראָפן אזוי פול, ס'זענען שוין געווען נייע. אלע זענען זיי געווען פון זעלבן שניט, וואס די פריריקע. יורגיס האט געשפאצירט צוזאמען מיט זיי, אויסגעהערט זייערע העלדישע טאָטן, די ווייניקער אָנגעזעענע זענען געזעסן און אויפמערקזאם זיך צוגעהערט, וואס ס'האבן דערציילט די מער באַרימטע, זיי האָבן געקוקט אויף יענע מיט קנאה.

צום ערשטן מאָל, ווען מ'האט יורגיסן איינגעזעצט האט ער נאָר געטראכט וועגן דער פאמיליע. יעצט האט ער שוין געהאט גענוג צייט, פון פאמיליען לעבן איז ער שוין געווען באפרייט. ער האָט זיך אויפמערקזאם צוגעהערט צו זייערע מעשיות, געקומען צום אויספיר, אז עפעס בינדט אים מיט די מענטשן! זייערע אָנשויאונגען אין לעבן זענען געווען גלייכע, צוזאמען וועלן זיי אָנהייבן קעמפן פאר אן עקזיסטענץ.

אז מ'האט אים אַרויסגעלאָזט פון טורמע איז ער געווען אָן אַ פרוטה אין קעשענע. ער איז גלייך אוועק צו דזשעק דואַן. דואַן איז געווען אַ דזשענטעלמען, אַ מענטש מיט אַ באשטימטער פראָפעסיע. ס'איז געווען פשוט צו באוואונדערן, אז אזא נאָבעלער יונג גיט זיך אָפּ מיט אַ געוויינלעכן ארבעטער, מיט אַ שלעפער. יורגיס האט זיך גאָרנישט געקאָנט פאָרשטעלן, וואס פאר אַ נוצן ער וועט אים קאָנען ברענגען. ער האט נאך לגמרי נישט געוואוסט, אז דער דאָזיקער פארשוין

האט מיט זיין גוטן כאַראַקטער אריבערגעשטיגן אַלע אנדערע פארברעכער.

דואַן האט געוואוינט אין געטאָ, אין אַ בוידעם שטיבל ביי אַ קליינע, שיינע פראַנצויזין. אַ גאַנצן טאָג האט זי געניית און, אַז דאָס האט איר נישט געקלעקט אויף חיונה, פלעגט זי זיך ביינאַכט פאַרנעמען מיט פּראָסטיטוציע. דואַן אַליין איז נישט געווען אין שטוב, ער האט זיך אויסבאַהאַלטן פאר דער פּאָליציי. ער איז געווען באַהאַלטן אין אַ קעלער, אַ נעסט פאר מאַרעוויכער. יורגיס איז אים אוועק אויפזוכן. דער ווירט פון דעם „אָנשטענדיקן" הויז האט דערקלערט, אַז ער האט נאָך לגמרי נישט געהערט פון אַזאַ נאָמען. אַז יורגיס איז צו אים צוגעשטאַנען, ער זאָל אים דוקא זאָגן, האט יענער אָנגעוויזן אויף טרעפּ, וואָס האבן געפירט אין אַ קעלער אריין.

דואַן האט זיך שטאַרק דערפרייט דערזעענדיק יורגיסן. ער האט אים דערציילט, אַז ער האט נישט אַ פּרוטה אין קעשענע, ער וואַרט אויף יורגיסן, אַז ביידע צוזאַמען זאָלן זיך אוועקלאָזן אויף אַ פאַרדינסטל. ער האט אים פאַרגע־לייגט דעם גאַנצן פּלאַן, זיי האבן געשמועסט וועגן דעם ביז ביינאַכט. ער האט געגעבן יורגיסן צו פאַרשטיין, ווי אַזוי זיי וועלן זיך נעמען צו דער זאַך. דער ווינטער וועט פאר יורגיסן זיין גאָר אַ שווערער, ראשית איז ער קראַנק אויף אַ האַנט, און ער וועט סיי ווי נישט קאָנען אַרבעטן. צווייטנס ווילדערוועט שטאַרק די פּאָליציי, ער וועט זיך מוזן אויסבאַהאַלטן. ביי „פּאַפּאַ האַנסאָן" (אַזוי האט געהייסן דער פּאַסער) וועט ער קאָנען שלאָפן, ער איז אַ זיכערער מענטש און ער וועט נאָך פון צו צייט יוגיסן מיט עפּעס אונטער־שטיצן. ראָזענשטיין דער פּאַסער און דער ווירט פון שטוב, האט געצאָלט פאר די בעגנבעטע זאַכן אַ דריטל פון זייער ווערט, אָבער ער האט פאַרזיכערט, אַז פּריער ווי אין אַ יאָר אַרום וועט ער קיין זאַך נישט אַרויסלאָזן אויף דער לעבעדיקער וועלט!

יורגיס איז געשטאנען אין דעם קליינעם שטיבעלע ביים אייוועלע. זיך געוואַרעמט און אויסגעהערט דואנס רייד. ווי האבן געגעסן וויעטשערע, עלף ביינאכט זענען זיי דורך זייטיקע טירן ארוס אויף דער גאַס. דואן האט מיטגענומען מיט זיך א לאנגע שטריק, מיט צוויי מעטאלענע רינגען ביי די עקן. זיי זענען אוועק אין גבירים געסל, דואן האט ארויפגעקלעטערט אויף אַ לאמטער אין זי אויסגעלאָשן, דערנאך זענען זיי אריין אין אַ קעלער און געוואַרט. באלד האט זיך דערהערט טריט. אן ארבעטער איז דורכגעגאנגען די גאס, זיי האבן אים דורכגעלאָזט. דערנאך האט זיך געהערט שווערע טריט פון א דורכגייענדיקן פּאָליציאַנט. זיי זענען געזעסן אומבאַוועגלעך, ביז ער האט זיך שוין געהאט דערווייטערט אויף א גרויסן שטח. זיי זענען נאך אזוי געזעסן אין דער קעלט אומגעפער א האלבע שעה. ענדלעך האָט זיך דערנענטערט דער אויף וועמען זיי האבן געלויערט, ער איז געגאנגען דרייסט מיט לייכטע טריט.

דואן האָט אַ וואונק געטון צו יורגיסן און ביידע האבן זיך פאמעלעך ארויסגערוקט פון קעלער. פלוצלינג האָט זיך דערהערט א פארטעמפּטער קלאַפּ און א דערשטיקט געשריי. יורגיס איז צוגעלאָפן צום באַפאלענעם און אים פארשטופּט ס׳מויל. דואן האט אים פעסט געהאלטן, אבער זייער קרבן איז סיי ווי געווען אוממעכטיק. יורגיס האָט אים אים צוגעהאלטן און דואן האט בודק געווען זיינע קעשענעס פון פאלטן, פון דער מאַרינארקע, פון וועסטל און אפילו געזוכט אין קראַוואט: — פארטיק! האָט ער ארויסגערופן. דאן האבן זיי אים צוגעשלעפּט צום קעלער און אראפּגעשליידערט פון די טרעפּ טיף אונטן. ביידע זענען זיי מיט גיכע שריט אוועק אין פארשידענע ריכטונגען.

דואַן האט זיך אומגעקערט א היים פריער פאר יורגיסן. ער האט זיך אוועקגעזעצט באקומען דעם רויב: א גאָלדן זייגערל מיט א קייטל און א מעדאַליאָן, א זילבערן בלייפעדערל, א פודעלע שוועבעלעך, א פולע האנט פארשידענע מטבעות, א פּאָרטפעל.

דואַן האָט אים תיכּף אויסגעשאָקלט. ער האָט געפונען פּריוו, טשעקן, צוויי בילעטן אין טעאַטער און אַ פּעקל באַנקנאָטן. ער האָט אָנגעהויבן ציילן: איין באַנקנאָט פון צוואַנציק דאָלאַר, פינף צו צען, פיר צו פינף און דריי איינצלנע דאָלאַר. דואַן האָט לייכט אָפּגעעטעמט.

— נו, ברודער, מיר האָבן זיך געגעבן אַן עצה.

נאָך עטלעכע מאָל דורכקוקן דעם פּאָרטפעל האָבן זיי אים פאַרברענט מיט די איבעריקע זאַכן, אויסער די באַנקנאָטן. פון מעדאַליאָן האָבן זיי אַרויסגעריסן די פאָטאָגראַפיע פון אַ יונג מיידל און אויך פאַרברענט, נאָכדעם האָט דואַן גענומען צו זיך די אַלע ווערטפולקייטן און אַראָפּגעגאַנגען אונטן. ער האָט זיך אומגעקערט האַלטנדיק אין דער האַנט זעכצן דאָלאַר. ער האָט זיך געווענדעט צו יורגיסן מיט אַ פאַרזויערט פּנים:

— אַזאַ פּאַסקודניאַק, ער זאָגט, אַז ס'גאָלד איז געמיין. כ'ווייס, אַז ס'איז ליגנט. ער האָט זיך דערוואוסט, אַז איך נייטיק זיך אין געלט.

זיי האָבן זיך צעטיילט מיטן רויב. יורגיס האָט באַקומען פינף און צוואַנציק דאָלאַר און עטלעכע מטבעות. ער האָט אפילו געהאַלטן, אַז ס'איז צו פיל, אָבער דואַן האָט זיך געהאַלטן ביי ס'זייניקע, זיי דאַרפן זיך טיילן גלייך. דאָס איז געווען אַ זעלטענער אָנפאַל, נישט אַלעמאָל גיט זיך עס איין.

צומאָרגנס אינדערפרי האָט דואַן אַרויסגעשיקט יורגיסן קויפן אַ צייטונג. דאָס איז שוין געווען אַזאַ פּרינציפּ ביי די באַנדיטן צו לייענען אין דער צייטונג זייער אויסגעפירטע העלדישקייט. דואַן האָט מיט אַ געלעכטערל זיך גענומען אים עפּעס צו דערציילן:

כ'האָב געהאַט אַ פריינט, וואָס האָט זיך תמיד אַזוי געפירט. אָבער איינמאָל האָט ער זיך דערוואוסט, אַז ער האָט איבערגעלאָזט אין וועסטל פון זיין קרבן דריי טויזנט דאָלאַר.

אין דער צייטונג האָבן זיי געפונען גענוי באַשריבן אַלץ. ס'האָט פאַרנומען אַ גאַנצן עמוד. דער רעפּאָרטער האָט געהאַלטן, אַז לויט אַלע וואַרשיינלעכקייטן הערשט אין יענער געגנט

א באַנדע באַנדיטן, דער אָנפאל איז שוין געווען דער דריטער לויט דער ריי, די פאָליציי איז אפילו געווען אוממעכטיק זיי צו אַנטדעקן. דער קרבן איז געווען אַן אַגענט אין אַן אַסעקוראַציע געזעלשאפט, ער האט געהאט ביי זיך הונדערט און צען דאָלאר פרעמד געלט. ער איז געווען באַוואוסטלאָז, מ'האט אים דערקענט לויט די וועש. ער האט באקומען א שטאַרקן קלאַפּ און ס'איז ביי אים אַנטשטאנען א מוח-דערשיטערונג. דריי פינגער זענען ביי אים געווען לגמרי אָפגעפרוירן. דער רעפאָרטער האט מיט געטיילט וועגן, דעם אַלעם דער פאמיליע.

דער דאָזיקער ערשטער שלעכטער טאט האט באשווערט יורגיס געוויסן. דוואן האט פון אים געלאכט. ס'איז נישטאָ קיין אַנדערע ברירה, מ'דארף זיך נאָר צוגעוויינען. און באלד האט ער צוגעגעבן:

— ס'איז א פראגע, צי ער זאל לעבן, צי מיר. איך מיין, אַז ס'איז גלייכער מיר.

יורגיס האט זיך פארטראכט און געענטפערט:

— אָבער יענער פארשוין האט דאך קיינמאָל אונדז נישט געטון קיין שלעכטס.

— האט ער געטון שלעכטס אַן אנדערן. דאס איז גאנץ זיכער!

דוואַן האט געגעבן יורגיסן א לעקציע. ער האט אים דערציילט, אַז וויבאלד א מענטש גיט זיך איבער דער דאָזיקער פרנסה, קאָן ער שוין קיינמאָל פון דעם נישט אָפּהאקן, ווייל אנדערש מוז ער שוין אריינפאלן אין די הענט פון דער פאָליציי. ווי אזוי ס'זאל נישט זיין מוז שוין יורגיס זיין איבערגעגעבן דער מלאכה, תמיד זיין אויסבאהאלטן פאר א מענטשנס אויג. פאר יורגיסן איז עס געווען שרעקלעך לאַנגווייליק צו זיצן פארמאכט ערגעץ אין א צימערל. דוואן האט אים צונויפגעפירט מיט דער קליינער פראַנצויזין, די נייטאָרין, אַז זי זאל אים מאַכן פריילעך, אָבער דאס האט ווינציק וואס געהאָלפן. ער האט אים געמוזט אַריינפירן אין די „קנייפּעס-

און „מלינות״, וואו ס׳זענען זיך צונויפגעקומען די גנבים און גאַסן רויבער פון גרייסן שטייגער.

אַט אויף דעם אופן האט זיך יורגיס באַקענט מיט די נאָהימסטע טשיקאַגאָער פאַרברעכער. די שטאָט האט זיך געפונען אין די הענט פון סוחרטום, לפנים האט עס געהייסן, אז עס רעגירט די גאנצע באַפעלקערונג. צווימאָל אין יאָר האט מען זיך געניייטיקט אין אַ גאנצער אַרמעע מענטשן, וואס האבן אַרויסגעריסן די מאכט ביי איין טייל פון דער באַפעלקערונג און איבערגעגעבן דער אַנדערער. דאס פלעגט פאָרקומען פרילינג און הערבסט. די דאָזיקע וואַל־פּראַצעדור האט אָפּגעקאָסט דאָס סוחרטום מיליאָנען דאָלאַר. מ׳האט צונויפגערופן עפנטלעכע פאַרזאמלונגען, אַרויסגעשטעלט די שאַרפסטע רעדנער, איינגעאָרדנט מוזיק־פעסטן מיט קונסטלעך פייערווערק, געשיט מיט געלט און געטיילט ביר אומזיסט. אַט אויף דעם אופן האט מען געקויפט די צענער טויזנטער שטימען.

די דאָזיקע אַרמעע איז געוואָרן אויסגעהאַלטן אַ גאנץ יאָר. די הויפּט פירער און די אָרגאַניזירער זענען געוואָרן אונטערגעשטיצט דירעקט פון די גרויסע קאַפּיטאַליסטן. די פּאַרטיי באַאַמטע האט מען געצאָלט פון דער קריגס־קאַסע, פאַר די אַדוואָקאַטן און ווילער איז שוין געווען באַשטימט אַ שטענדיקע פּענסיע. די אַרבעטער פירער האבן באַקומען סובסידיעס און די זשורנאַליסטן מיט די רעדאַקטאָרן, זיי האָבן באַקומען די אַנאָנסן.

די דאָזיקע באַנדע האט געלעבט אויפן חשבון פון דער באַפעלקערונג. ס׳איז געוואָרן אונטערגעקויפט די פּאָליציי, די קאַנאַליזאַציע און וואַסער באַאַמטע, פון אַ ביורא יונגל ביז צום שטאָט־פּרעזידענט.

און די איבעריקע, וואס האָבן זיך נישט געקאָנט דערנערן פון דער קוועלע, האָבן געהאט אַ פריי פעלד צו פאַרשידענע פאַרברעכנס. לויטן געזעץ האבן זונטאָג געמוזט זיין פאַרמאַכט די שענקען! די שענקער זענען געווען אָפּהענגיק פון דער פּאָליציי, און געמוזט קומען מיט זיי אין אַ פאַרשטענדיקונג.

לויטן געזעץ איז אויך געווען פאַרבאָטן די פּראָסטיטוציע, די „מומעס" האָבן געפירט פאַרשידענע קאָמבינאַציעס. ס'זעלבע איז אויך געשען מיט אַלע שפּיל־הייזער, מיט די איינברעכער, מיט די אייגנטימער פון שמוציקע מעבלירטע־צימערן, מיט די פּראָצענטניקעס און פרויען הענדלער. די דאָזיקע באַנדע האָט געלעבט אין גוטע באַציונגען מיט די שטאָט פירער און פּאָליציי.

מיט אַ חודש צוריק איז יורגיס אויסגעגאַנגען פון הונגער. יעצט האָט זיך ווי מיט אַ כשוף שליסעלע פאַר אים אַלץ געעפנט. ער איז אַריינגעקומען אין אַ וועלט, וואו ס'האָט קיינמאָל נישט געפעלט קיין געלט, אַלץ, וואָס ס'גיט דאָס לעבן. דואַן האָט אים באַקענט מיט אַ אירלענדער האַלאָראַן, ער איז געווען דער פּאָליטישער „פאַרמיטלער". ער האָט געשטעקט אין די אַלע שווינדלערייען. נאָך אַ ווײַלע שמועסן, האָט האַלאָראַן אים דערקלערט, אַז ער ווייסט פון אַ גאַנץ לייכט מיטל, ווי אַזוי אַזאַ איינער ווי יורגיס קאָן פאַרדינען געלט. אָבער דערווייל מוז מען עס נאָך האַלטן בסוד.

יורגיס האָט מסכים געווען. איינמאָל אין אַ נאָכמיטאָג האָט אים האַלאָראַן צוועקגעפירט אין דער ביוראָ, וואו מ'האָט אויסבעצאָלט די שטאָטישע אַרבעטער זייער געהאַלט. אַ קאַסיר איז געזעסן ביי אַ קליין פענצטערל, לעבן אים איז געלעגן אַ שטויס קאָנווערטן מיט געלט, ביי ביידע זייטן זענען געשטאַנען צוויי פּאָליציאַנטן. יורגיס איז צוגעגאַנגען צום פענצטערל און אָנגערופן אַ נאָמען: — מיכאַל פלאַערטי! ער האָט תיכף באַקומען אַ קאָנווערט. דאַן איז ער אַוועק אין דער שכנותדיקער שענק, וואו ס'האָט געוואַרט האַלאָראַן.

ער האָט זיך אומגעקערט נאָכאַמאָל צו דעם פענצטערל און אויפגעגעבן אַ פרישן נאָמען: — יאָהאַן שמידט. ביים דריטן מאָל האָט ער אָנגערופן אַ נאָמען: סערגיי רצמיניצקי. האַלאָראַן האָט געהאַט אַ גאַנצע רשימה פיקטיווע אַרבעטער, פאַר די אַלע האָט יורגיס אָנגענומען דאָס געהאַלט. פאַר דער דאָזיקער אַרבעט האָט ער באַקומען פינף דאָלאַר מיט אַ תנאי צו פאַר־

דינען אזוי פול אלע וואָך, נאָר וויבאַלד ער וועט האַלטן די צונג צווישן די ציין.

יורגיס האָט זיך ערוואָרבן גרויס צוטרוי ביי האַלאָראַנען. ער האָט אים געשיקט אויף פאַרשידענע ערטער, געהאַלטן אים ווי אַן אייגענעם מענטש. יעצט האָט זיך יורגיס איבערגעצייגט, וואָס הייסט דאָס אזוינס אַן אָנגעזעענער מענטש, ער האָט פאַרשטאַנען פאַרוואס קאָנאָר מיט יענעם שענקער האָבן אים געקאָנט איינזעצן אין תּפיסה.

איינמאָל ביינאַכט איז אין איינעם פון יענע פרייליכע הייזלעך פאָרגעקומען אַ בענעפיס-באַל לכּבוד דעם איינאויגיקן לאָרי. דאָס איז געווען אַ לאָמער פאַרשוין, וואָס האָט געשפּילט אויף אַ פידל און אַלע פריילעכע הייזלעך. ער איז געווען גוט באַקאַנט מיט זיינע וויצן און אין אַלגעמיין דאָ אָנגעגאַנגען פאַר אַן אָריגינעלן פאַרשוין.

דער באַל איז פאָרגעקומען אין אַ גרויסן זאַל, די ווילדע אָרגיעס זענען דאָרט דערגאַנגען ביז צום לעצטן גראַד. יורגיס האָט זיך אַהין אריינבאַקומען, אָנגעשיכּורט זיך, און אַרויסגערופן אַן אַוואַנטורע צוליב אַ מויד. די האַנט האָט זיך אים שוין געראַט אויסגעהיילט און ער האָט אָנגעהויבן „רייניקן" דעם לאָקאַל פון מענטשן. די אַוואַנטורע האָט זיך געענדיקט דערמיט, אַז יורגיס האָט זיך גאָר אינגיכן ווידער געפונען אין פּאָליציי-אַרעסט.

די קאַמער, וואו מהאט אים איינגעזעצט איז געווען פול מיט אַוואַנטוריסטן. ס'האָט דאָרט שרעקלעך געשטינקן. יורגיס האָט לגמרי נישט געהאט קיין חשק דאָ זיך אויסצוניכטערן. ער האָט מיטגעטיילט האַלאָראַנען וועגן זיין אַרעסט. האַלאָראַן האָט תּיכּף פאַרבונדן אַ טעלעפאָנישן געשפּרעך מיטן פּאָליציי-סערזשאַנט פון צירקל. ער האָט ערב געווען פאַר יורגיסן און פיר פאַרטאָג איז ער שוין געווען אויף דער פריי.

צומאָרגנס איז ער געשטאַנען פאַרן געריכט. האַלאָראַן האָט שוין געהאט באַוויזן פין פריער מיטצוטיילן פאַרן געריכט-סעקרעטאַר אַ שטיק פון יורגיס ביאָגראַפיע. ער האָט פאַר-

זיכערט, אַז יורגיס פּרודקוס איז אַ פיינער מאַן און דאָס איז נאָר געוועזן אַ צופאַל. יורגיס איז געוואָרן פאַרמשפּט אויף צען דאָלאַר שטראָף, דער אורטייל איז געוואָרן אָפּגעלייגט אויף אַן אומבאַשטימטער צייט.

די מענטשן צווישן וועלכע יורגיס האָט יעצט פאַרקערט האָבן אים אויסגעלערנט אַנדערש קוקן אויף געלט ווי אַמאָל, בעת ער האָט געוואוינט אין סטאָקיערדס. אָבער דאָך האָט ער ווינציקער געשכורט. ער האָט געוואָלט עפּעס אָפּשפּאָרן פון זיינע פאַרדינסטן, געזעען, אַז ס'האָבן זיך געעפנט פאַר אים נייע האָריזאָנטן און ער דאַרף זיין ערנסטער. פון דער נאַטור איז ער געוועזן שטאַרק, מיט זיינע געדאַנקען נאָך באַאיינפלוסט די אַנדערע חברים, וואָס האָבן נאָך מער ווי ער געהאַט אַ שוואַכקייט צו וויין און נקבות.

איינס האָט גורם געווען דאָס אַנדערע. אין דער שענק, וואו ער האָט זיך באַקענט מיט האָלאָראַנען, איז ער איינמאָל אין אָוונט געזעסן צוזאַמען מיט זיין אַלטן פריינט דואַן. אין דער טיר האָט זיך באַוויזן אַ פּראָווינצער „סוחר”. ער איז געווען טויט שכור. אַ חוץ דעם שענקער איז קיינער נישט גע-ווען אין שענק. דער שכורער „סוחר” איז אַרויס פון שענק און דואַן און יורגיס זענען אים נאָכגעגאַנגען טריט נאָך טריט. זיי האָבן אָוועקגעדרייט אין אַ זייטיקער פינצטערער גאַס, וואָס האָט זיך פאַרמאַכט אין איין זייט מיט אַ באַן שלאַבאַן, און פון דער אַנדערער זייט מיט אַן אומבאַוואוינט הויז. יורגיס איז אונטערגעלאָפן פאָראויס, צוגעשטעלט אים אַ רעוואָלווער צום קאָפּ און דואַן האָט זיך תיכף דערנענטערט, דעם קאַפּעלוש איבער די אויגן און בליצשנעל אים אויסגעליידיקט די טאַשן. זיי האָבן צוגענומען ביי אים אַ זייגערל, ס'געלט און איידער וואָס ווען האָבן זיי זיך צוריק געפונען אין שענק.

דער שענקער האָט זיי געעפנט אַ טיר אין אַ קעלער, וואו זיי זענען דורך אַן אַנדערער געהיימער טיר פאַרשוואונדן אין דעם נאָענטסטן שאַנד-הייזל. דער דאָך פון דעם הייזל האָט געפירט אין נאָך דריי אַזעלכע הייזלעך. מיט די דאָזיקע גע-

היימע ו'עגן האט מען זיך געקאנט אויסבאהאלטן ביי יעדן מאל, ווען ס'איז נאר אויסגעקומען צו א סכסוך מיט דער פאָליציי. די דאזיקע באהעלטעניש זענען אויך געווען נייטיק אויף צו באהאלטן די טויזנטער מיידלעך, וואס זענען געקומען קיין טשיקאַגאָ זוכן ארבעט, און דורך פארשידענע פארמיטלער ארייַנגעפאלן אין די שאַנד-הייזלעך.

די דאזיקע מיידלעך זענען געווארן אריינגעגנאַרט אין די הייזלעך, מ'האט אראָפּגעצויגן פון זיי די קליידער און טיילמאָל האט מען נאך באנוצט צו זיי פארשידענע פארטויבונגס מיטלען, גאנצע וואכן זיי געהאלטן פארשלאסן. די עלטערן האבן טעלעגראַפירט צו דער פּאָליציי, טייל זענען אליין געקומען צו פארן, אבער זיי האבן זיך גארנישט געקאנט דערוויסן.

ביים פראווינצער סוחר האבן זיי צו גערויבט הונדערט און דרייסיק דאָלאר. דער שענקער האט באקומען פון דעם צוואנציק דאָלאר. זיי זענען געווארן מיט אים גוט באפריינדעט. דער שענקער האט זיי באקענט מיט א קליין יידל, ער האט געהייסן גאלדבערג, געווען אן אנפירער פון א בלאַט-הייזל. נאכן אויסטרונקען עטלעכע גלעזלעך האט ער אנגעהויבן פאר זיי דערציילן זיינע אוואנטוריסטישע איבערלעבענישן.

א חוץ די גוטע מעלות, וואס דאס לעבן האט געהאט, האט ער אויך געזעען אין דעם פול שלעכטס. אבער ווי ס'זאל נישט זיין האט מען געקאנט לעבן, סיי אויף דער פריי אדער אין ערגסטן פאַל אפילו אין תפיסה. אויף אָנהייב אַפּריל איז געווארן באשטימט וואַלן צום שטאָט ראט, דאס האט געהייסן אן אָנהייב פון וואוילשטאנד פאר אָט דער פינצטערער באנדע גנבים. יורגיס האט זיך ארומגעשלעפט אין אלע גנבישע נעסטן, אין די שאנד-הייזלעך האט ער געהאט א מעגלעכקייט זיך צו באקענען מיט די וואל פארשטייער פון די קעמפנדע צדדים. שמועסנדיק מיט זיי האט ער געהאט די מעגלעכקייט אריינצודרינגען טיף אין זייערע שווינדלערייען, דערוואוסט זיך אויף וואס פון אן אופן זיך צו לאזן פון זיי אויסנוצן.

האַלאָראַנ איז געווען אַ דעמאָקראַט און דערפאר איז

אויך יורגיס געווארן אַ דעמאָקראַט, אָבער ער האָט נישט אָנגעהערט צו די הייסע דעמאָקראַטן. די רעפּובּליקאַנער זענען אויך באַשטאַנען פון גוטע מענטשן, אַחוץ דעם האָט מען געשמועסט, אַז צו זייער וואַל אַקציע האָבן זיי צוגעגרייט אומגעהייערע סומעס געלט. בעת די לעצטע וואַלן האָבן זיי געצאָלט פאַר יעדער שטים פיר דאָלאַר און די דעמאָקראַטן נאָר דריי.

איינמאָל ביינאַכט האָט יורגיס און האַלאַראַן געשפּילט אין קאָרטן מיט נאָך אַ פּאַרשוין. מ׳האָט געשמועסט וועגן די פאַרגאַנגענע וואַלן. דעמאָלט איז האַלאַראַן געווען באַאויפ־טראַגט צו פירן צו דער וואַל אורנע זיבן און דרייסיק איטאַליענער, וואָס זענען נאָר וואָס געקומען קיין אַמעריקע. אין דערזעלבער צייט האָט ער זיך באַגעגנט מיט אַ רעפּובּ־ליקאַנער, וואָס האָט געהאַט די זעלבע אויפגאַבע וואָס ער. ס׳איז געוואָרן געשלאָסן צווישן זיי אַן אָפּמאַך. די איטאַליענער האָבן פאַר אַ קופּל ביר פון אַ פּערזאָן אַ העלפט שטימען געמוזט אָפּגעבן פאַר איין פּאַרטיי און די אַנדערע העלפט פאַר אַנדערע פּאַרטיי, ס׳איבעריקע געלט האָבן זיי צעטיילט צווישן זיך.

יורגיס האָט פאַרנאַכלעסיקט זיינע באַנדיטישע אויפגאַבן און זיך איינגאַנצן געווידמעט דער פּאָליטיק, אין דערזעלבער צייט איז אַנטשטאַנען אַ געוואַלדיקע אויפרודערונג צוליב די אַנטדעקטע מיסבּרויכן, אין דער פּאָליציי. אין די אַלע פאַרברעכנס האָט דאָס סוחרטום נישט גענומען אַ דירעקטן אַנטייל. דאָס איז געווען אַזאַ מין זייטיק „ווינקל", וואָס האָט נאָר אינטערעסירט אויסשליסלעך די פּאָליציי.

די דאָזיקע אַנטדעקונגען האָבן דזשעק דואַנען געבּרענגט גרויס שאָדן. איינמאָל ביינאַכט, בעת ער האָט אַנגעהויבן עגבּערן אַ לאָך אין אַ אייזערנער קאַסע, האָט אים דער וועכטער געכאַפּט אין סאַמע מיטן און אים איבערגעגעבן אַ פּאָליציאַנט, דער פּאָליציאַנט האָט דואַנען גוט געקענט און ער האָט אים נאָך פאַרלייכטערט דאָס אַנטלויפן. די צייטונגען האָבן

אויפגעהויבן אַ לאַרם, דואַנס לעבן איז געווען באדראָט, אבער ס'האָט זיך אים איינגעגעבן צו מאכן פליטה.

אָט אין דערזעלבער צייט האָט יורגיס באקענט אַ פּאַרשוין מיטן נאמען הארפער, וואס איז אין זיינער צייט געווען נאכט וועכטער ביי בראַון, און נאָך דעמאָלט, בעת יורגיס האָט געארבעט אין די שעכטהייזער, אים צוגערעדט אָנצונעמען די אמעריקאנער בירגערשאַפט. הארפערין האט דאָס זייער פאראינטערעסירט, כאטש ער האט זיך אָן יורגיסן באַין אופן נישט געקאנט דערמאָנען פון יענער צייט, ווייל א סך געלע זענען שוין דורכגעגאנגען דורך זיינע הענט. ער איז געזעסן מיט יורגיסן און האַלאָראַנען ביז צוויי ביינאכט און אין אַ לעבהאפטן שמועס איבערגעגעבן זייערע דערפארונגען. ער האט דערציילט אָן איבעררייס וועגן זיינע קאמפן מיט די אנדערע פירער, ערקלערט, אַז ער איז נישט מער ווי אַ פשוטער ארבעטער, אַן איבערגעגעבענער טוער אין דער פראפעסיאנעלער באוועגונג.

ערשט אין עטלעכע חדשים אַרום האט זיך יורגיס דערוואוסט, אז די קאַמפן צווישן די פירער פון די ריכטונגען זענען געווען אַ פריער צוגעגרייטע זאך. פאר די דאָזיקע ידיעות האט האַרפער באקומען אַ שטענדיקן געהאלט פון צוואנציק דאָלאר וועכנטלעך — די אומצופרידנקייט ביי די ארבעטער אין די שעכטהייזער איז דערגאנגען ביז גאָר — האט האַרפער געזאָגט. ער האט גערעדט ווי אַ געניטער פּאָליטיקער. די באפעלקערונג אין סטאָקיערדס זענען נישט בכוח לענגער צו דולדן אזא אָרדענונג. די ארבעטלאָזיקייט הענגט אין דער לופט.

נאָכדעם שמועס האט האַרפער זיך דערוואוסט גענויע אינפאָרמאציעס וועגן יורגיסן און אין עטלעכע טעג ארום געקומען צו אים מיט אַ אינטערעסאַנטן פאָרשלאַג. ער האט אים געזאָגט, אז ער איז נאך נישט אינגאנצן זיכער מיט זיינע אידעען, און ער מיינט, אז וויבאלד יורגיס וואָלט געוואָלט זיך צוריק [illegible] קיין סטאָקיערדס און טון, וואס מ'הייסט

אים, וואלט ער, האָרפער זיך באמיט פאר אים אַ שטעלע מיט אַ שטענדיקן געהאלט פון צוואַנציק דאָלאר וועכנטלעך.

הארפער איז געווען די רעכטע האנט פון סקולין, דער פירער פון דער דעמאָקראַטישער פארטיי אין סטאַקיערדס ביי די קומענדע וואַלן האט באדארפט קלאָר ווערן די סיטואַציע. סקולין האט מען פאַרגעלייגט אונטערצושטיצן דעם רייכן ביר־פאַבריקאנט, וואס האט געוואוינט אויפן עלעגאַנטן בולוואַר אין דער געגנט. ער האט געזוכט כבוד און אַ שיינעם נאָמען, אבער דערצו איז ער אַ גרויסער שוטה, געווען גרייט צו שפענדן ריזיקע סומעס אויפן וואַל פאָנד.

סקולי האט מסכים געווען. אָבער גלייכצייטיק האט ער געפירט אונטערהאַנדלונגען מיט דער רעפּובליקאַנישער פארטיי, באַרגעלייגט דאָרט זיינע פלענער, ער איז נישט געווען זיכער, צי ס׳וועט זיך אים איינגעבן דורכצושטיפן דאס יידל, און דער־פאר האט ער נישט געוואָלט ריזיקירן מיט דער גרויסער צאָל שטימען פון דעם באצירק, די רעפּובליקאנער האָבן באדארפט ארויסשטעלן די קאנדידאַטור פון סקולים פריינט, אַ פארשוין, וואָס האט גאנצע טעג פארברענגט אין אַ רעסטאָראַן אויף אייטשלענד עוועניו און געשפילט ביליארד. סקולי האט באדארפט מיטן וואל־געלט פון רייכן ביר פאַבריקאנט אונטערשטיצן זיין קאַנדידאַטור.

פאר דער דאזיקער מיטהילף האט סקולי פארלאנגט, אז די רעפּובליקאַנער זאָלן זיך מתחייב זיין צו די קונפטיקע וואַלן שוין נישט ארויסצושטעלן זייערס אַ קאנדידאט, נאר סקולי זאל נאָכאמאָל אויסגעווילט ווערן פאר ראטמאן.

אויף די פאַרשלאגן זענען די רעפּובליקאנער איינגע־גאנגען. אָבער די דאָזיקע אלע מענטשן זענען באשטאנען אַ באנדע אידיאָטן. ווייל צי איז דען נישט געווען נאריש ארויסצושטעלן רעפּובליקאנישע לאָזונגען אין די שעכטהייזער אז סקולי איז דארט געווען דער פאַקטישער הערשער? ניין, זיי וועלן גארנישט אויפטון. די דעמאָקראטיע וועט זיך באין אופן נישט איבערווארפן אויף דער זייט פון די רעפּובליקאנער.

דאס אלץ וואָלט נאָך אפשר נישט געווען אזוי שווער, ווען עס וואָלט נישט אריינגעקומען נאָך א שטערונג. אין סטאָקיערדס האָט זיך געשאפן אַ נייע פארטיי, דאס זענען גע-ווען די סאָציאַליסטן. הארפער האט עס אפילו געהאלטן פאר אַ נארישע געשיכטע. יורגיסן האט דאס וואָרט סאָליאַליסט דער-מאָנט טאָמאַשיוס קושלעיקי, יענער האט זיך אויך גערופן סאָציאַליסט. איינמאָל איז ער אפילו מיט נאָך עטלעכע חברים אוועק צו א רוג גאס און אויף א ליידיק קעסטל געפעדט ביז צי הייזעריק ווערן. טאָמאשיוס האט זיך נאָך דעמאָלט באמיט פאר אים קלאָר צו מאכן, וואס דאס איז אזוינס דער סאָציאַליזם, אבער יורגיס איז געווען אָרעם אין פאנטאזיע און ס׳איז אים געווען אוממעגלעך צו פארשטיין.

יעצט האט ער זיך שוין לגמרי באפרידיקט מיט האר-פערס ערקלערונגען. ער האט זיך דערוואוסט, אז די סאָציא-ליסטן זענען די גרעסטע שונאים פון דער אמעריקאנער אָרדע-נונג. ס׳איז געווען אוממעגלעך זיי אונטערצוקויפן אדער פירן מיט זיי אונטערהאנדלונגען. מעקסקולי האָט געהאט גרויס קרענ-קונג פון דעם, וואס די סאציאליסטן האבן זיך שוין געהאט דערוואוסט פון לעצטע שווינדלען. די דעמאָקראַטיע אין סטאָקיערדס האט זיך שרעקלעך אויפגערעגט דערוואוסנדיק זיך, אז מ׳האט ארויסגעשטעלט די קאנדידאטור פון א גרויסן קאפי-טאַליסט. ווער האט דען געקאנט וויסן, צו די וויילער וועלן נישט גלייכער שטימען פאר א רויטן סאציאליסט, ווי פאר א רעפובליקאנישן שווינדלער.

אָט אַ דאנק דעם האט יורגיס זיך געקאנט ערווערבן אַ בכבודיק אָרט אין דער וועלט. ער האט אנגעהערט צום פארייך, געארבעט אין די שעכט הייזער, פאַרמאגט הונדערטער באקאנטע, מיט וועלכע ער האט נאָך לגמרי נישט געשמועסט וועגן פאָליטיק. יעצט האט ער באדארפט ארויסטרעטן אלס רעפובליקאַנער. פאר די מענטשן, וואס וועלן צושטעלן שטימען, שטייט צו זייער דיספאזיציע גאנצע פעסלעך געלט. אויף

זקולין קאן מען זיך פארלאָזן. ער האט נאך קיינמאָל נישט פארראטן זיינס א פריינט.

דער צעטומלטער יורגיס האט אויסגעהערט דאָס אלץ און געפרעגט:

— טאָ וואס דאַרף איך יעצט טון?

האַרפער האט אים קלאָר געמאַכט אין אַלץ. צוערשט מוז זיך יורגיס צוריק אומקערן אַרבעטן אין די שעכטהייזער. גאַנץ מעגלעך, אז ס׳גלוסט אים נישט אַזוי שטארק, אבער ער וועט דערפאַר באקומען א געטאָפּלטן לוין. ווארשיינלעך, אַז ס׳וועט אויך נייטיק זיין, אז יורגיס זאל זיך פארשרייבן אין פאריין, באמיען זיך צו פארנעמען אן אָנגעזעען אָרט ווי האַר־פּער, דערציילן פאר אלע פריינט די מעלות־טובות פון רעפּובּ־ליקאַנישן קאנדידאט צאָיל, און אין שווארצע פארבן שילדערן דעם רייכן יידישן ביר־פאבריקאנט.

שפּעטער וועט ער באקומען פון סקולין א לאקאל אויף צונויפרופן אַ וואַל־מיטינג. יורגיס אויפגאבע איז: שוין צו אר־גאניזירן א יוגנטלעכע רעפּובּליקאנער אָרגאניזאציע, גיסן גאנצע פעסלעך ביר פון רייכן ברויער, איינארדענען פייערווערק אָוונטן, אַוועקשטעלן רעדנער, פּונקט ווי די ארגאניזאציע צו פאר־טיידיקן די מלחמה. יורגיס וועט שוין האבן פריינט וואס וועלן אים העלפן איינארדענען די אוונטן. איבעריקנס האט ער געקאנט צו דעם צונוצן די שטענדיקע פּארטיי אגענטן. דער טאג פון די וואלן וועט זיין א טאג פון טריומף. יורגיס האט אויסגע־הערט דאָס אלץ און לסוף געפרעגט:

— ווי אזוי קאָן איך באקומען ארבעט אין די שעכט־הייזער, אז מיין נאמען איז פארשריבן אויף דער שווארצער ליסטע.

האַרפּער האט זיך צעלאַכט:

— מיר וועלן זיך שוין געבן אן עצה.

יורגיס האט זיך צוריקגעקערט אין שעכטהויז אריין. ער איז דארט געווארן פארגעשטעלט פארן גדול פון דער פּאָלי־טישער פּארטיי פון דעם באציר.

סקולי איז געווען דער אייגנטימער פון דער גרויסער ציגל פאבריק, פון די מיסט-קאסטנס, פון טייך, אבער יורגיס האט וועגן דעם נישט געוואוסט. ער האט נישט געוואוסט, אז אדאנק סקולין איז ער דעמאלט געווארן איינגעזעצט אין תפיסה, ער איז געווען שולדיק אין דעם, וואס דער קליינער אנטאנאס, זיין איין און איינציק זונדעלע איז אריינגעפאלן אין גרוב און אומגעקומען.

ער איז געווען דער גרעסטער אקציאָנער פון דער געזעלשאפט, וואס האט פארקויפט יורגיסן אן אלט הויז פאר ביי און דערנאך עס ביי אים צוריק צוגענומען. אבער יורגיס האט וועגן דעם אלעם נישט געוואוסט. ער האט אויך נישט געוואוסט, אז סקולי איז נישט מער ווי אמאריאנעטקי אין די הענט פון די שעכטהייזער אייגנטימער. אין זיינע אויגן איז ער אויסגעקומען די פארקערפערונג פון מאכט, דער גרעסטער מענטש, וואס ער האט נאר אמאל געזען פאר זיינע אויגן.

ער איז געווען א נידעריקער, דארער אירלענדער. די הענט האבן ביי אים געציטערט אומאויפהערלעך. מיט יורגיסן האט ער גערעדט סך הכל א מינוט, ער האט געקוקט אויף אים מיט זיינע מוזן אויגן אין תיכף געהאט וועגן אים א באגריף. ער האט אים געגעבן א בריוול צו הארמאנען, דער עלטסטער אויפזעער אין דורהאמס פאבריק. אין בריוול האט ער געשריבן:

— דער מענטש פון דעם בריוול, יורגוס רודקוס, איז מיינער א נאענטער פריינט. צוליב געוויסע סיבות בעט איך פאר אים א גוטע שטעלע. אמת טאקע, אז ס'איז געשעען מיט אים א קליינטשיקער צופאל, אבער נעמט עס לגמרי נישט אין אכט.

הארמאן האט דורכגעלייענט דאָס בריוול און געפרעגט:

— וואס איז דאָס געווען פאר אַ צופאל?

יורגיס האט געענטפערט:

— מיין נאָמען איז פארצייכנט אויף דער שווארצער ליסטע.

— אויף דער שווארצער ליסטע ? -- האט הארמאַן געפרעגט — וואס איז דאָס אזוינס אַ שווארצע ליסטע ?

יורגיס האט זיך פארדרייטלט. ער האָט לגמרי פארגעסן, אַז ס׳האט לגמרי נישט עקזיסטירט אַזאַ ליסטע. ער האָט געשטאַמלט :

— ס׳הייסט נאַר, אַז כ׳האב נישט געקאָנט באַקו-מען ארבעט.

— פאַרוואָס ?

— געקריגט זיך מיט אַן אויפזעער, ער איז נישט געווען מיין אויפזעער. כ׳האב אים צעשלאָגן...

— כ׳פארשטיי שוין — האט הארמאַן געענטפערט און זיך טיף פאַרטראַכט.

— וואָס פארא ארבעט פארלאנגט איר ?

— וואס ס׳וועט זיך לאָזן. דעם ווינטער האב איך צעבראכן אַ האַנט, כ׳דארף זיין אַ ביסל פארזיכטיק.

— אַ נאכט-שומר, איר באשטייט ?

— ניין, ביינאַכט מוז איך זיך זעען מיט פארשי-דענע מענטשן.

— אַ, פּאָליטיק. אפשר ווילט איר ארבעטן ביים צעפּער-טלען, אין דער חזירים אָפּטיילונג ?

— מיט פאַרגעניגן.

— דאַן איז יורגיס געוואָרן אַריינגעפירט אין דער גרויסער האלע, וואו ער איז ערשט מיט אַ צייט צוריק געשטאנען און געבעטלט אַרבעט. יעצט איז ער אריין דרייסט, מיט אַ שמייכל אויפן פנים. דער אויפזעער האט צו זאמענגעצויגן ס׳פנים, בעת ער האט דערהערט פון הארמאַנס מויל די ווערטער אז מ׳דארף יורגיסן תיכף געבן ארבעט. ער האט קורץ געענטפערט :

— אָל-רייט.

— יורגיס האט זיך גענומען צו דער אַגיטאציע. ער האט אויפגעזוכט זיינע אלטע פריינט, און אנגעהויבן פאר זיי אַ גיטירן פארן רעפּובּליקאנישן קאַנדידאַט, סקאַט דאָיל.

ער האט זיי דערציילט, אַז דאָיל אליין האט אים שוין ארויס־געהאלפן אין אַן עת־צרה, ער איז בכלל אַ וואוילער מענטש, אליין אַן ארבעטער קאן ער נאָר וויסן, ווי אזוי צו פאר־טיידיקן די ארבעטער אינטערעסן. צוואס נוצט צו שטימען פאר דעם יידישן מיליאָנער? און סקולי? וואס האט ער דען שוין אויפגעטון פאר די ארבעטער, וואָס מ׳האלט אזוי ביי יעדערע וואַלן ארויסשטעלן זיין קאַנדידאטור?

אין דערזעלבער צייט האט יורגיס באַקומען פון סקולין בריוו צום פירער פון דער דעמאָקראַטישער פאַרטיי פון דעם באַצירק. יורגיס האט זיך דארט באקענט מיט מענטשן, מיט וועמען ס׳וועט אים אויסקומען צו ארבעטן אין דער צוקונפט.

פאַרן געלט פון יידישן ברויער האבן זיי געדונגען אַ זאַל. יורגיס האט דארט יעדן אָוונט ווערבירט אַ צענדליק מיטגלידער פאר דער רעפּובליקאַנישער פארטיי. זיי האבן איינגעאָרדנט אַן ערעפענונגס אָוונט מיט מוזיק. מאַרשירט אין די גאַסן. ביים ארייגאנג האבן געברענט קינסטלעך פייערווערק און קאָ־לירטע לעמפּלעך.

מחנות מענטשן האבן זיך פארזאמלט אויף די גאסן. מ׳האט באדארפט איינאָרדענען נאך דריי אַזוינע מיטינגען, כדי אלע זאלן קאָנען נעמען אַן אָנטייל. דער בלייכער, ציטערדי־קער קאנדידאַט, דאיל האט דריי מאָל געמוזט אָפּהאלטן זיין קורצע רעדע, וואס איינער פון סקולי׳ס פריינט האט אים גע־מוזט פריער אויפשרייבן. דער בארימטער סענאַטאָר ספּריסינקס איז געקומען אויף אַן אויטאָמאָביל און געהאלטן אַ פייערדיקע רעדע וועגן די הייליקע רעכט פון יעטוועדן אמעריקאנער בירגער, וועגן שוץ און וואוילשטאנד פארן ארבעטער.

זיין פלאַמיקע רעדע האט פארנומען אַ האלבן עמוד אין די צייטונגען. זי האט זיך באוויזן אין דער מארגן־אויסגאבע. צוזאמען מיט דער ידיעה וועגן גרויסן ערפאָלג פון דאילן אויף זיין ארויסגעשטעלטער קאַנדידאטור. לויט אַלע גלויבלעכע ידי־עות האט דאס באאומרויקט סקולין, דער פאָרזיצער פון דער דעמאקראטישער פארטיי.

דער פּרעזעס פון דער דעמאָקראַטישער פּאַרטיי, מעק סקולי איז נאָך מער געוואָרן באַאומרויקט, בעת ער האָט זיך דערוואוסט, אַז די רעפּובליקאַנער האָבן איינגעאָרדנט אַ גרויסן פּאַקל צוג און די דעמאָנסטראַנטן האָבן געטראָגן רויטע פּאַסן אויף זייערע היטן, געטיילט די ווײַלער ביר, ס'בעסטע ביר, וואָס מ'האָט נאָר אַמאָל געטיילט בעת אַ וואַל קאַמפּאַניע.

ביים איינאָרדענען די דאָזיקע פייערונגען, האָט זיך יורגיס לגמרי נישט פאַרמאַטערט. ער האָט נישט געהאַלטן קיין רעדעס, צו דעם האָט מען באַנוצט אַדוואָקאַטן און אַנדערע ספּעציאַליסטן. אָבער ער איז געווען נוצלעך. ער האָט פונאַנדערגעטיילט וואַל-אויפרופן, געשלעפּט מענטשן אויף די מיטינגען, אַכטונג געטון אויף די קינסטלעכע פייערן. אין דער דאָזיקער וואַל קאַמפּאַניע איז דורך זיינע הענט דורכגעגאַנגען הונדערטער דאָלאַר פון דער יידישן ברויער. דאָס געלט האָט ער פאַרטיילט מיט דער גרעסטער ערלעכקייט.

די אַנדערע וואַל אַגיטאַטאָרן האָבן געקוקט אויף אים קרום, געהאַסט פאַר זיין ערלעכקייט. טייל האָבן זיך געמוזט אָפּזאָגן פון זייערע אַמטן.

ער האָט געוואונען דעם פולן צוטרוי ביי סקולין. אין טאָג פון די וואַלן איז ער שוין פיר פאַרטאָג געווען אויף דער גאַס. אין אַ ברישטשקע פון צוויי פערד איז ער געפאָרן פון שטוב צו שטוב און געשלעפּט די ווײַלער צו די וואַל-אורנעס. ער האָט געבערענגט גאַנצע מחנות עמיגראַנטן: ליטווינער, פוילישע, טשעכן, סלאָווער. אַז ער האָט זיך שוין געהאַט מיט זיי אָפּגעפאַרטיקט, האָט ער זיי איבערגעגעבן אַן אַנדערן אַגיטאַטאָר, און יענער זאָל זיי פירן צו אַן אַנדערע וואַל אורנע.

ער האָט פאַרלאָזט די וואַל-ביוראָ אינדערפרי, דער פירער האָט אים מיטגעגעבן הונדערט דאָלאַר. אַ חוץ דעם האָט זיך יורגיס נאָך דריי מאָל אומגעקערט אין דער ביוראָ, און ביי יעדן מאָל באַקומען הונדערט דאָלאַר. פון יעדן הונדערטער איז אים געבליבן אין קעשענע נישט מער ווי פינף און צוואַנציק דאָלאַר. ס'איבעריקע האָט ער צעטיילט צווישן די ווײַלער.

סקאָט דאַיל איז געוואָרן אויסגעוויילט מיט אַ מערהייט פון טויזנט שטימען.

פון פינף פאַרטאָג ביז דריי בייַנאַכט איז יורגיס געווען איבערגעגעבן דער ווילדער אָרגיע, כמעט יעדער איינציקער האט עס געטון אין סטאָקיערדס. די אידעע וועגן אַ פאָלקס פארטרעטונג האט טריומפירט העכער איבער דער פלוטאָקראַטיע.

זעקס און צוואַנציקסטער קאַפּיטל

יורגיס איז נאָך די וואָלן פאַרבליבן אויף זיין שטעלע אין סטאָקיערדס. די אויפרעגונג קעגן דער פּאָליציי צוליב די לעצטע גרויסע מיסבּרויכן איז געווען שרעקלעך גרויס. ער האט באַשלאָסן צו פאַרהאַלטן זיך צו דעם ענין גלייכגילטיק. ער האט שוין געהאט אָפּגעשפּאָרט אומגעפער דריי הונדערט דאָלאַר, געקאָנט זיך אפילו אָפּזאָגן פון דער אַרבעט, אָבער די אַרבעט איז געווען פאַר אים לייכט, ער איז שוין געווען צוגעוויינט צו איר. אַחוץ דעם האט מעק סקולי, צו וועמען ער האט זיך געווענדט וועגן דער זאַך, געעצהט נישט צו פאַרלאָזן די שטעלע, ווייל ס'האט געקאָנט יעדער מינוט עפּעס געשעען.

צוזאַמען מיט נאָך עטלעכע חברים האט ער געוואוינט אין אַ פיין איינגעאָרדנט צימער. פון דער ווירטן אַניעלי האט ער זיך דערוואוסט וועגן דער מומע עלזע און פון דעם גאַנצן בני־בית. זיי האָבן געוואוינט אין מיטעלן שטאָט־קוואַרטאַל. מער האט ער שוין וועגן זיי לגמרי גישט געהערט. ער האט געלעבט אין אַ סביבה פון יונגע מענער, וואָס זענען געווען איבערגעגעבן דעם ספּאָרט. שוין אַ לענגערע צייט, ווי ער האט אַראָפּגעוואָרפן פון זיך די געמיינע מלבושים. זינט ער האט זיך אָנגעהויבן פאַרנעמען מיט פּאָליטיק, האט ער געטראָגן אַ ווייס קעלנערל מיט אַ רויטן קראַוואַט. יעצט האט ער שוין געקאָנט לייגן גרויס אַכט אויף זיין קליידונג. ער האט פאַר־דינט עלף דאָלאַר, צוויי דריטל פון זיין לוין האט ער אויס־

געגעבן אויף פאַרשידענע פּאַרוויילונגען, יענץ געלט, וואָס ער האָט געהאַט ליגן אין דער באַנק האָט ער לחלוטין נישט גערירט.

פון צייט צו צייט האָט ער צוזאַמען מיט די חברים באַזוכט די שטאָט, געגאַנגען אין אַ ביליק טעאַטער, אין לאָקאַלן, וואו ס׳האָט געשפּילט מוזיק און אין פאַרשידענע אַנדערע פאַרוויילונגס-ערטער, וועלכע זיינע חברים האָבן שוין געקענט אויף די פינגער.

אין סטאָקיערדס האָט נישט געפעלט קיין בילאַרדן. יורגיס האָט דאָרט פאַרבראַכט די גאַנצע אָוונטן, ער האָט געשפּילט אין קאָרטן און אין דאָמינע. איינמאָל זונטאָג האָט יורגיס געוואונען אַ באַדייטנדע סומע, אָבער ער איז געווען אַן ערלעכער שפּילער, נישט פאַרלאָזט די חברה, נאָר געשפּילט אַ גאַנצע נאַכט, און איידער ער האָט זיך אומגעקערט אַהיים האָט ער שוין געהאַט פאַרשפּילט אומגעפער צוואַנציק דאָלאַר.

זונטאָג זענען אין סטאָקיערדס פאַרגעקומען בעלער. יעדער איז געקומען מיט אַ מיידל, באַצאָלט אַ האַלבן דאָלאַר פאַרן אַריינגאַנג און אַ חוץ דעם נאָך איבערגעלאָזט דורך דער גאַנצער נאַכט עטלעכע דאָלאַר פאַר בראָנפן. מ׳האָט געטאַנצט ביז דריי אָדער פיר פאַרטאָג, וויבאַלד ס׳איז נאָר נישט געקומען צו געשלעגן. יעדער האָט געטאַנצט מיט זיין מיידל, ביז ער איז געוואָרן פאַרמאַטערט.

יורגיס האָט פאַרשטאַנען, וואָס סקולי האָט געטראַכט, בעת ער האָט געזאָגט, אַז ס׳קאָן באַלד ווידער עפּעס געשעען. אין מאַי האָט זיך געענדיקט דער אָפּמאַך צווישן די פאַבריקאַנטן און די פּראָפעסיאָנעלע פאַריינען. מ׳האָט באַדאַרפט שליסן אַ נייעם אָפּמאַך. די אונטערהאַנדלונגען זענען געווען אין גאַנג. אומעטום האָט מען געשמועסט וועגן דער פרישער אַרבעטלאָזיקייט. די אַלטע פאָדערונגען האָבן נאָר באַריקזיכטיקט די לוינען פאַר קוואַליפיצירטע אַרבעטער, אָבער צום פליישער-פאַריין האָבן אַנגעהערט צוויי דריטל נישט קוואַליפיצירטע אַרבעטער. אין טשיקאַגאָ האָבן זיי פאַרדינט אומגעפער אַכצן

און אַ האַלבן סענט פאַר אַ שעה אַרבעט. דער פּראָפעסיאָנעלער פאַריין האָט געפאָדערט פון קונפטיקן יאָר אָן די דאַזיקע לוינען צו נאָרמאַליזירן.

אין דער צייט פון די אונטערהאַנדלונגען האָבן די פירער פון די פּראָפעסיאָנעלע פאַריינען נאָכגעקאַנטראָלירט די לוין ביכלעך ביי די אַרבעטער און זיי זענען דערגאַנגען, אַז דער העכסטער לוין איז באַשטאַנען פון פערצן דאָלאַר, דער דורכשניטלעכער זעקס דאָלאַר מיט פינף און זעכציק סענט און דער גאַר נידעריקסטער צוויי דאָלאַר מיט פינף סענט וועכנטלעך. דורכשניטלעך גענומען האָט די דאָזיקע סומע נישט געקלעקט אויף דערנערן אַ פאַמיליע.

די פלייש פּראָדוקטן האָבן אין די לעצטע פינף יאָר געשטיגן מיט פופציק פּראָצענט, אין דער צייט, ווען דער פּרייז פון דער בהמה איז געפאַלן ביז אַ העלפט. מ׳האָט באַדאַרפט גלייבן, אַז די הערן פאַבריקאַנטן וועלן איינגיין אויף נאָרמאַליזירן די פּרייזן. אָבער זיי האָבן לגמרי נישט גערעכט וועגן דעם, אויף אַלע פאָדערונגען פון די פאַריינען האָבן זיי געענטפערט מיט אַ קאַטעגאָרישן אָפּזאָג.

זיי האָבן באַוויזן פאַר דער וועלט זייער אַכזריות. אין משך פון צוויי וואָכן האָבן זיי פאַרקלענערט דעם לוין פאַר אומגעפער טויזנט אַרבעטער ביז זיבעצן און אַ האַלבן סענט פאַר אַ שעה. מ׳האָט געשמועסט, אַז דער אַלטער דזשאָנס האָט געהאַט בדעה נאָך צו פאַרקלענערן דעם לוין ביז פופצן סענט.

אַנדערהאַלבן מיליאָן אַרבעטלאָזע האָבן זיך צו יענער צייט אַרומגעשלעפּט איבער גאַנץ אַמעריקע און נישט געקאָנט געפונען קיין אַרבעט. אין טשיקאַגאָ גופא האָט זיך געפונען הונדערט טויזנט אַרבעטלאָזע. די פאַבריקאַנטן האָבן לחלוטין נישט געוואָלט איינגיין אויף די פאָדערונגען פון די פּראָפעסיאָנעלע פאַריינען און אויסצוגעבן פאַר די אַרבעטער עטלעכע טויזנט דאָלאַר מער טעגלעך.

אין יוני איז געוואָרן באַשלאָסן צו רופן אַ שטרייק אין

די שעכטהייזער. די צייטונגען האָבן אויסגעהויבן אַן אַליאַרם, געוואָרנט פאַר דעם פאַרשטייענדן פלייש-מאַנגל. מיט אַלע מעג-לעכקייטן האט מען זיך באַמיט צו באאיינפלוסן די פאַבריקאַנטן, אז זיי זאָלן אָפּטרעטן פון זייערע באַשלוסן, אָבער די באַמיונ-גען האבן נישט געבראַכט דעם געהעריקן רעזולטאַט.

פאַרקערט, די פאַבריקאַנטן האָבן זיך נאָך באַמיט צו פאַרקלענערן די לוין, זיי האָבן אפּגעשלעפּט מיטן איינקויפן בהמות, די ארבעטער זענען געווארן שטאַרק אויפגערעגט. איינ-מאָל ביינאַכט זענען געווארן צעשיקט דעפּעשן אין אַלע גרעסערע שטעט פון דער פלייש אינדוסטריע, קיין סען-פּאָלל, זיד-אָמאהאַ, סיאָסיטי, סען-דזשאָזעף, קאַנסאַס סיטי, דרום-לוים און ניו-יאָרק. צומאָרגנס האָבן אומגעפער זעקס הונדערט טויזנט ארבעטער געוואָרפן די ארבעט, און ס'האט זיך אָנגע-הויבן דער גרויסער שטרייק אין דער פלייש אינדוסטריע.

נאָך מיטאָג האט יורגיס אויפגעזוכט סקולין. ער האט געוואוינט אין אַ שיין הויז אויף אַ געברוקירטע, באַלויכטענע גאַס, אין די שעהן איז סקולי געווען פאַרטון אין זיין פּריוואַט לעבן. ער האט אויסגעזעען צו זיין פאַרמאַטערט און דע-נערווירט.

— וואס האט איר געוואָלט? — האט ער געפרעגט יורגיסן באַלד ביי זיין אריינקום. ער האָט צוזאמענגעצויגן ס'פּנים און שארף אים אָנגעקוקט.

יורגיס האט אין דער פרימארגן צייטונג געליינט סקולי'ס אַ פאַרביסן ארטיקל אויף די פאַבריקאַנטן. אין דאזיקן ארטיקל האָט סקולי געוואָרנט די פאַבריקאַנקן, אז וויבאַלד זיי וועלן זיך נישט באַצייטנס באַשליסן, וועט די שטאַט-פאַרוואַלטונג זיין געצוואונגען זיך אריינצומישן אין דער זאַך און צונעמען ביי זיי די מאַשינען. דער פאַר איז אים אויסגעקומען גענוג מאדנע בעת סקולי האט זיך געווענדט צו אים מיט די ווערטער:

— פאַרוואס זענט איר נישט געבליבן ביי אייער ארבעט?

— ווערן אַ שטרייק-ברעער?

— פארוואס דאס נישט! וואס גייט דאָס דען אייך אָן דער שטרייק.

— אָבער, אָבער — האט יורגיס אנגעהויבן שטאמלען. ער האט געהאלטן פאר אַ גאנץ פארשטענדלעכע זאך צו צופאַסן זיך צו די באשלוסן פון פאריין.

— סקולי האט גערעדט ווייטער:

— די פאבריקאנטן דארפן געטרייע ארבעטער, זיי מעגן זיין מער אָדער ווייניקער פעיק. ווער ס׳וועט זיי יעצט מיטהעלפן, דעם וועלן זיי שפעטער אויך האלטן. פארוואס נוצט איר נישט אויס די געלעגנהייט.

— ווי אזוי וואלט איך ווידער געקאנט מיטהעלפן אייך אין דער פאליטיק?

— איר נוצט מיר יעצט בכלל נישט — האָט סקולי געענטפערט אָפּגעהאקט.

— פארוואָס?

— צו אלדע רוחות, פארוואס פארשטייט איר נישט! איר זענט דאָך אַ רעפּובּוליקאַנער. וואס טראכט איר, אז כ׳וועל תמיד מיטהעלפן צום אויסוויילן אַ רעפּובּליקאנער. דער ברויער האט זיך שוין דערוואוסט וועגן דעם גאנצן שווינדל, מיר וועלן נאך אפשר מוזן אויסטראָגן דעם גאַנצן היזק.

יורגיס האָט געקוקט אויף אים צעטומלט, וועגן דעם האט ער לגמרי נישט געטראכט. ער האט געענטפערט:

— איך קאָן דאָך ווערן אַ דעמאָקראַט!

— כאַ, כא, אַ מענטש זאל קאָנען יעדן טאָגן טוישן זיינע פּאָליטישע איבערצייגונגען! איבעריקנס דארף איך אייך נישט צו דער פּאָליטישער ארבעט. צו די וואלן איז נאך געננג צייט. וואס וועט איר דערווייל טון?

— כ׳האב געמיינט, אז כ׳קאן זיך פארלאָזן אויף אייך?

— דאָס קאָנט איר תמיד, איך אבער פארלאָז מיך קיינמאל נישט אויף מיינע חברים. האלט איר דאָס פאר

אַ חכמה אוועקצוּוואַרפן די אַרבעט, וואָס כ׳האָב אייך געגעבן און קומען צו מיר זוכן אַנדערע ? אומגעפער הונדערט מענטשן זענען שוין היינט געווען ביי מיר, וואָס קאָן איך זיי העלפן. זיבעצן האָב איך געשיקט צו רייניקן די גאַסן, מ׳קאָן דאָך נישט צו נעמען אָן אַ צאָל ? אָן אַנדערן וואָלט איך עס לגמרי נישט דערציילט, אָבער איר האָט דאָך שוין געטון אַ בליק אונטער די קוליסן פון דער פּאָליטיק, איר דאַרפט דאָך אַליין פאַרשטיין, וואָס איר האָט צו טון. וואָס וועט איר האָבן פון ליידיק אַרומגיין ?

— כ׳האָב נאָך נישט געטראַכט וועגן דעם.

— אָ, זעעט איר. טראַכט דאָס אַלץ גוט איבער. גלייבט מיר, אַז היינט מאָרגן וועט אַ סוף נעמען צום שטרייק, די פאַריינען וועלן ווערן צעקלאַפּט. וואָס וועט איר דעמאָלט האָבן ? איר פאַרשטייט מיך ?

יורגיס האָט שוין אַלץ באַגריפן. ער איז אין שעכט-הויז, אין די גרויסע האַלעס זענען געלעגן בהמות צעשניטן אויף אַ פאַרשידענעם אופן, אַזוי ווי די אַרבעטער האָבן זיי איבערגעלאָזט. דער אויפזעער האָט זיך באמת מיט דער הילף פון ביוראָקראַטן פּערסאָנאַל און סתם גאַסן שלעפּער, צו פאַר-ענדיקן די אַרבעט און צו צעטראָגן ס׳פלייש אין די אייז קעלער. די אַרבעט איז שוואַך צוגעגאַנגען. יורגיס האָט זיך גלייך געווענדט צום אויפזעער.

איך שטעל זיך צו דער אַרבעט הער מירפי. דאָס פּנים האָט זיך ביי אים צעשטראַלט.

— איר זענט אַ בראַווער מענטש, צו אויסגעטון !

— וואָרט אַ ווײַלע — האָט יורגיס געענטפערט. ער האָט געוואָלט אָפּשוואַכן דעם אויפזעערס ענטוזיאַזם — כ׳מיין, אַז כ׳קאָן היינט באַקומען אַגרעסערן לוין.

— פאַרשטייט זיך. וויפל פאַרלאַנגט איר ?

יורגיס האָט שוין אַלץ געהאַט דורכגעטראַכט נאָך אויפן וועג. אָבער אין דער מינוט האָט אים פאַרפעלט דרייסטקייט. ער האָט זיך דאָך באַהערשט און געזאָגט :

—כ׳מיין, אז דריי דאָלאַר א טאג, ס׳וועט גאָרנישט זיין צופיל.

— אָל-רייט — האט דער אויפזעער געענטפערט.

איידער ס׳איז נאך געווארן נאכט האט זיך שוין יורגיס דערוואוסט, אז די בוכהאלטער, מאשינען-שרייבער און אלע אנדערע גאַסן-שלעפער נעמען פון פינף דאָלאַר טעגלעך. ער האט געוואלט זיך אליין פאַטשן פאר זיין אומגעלומפערטקייט.

אָט אויף דעם אופן איז יורגיס געוואָרן אַן אַמעריקאַנער העלד. זיין מאַרטירערטום איז געווען געגליכן צום מאַרטירערטום פון יענע צוויי אַמעריקאנער העלדן, לעסינג — טואַן און וועף פאָרגער. דער פאַרגלייך הינקט וואָס אַן אמת א ביסל אונטער. ווייל יורגיס האט באקומען א גוטן געהאַלט, פיין זיך אָנגעטון, געשלאָפן באקוועם און ס׳האט אים גאָרנישט געדראָט, נאר וויבאַלד ער האט זיך נישט ארויסגעריזרט אויף א טריט ווייטער פון די שעכטהייזער, צומאָל נישט אין שענק אריין. אבער אויך אין שענק איז געווען זיכער, ס׳האָט זיך ארויסגעוויזן, אז די פאָליציי האט נישט געהאַט אזוי פול ארבעט ביים פארהיטן די געגנט פון גנבות, אז זי זאל נישט קאָנען קומען צו הילף די אונטערנעמער.

די ארבעטער ווי אויך די פאָליציי האט זיך אָפּגעזאגט צו באַנוצן מיט דער ברוטאַליטעט, דאַגעגן האט זיך נישט אָפּגעזאָגט פון דעם די בירגערלעכע פּרעסע. באַלד דעם ערשטן טאָג פון שטרייק האט יורגיס פארבעטן זיינע חברים שרייק-ברעכער אויף ביר. זיי זענען ארויס פון גרויסן הילסטעד טויער, ביי וועלכן ס׳זענען געשטאנען עטלעכע פאָליציאַנטן און געהיטן. דער פאַריין האט דארט געהאט א וואַך, וואס האט באדאַרפט אַכטונג טון ווער ס׳גייט אריין און ארויס פון שעכטהויז.

יורגיס מיט זיינע חברים זענען פריי דורכגעגאַנגען די גאס. פלוצלינג זענען זיי געווארן ארומגערינגלט פון עטלעכע מענטשן. ס׳איז אַנטשטאנען א מחלוקה, דראונגען האבן זיך געטראָגן אין דער לופט. ביי איינעם פון יורגיס חברים האט

מען אראָפּגעריסן דעם קאַפּעלוש און אריבערגעוואָרפן איבער א פּאַרקאַן. ס'האט זיך געטראָגן הילכיקע קולות:

— שטרייק-ברעכער!!!

פון די שענקן זענען ארויסגעלאָפן עטלעכע צענדליק מענטשן. יורגיס מיט זיינע חברים האָבן זיך העלדיש פּארטיי-דיקט, ער האט געשלאָגן אויף רעכטס און לינקס, נישט גע-קאַרגט קיין פויסטן. לסוף זענען זיי אלע פארשוואונדן אין די שעכטהייזער.

ס'איז אָנגעקומען די פאבריק-וואָך. די אויפגערעגטע פּאָ-ליציי האט ארויסגעפאָדערט הילף, זיי האָבן מורא געהאט, ס'זאל נישט קומען צו שאַרפע צוזאַמענשטויסן. יורגיס האט שוין וועגן דעם אַלעם גאָרנישט געוואוסט. אינעווייניק האט איינער פון זיי דערציילט פאר די איבעריקע, ווי אזוי מ'איז אויף זיי אָנגעפאַלן, געדראָט, שיִער נישט דערהרגעט. יורגיס האט דאס אַלץ אויסגעהערט מיט א קינדישן שמייכל. ער האט באַמערקט ווי עטלעכע יונגע מענער שטיין און פאַרצייכענען פּלייסיק, וואס זיי הערן. אין צוויי שעה ארום האָבן שוין די יונגלעך צעטראָגן איבער די גאַסן די ביי נאַכט אויסגאַבן, וואו ס'איז געווען געמאָלדן מיט גרויסע רויטע און שוואַרצע אותיות.

צוזאמענשטויסן אין די שעכטהייזער! א צע-ווילדעוועטער המון ארומגערינגלט די שטרייק-ברעכער.

וויבאלד יורגיס וואלט געהאט א מעגלעכקייט אויף צו-מארגנס דורכצולייענען אלע צייטונגען, וואס זענען ערשינען אין די פאריייניקטע שטאַט, וואלט ער זיך איבערצייגט, אַז זיין שפּאציר אין שענק אריין איז געווארן ארומגערעדט פון צוויי מיליאן מענטשן. פאר א העלפט פון די בעסערע צייטונגען האט דאָס געדינט פאר מאַטעריאל צו א לייט-ארטיקל. יורגיס האט יעצט געהאט א געלעגנהייט צו באקומען מער דערפארונג. ער האט נישט געהאט קיין ארבעט, געטראכט, צו זאל ער מיט א טראַמוויי ארייַנפארן אין שטאט אריין, צו ער זאל בלייבן אויף ביינאכט אין די שעכטהייזער, שלאָפן אויף די ספּעציעל

זוגעגרייטע שטרויזעק פֿאַר די שטרייק ברעכער. ער האָט באַשלאָסן צו בלייבן, אָבער ער האָט באַלד באַקומען חרטה. אַ גאַנצע נאַכט זענען אָנגעקומען פֿרישע שטרייק ברעכער. ס׳איז געווען אַ מיש־מאַש פֿון פֿאַרשידענע מענטשן: גנבים, שלעפּער, נעגער, עמיגראַנטן פֿון נידעריקן שניט, ווי אַ שטייגער גריכן, רומענער, סלאַווער. זיי האָבן נישט געלייגט אַזוי ווייט קיין אַכט אויפֿן לוין, וואָס זיי האָבן באַקומען, ווי אויף דעם, אַז זיי זאָלן האָבן, וואו צו פֿאַרברענגען די נעכט. זיי האָבן פֿאַרוואַנדלט דאָס שעכטהויז אין אַ גיהנום, געזונגען, געטרונקען, ערשט דאַן געגאַנגען שלאָפֿן, ווען ס׳האָבן שוין געפּייפֿט די סירענעס.

צומאָרגנס איז יורגיס געוואָרן אָפּגעשיקט צו אַן עלטסטן אויפֿזעער. מ׳האָט געגנבֿעט אויסגעפּרוווט זיין קענטעניש אין די שעכטהייזער. דאָס האַרץ האָט ביי אים האַסטיק געקלאַפּט, ער האָט געפֿילט, אַז יעצט האָט אויסגעשלאָגן זיין שעה, ער וועט ווערן אַן אויפֿזעער.

עטלעכע אַמאָליקע אויפֿזעער האָבן אָנגעהערט צו די פּראָפֿעסיאָנעלע פֿאַריינען. די נישט מיטגלידער האָבן זיך אויך אָנגעשלאָסן צו די שטרייקנדע. די פֿאַבריקאַנטן האָבן זיך געפֿילט געטראָפֿן, זיי האָבן לגמרי נישט געהאַט ווער ס׳זאָל אויספֿירן די אַרבעט. אין די אָפּטיילונגען, וואו מ׳האָט געזאַלצן און גערויכערט ס׳פֿלייש האָט מען נאָך געקאַנט ווי ס׳איז דורכקומען. אָבער די יאַטקעס האָבן געפֿאָדערט פֿריש פֿלייש. די פֿאַבריקאַנטן האָבן גוט געוואוסט, אַז וויבאַלד זיי וועלן נישט באַוויזן צוצושטעלן פֿאַר די יאַטקעס פֿלייש וועט די באַפֿעלקערונג אויפֿשטיין אקעגן זיי.

דאס איז געווען אַן אויסערגעוויינלעכער פֿאַל אין דער פֿלייש אינדוסטריע, וואס האט זיך שוין זעלטן ווען געקאנט איבערחזרן. יורגיס האָט געוואלט אויסנוצן די געלעגנהייט, ער האָט זיך גענומען פֿלייסיק צו דער אַרבעט ער האט געקאנט די מלאכה, נאָך געקאנט אַפֿילו לערנען אנדערע. אָבער ס׳האָט זיך געשטעלט פֿאַר אים אַ האַרבע פֿראגע: וויבאַלד ער וועט

אָננעמען די שטעל פון אויפזעער, צי וועלן זיי אים נישט נאָכן שטרייק ארויסווארפן אויף דער גאַס.

יורגיס האָט זיך דאָס געפרעגט דעם אינספּעקטאָר און יענער האט געענטפערט, אַז דורהאַמען קאָן מען גלייבן. מ׳דאַארף אָפּלערנען דעם פליישער פאריין און אויך די אויפזעער, וואָס זענען צוגעשטאנען צו די שטרייקנדע. יורגיס וועט אין דער צייט פון שטרייק באקומען צו פינף דאָלאַר טעגלעך און נאָכן שטרייק פינף און צוואָנציק דאָלאַר וועכנטלעך. ער האָט זיך באַזאָרגט מיט די געהעריקע כלים און זיך גענומען צו דער ארבעט.

די האַלע, וואו מ׳האָט געקיילט די חזרים האָט פאָרגעשטעלט מיט זיך א העסלעך בילד. ביי די ארבעט זענען געשטאַנען א מחנה נעגער און אויסלענדער, געקוקט מיט קעצישע אויגן און לגמרי נישט פארשטאנען, וואס מ׳האט צו זיי גערעדט. א חברה איינגעדארטע ביוראָליסטן און קארעספּאָנדענטן זענען געשטאנען פארחלשט פון דער טראָפּישער היץ און שרעקלעכן געשטאַנק פון בלוט. די דאָזיקע „ארבעטער" זענען געווען מסוגל צו ממיתן קוים צוויי צענדליק אָקסן, אין דער צייט, ווען מיט א מעת-לעת צוריק האבן די אלטע ארבעטער מיט א בליץ שנעלקייט געממיתט פיר הונדערט שטיק.

דער דאזיקער חברה האט זיך לגמרי נישט געגלוסט צו ארבעטן. יעדער ווײַלע האט זיך אן אנדערער אָפּגעשטעלט, ס׳האט אים פארפעלט אָטעם, אין עטלעכע טעג ארום איז די דורהאם קאמפּאניע געווען געצוואונגען איינצופירן עלעקטרישע ווענטילאַטארן צו קילן די האלעס, בענקלעך זיך אָפּצורוען ביי דער שווערער ארבעט.

אָט אויף דער דאזיקער באנדע האט יורגיס באדארפט אכטונג טון. ער איז געלאָפן אַן אויפגערעגטער פון איין ווינקל צום אנדערן און אויסגעגעבן באפעלן. אמת טאקע, אז יורגיס האָט נאך קיינמאל אין זיין לעבן נישט ארויסגעגעבן באפעלן, נאר תמיד זיי אויסגעפירט: אבער יעצט איז ער געשטאנען

אין באפוילן מיט דער גאנצער מחנה, געשאלטן זיי ווי אן אלטער אויפזעער.

— עי דו — האבן טייל פון זיי אים געענטפערט — ווי־באלד ס׳געפעלט דיר נישט מיין ארבעט, קאנסטו דיר צונעמען אן אנדערן אויף מיין אָרט.

באלד דעם ערשטן טאָג זענען אוועקגעקומען כמעט אלע מעסער פון שעכטהויז. יעדער נעגער האט באַוויזן אָנצושאַרפן א מעסער און צו פארשטעקן אין אַ כאָלעווע פון די שטיוול. יורגיס איז געקומען צו דער איבערצייגונג, אז ס׳וועט אים זיין אוממעגלעך אָנצופירן מיט דער דאזיקער חברה. זיי האבן געלעכערט די פעל ביים שינדן, די קישקעס ביים ארויסנעמען די איינגעווייידן, ס׳איז געווען אוממעגלעך צו כאַפן דעם שולדיקן.

זיי פלעגן ווערן אַנטרונעז פון דער ארבעט, פארשרייבן זיך אויף דער ארבעטס ליסטע פון פארשידענע אנדערע אָפּ־טיילונגען און דארט נאכאַמאָל געגומען פינף דאָלאַר פאר א טאָג. ס׳זענען געווען צווישן זיי אזעלכע, וואס זענען געווען פארשריבן אין עטלעכע אָפּטיילונגען גלייכצייטיק. יורגיס האט געכאַפּט אַן אַר־בעטער ביי דעם שווינדל, יענער האט אים אוועקגעפירט אָן א זייט, איינגערוימט עפּעס אין אויער און אים צוגעגעבן צען דאָלאַר. דער דאזיקער אופן פון באשווינדלען די אונטערנעמער האט זיך פארשפרייט מיט א בליץ־שנעלקייט, און יורגיס האט א סך פארדינט.

די אונטערנעמער האבן צעשיקט אַגענטן איבערן גאנצן לאנד. זיי האבן ווערבירט נעגער, צוגעזאָגט פינף דאָלאר טעג־לעך מיט עסן און שלאָפן. זיי האבן זיך לגמרי נישט גערעכנט מיט דער ארבעטלאָזיקייט, וואס איז מיט יעדערע שעה גע־ווארן גרעסער. די באַנען זענען געווען מיט זיי פול, עקסטרע צוגן זענען געוואָרן אָפּגעשטעלט, די גאנצע קאָמוניקאַציע פארהאלטן.

טייל שטעט האבן אויסגענוצט די געלעגנהייט, זיי האבן געעפנט די תפיסות, באפרייט פון דארט די פארברעכער. אין

דערטראַיט האט די שטאָט־מאכט פֿארשפּראָכן צו באַפֿרייען די ארעסטאַנטן, וויבאלד זיי וועלן זיך פֿארפּליכטן אין משך פֿון פֿיר און צוואַנציק שעה צו פֿארלאָזן די שטאָט. ביי די טויערן פֿון די תּפֿיסות האבן געוואַרט די אַגענטן פֿון די שעכטהייזער און צוגענומען זיי צו דער אַרבעט. אין די שעכטהייזער האט מען אריינגעפֿירט גאנצע וואַגאָנען דערנערונג, אפֿילו בראָנפֿן און ביר, כּדי זיי זאלן נישט וועלן אנטלויפֿן. אין סינסינעטי האבן די פֿאבריקאנטן אַנגאַזשירט דרייסיק מיידלעך צום פּאַקן פּרוכטן, אז זיי זענען געקומען צו דער ארבעט האט מען זיי אוועקגעשטעלט צום פּאַקן פֿלייש. זיי זענען געווארן אָפּגעשיקט אין גרויסע זאַלן פֿול מיט בעטלעך. די ארבעטערינס האבן דארט געגעסן און געשלאָפֿן.

אבער נישט געקוקט אויף די אלע באַמיונגען האבן די פֿאבריקאנטן זיך נישט געקאָנט געבן אן עצה מיט די שטרייק־ברעכער. ניינציק פּראָצענט האט געווארפֿן די ארבעט, ווידער האט מען באַדארפֿט ווערבירן א פֿרישע ארמעע. די פּרייזן אויף פֿלייש זענען געשטיגן מיט 30 פּראָצענט, די באַפֿעלקערונג האט געפֿאדערט א סוף צו מאכן מיט דעם ענין. דאן זענען די פֿאבריקאנטן איינגעגאנגען אויף א שידס־געריכט. נאך צען טעג פֿירן אונטערהאנדלונגען, האט דער פֿליישער־פֿאריין אָנגענומען די אים פֿארגעלייגטע באַדינגונגען און ס׳האט באַדארפֿט א סוף נעמען צו דער ארבעטלאָזיקייט. אין משך פֿון פֿינף און פֿערציק טעג האבן באַדארפֿט צוריק ווערן צוגענומען אלע ארבעטער אָן אינטערשיד צי זיי האבן אָנגעהערט צום פֿליישער־פֿאריין, צי נישט.

יורגיס האט זיך באַרויקט. ער האט געמיינט, אז יעצט וועט ער פֿארלירן זיין שטעלע. אז ער איז אוועק וועגן דעם צום אינספּעקטאָר, האט יענער זיך ביטער צעלאַכט און אים געהייסן וואַרטן.

ס׳איז געווען שווער צו וויסן, צי די גאנצע געשיכטע איז נאר געווען בלויז א מאַנעוור פֿון די פֿאבריקנטן, כּדי צו צעקלאַפּן די פֿאריינען או צו צעברעכן דעם שטרייק, צי זיי האבן גע־האנדלט לויטן יושר. אבער פּלוצלינג איז געווארן צעשיקט

טעלעגראַמען אין פאַרשידענע שטעט, וואו ס'האבן זיך געפונען שבטהייזער: „נישט צונעמען פאַריינס מיטגלידער". צומאָרגנס האט א צוויי טויזנט קעפּיקר המון אריינגעשטראָמט דורכן גרויסן טויער, יורגיס איז געשטאַנען ביי דער גרויסער האַלע, וואו ער האט געאַרבעט נאָך פאַרן שטרייק. די אַרבעטער זענען געשטאַנען אין א ריי און זיך געשטופּט אריין אינעווייניק. פּאָליציי האט געהיטן די אָרדענונג. ס'איז אָנגעקומען דער אינספּעקטאָר, ער האט דורכגעקוקט די ריי און געקליבן אַרבעטער. אויבנאָן זענען געשטאַנען די דעלעגאַטן און רעדנער, וועלכע יורגיס האט שוין געהערט אויף פאַרזאַמלונגען. דער אינספּעקטאָר האט זיי אַלע אויסגעמיטן. די אויפרעגונג איז געוואַקסן. אין אן אנדער אָפּטיילונג איז אַנטשטאַנען א מוראדיקער סקאַנדאַל. יורגיס איז אוועק אין יענער אָפּטיילונג. אַן אַרבעטער פאָרשטייער איז דאָרט געוואָרן באַזייטיקט דריי מאָל פון דער ריי. די מאַסע איז געוואָרן אויפגערעגט, זיי האבן אויסגעוויילט א דעלעגאַציע פון דריי מאַן, אז זיי זאָלן זיך פאַרשטענדיקן וועגן דעם מיטן אינספּעקטאָר, אָבער ביי יעדן מאָל זענען זיי נישט געוואָרן צוגעלאָזט. הילכיקע קולות האבן אָנגעפילט די לופט. לסוף האט זיך דער אינספּעקטאָר באַוויזן אויפן הויף. זיי האבן געשריגן.

— אָבער מיר וועלן אַלע צוגענומען, אָבער מיר וואַרפן אַלע די אַרבעט.

דער אינספּעקטאָר האט געדראָט מיט דער פויסט און געשריגן:

— איר האט געוואָרפן די אַרבעט ווי די בהמות, און ווי בהמות וועט איר זיך צו איר צוריקקערן!

איינער פון די אַרבעטער איז אַרויפגעשפּרונגען אויף א קופּע שטיינער און אויסגערופן:

— חברים, ניין, אַלע וואַרפן מיר די אַרבעט.

די אַרבעטער האבן פּראָקלאַמירט א נייעם שטרייק, געמאַרשירט צו די אנדערע פאַבריקן, וואו ס'איז פאַרגעקומען דער זעלבער פאַרראַט, וואס מיט זיי. זיי האבן דעמאָנסטרירט לענג

אויס די אָנגעשטאָפּטע עוועניו, געוואָרפן לאָזונגען און געזונגען לידער. אין די אנדערע פאבריקן האבן די ארבעטער געוואָרפן די שוין אָנגעהויבענע ארבעט, אוועקגעלייגט די מעסער און זיך אָנגעשלאָסן אָן די דעמאָנסטראַציעס. עטלעכע דרייסטע יונגען האבן זיך ארויפגעזעצט אויף פערד, געפאָרן איבער די גאסן און גערופן צו שטרייק. אין א האלבע שעה ארום האט זיך גאנץ סטאָקיערדס פארוואנדלט אין א גיהנם, די מענטשן זענען געווארן פארטויבט פון די הילכיקע אויסרופן.

און באלד האט סטאָקיערדס געענדערט איר אויסזעע. ס׳איז ענלעך געוועזן צו א קאָכעדיקן קעסל. ווי איז געווען די שטרייקברעכער! יעדן טאָג זענען פארגעקומען צוזאמענשטויסן, געשלעגן, אוואַנטורעס. די צייטונגען האבן געגוי באשריבן די געשעענישן, די פאראנטווארטלעכקייט פון דעם האבן זיי ארויפגעוואָרפן אויף די פראָפעסיאָנעלע פאריינען.

מיט צען יאר צוריק, ווען אין סטאקיערדס האט נאך לגמרי נישט עקזיסטירט קיין פאריינען, האט מען זיך בעת א שטרייק באנוצט מיט מיליטער. ביי דער ליכטיקייט פון די וואגאָנען זענען פארגעקומען בלוטיקע צוזאמענשטויסן אין „ווייסקי פאָנט״, וואו אויף יעדער לאַם פאבריק איז אויסגעקומען הונדערט שענקן, איז יעדן טאג געקומען צו געשלעגן מיט מעסער. וויבאלד ס׳וואלט עמעצער א קוק געטון אין פאליציייאישן פראטאקאל-בוך, וואלט ער געהאט קלארע פאקטן, אז וואס אמאל איז די צאל געווארן קלענער, דערגרייכט לעצטנס קוים צו צוואנציק טויזנט פארפאלן.

אבער דאך האט זיך נישט געפונען קיין איין מענטש, וואס זאל אפשאצן די טעטיקייט פון פאריין, דעם קאמף, וואס ער פירט פאר די ארבעטער מאסן, געמוטיקט זיי זעקס לאנגע וואכן פון הונגער, אנטוישונג, אומווילן און יאוש.

די פאבריקאנטן האבן באשלאסן אומבאדינגט צו א ווערבירן א פרישע ארמעע שטרייק-ברעכער. יעדער נאכט איז אריינגעקומען אין די שעכט-הייזער ביז צוויי טויזנט מענטשן. צווישן די שטרייק-ברעכער האט זיך געפונען קוואליפיצירטע

אַרבעטער, אויפזעער, אינספּעקטאָרן און פירער פון פאַריינען, וואָס זענען געקומען פון די ווייטע לענדער. די מערסטעטייל איז באַשטאַנען פון נעגער, געקומען פון דער באַוואָל געגנט פון ווייטן צפון. מ׳האָט זיי געטריבן צו דער אַרבעט פּונקט ווי די בהמות, וואָס זיי האָבן געטייט.

אויפן דריטן שטאָק אין אַ הויזפון דזשאָנס שעכטהייזער האָט זיך געפונען אַ שפּייכלער אָן פענצטער. דאָרט האָט מען אַריינגעלאָזט זיבן הונדערט מענטשן, זיי האָבן צומאָל נישט באַקומען שטרויזעק צו זייערע בעטלעך. די דאָזיקע אַכזריות פון די אונטערנעמער איז אַרויס אויף דער אויבער פלאַך און מ׳האָט געפאָדערט אַ קאָמיסיע אויף אויסצופאָרשן די אַרבעטס באַדינגונגען אין די שעכטהייזער. אַפילו דער פּרעזידענט איז געוואָרן באַצוואונגען צו מאַכן דאָרט אַ באַזוך. אָבער באַלד האָבן זיך די פאַבריקאַנטן געווענדט צו זייערע אַדוואָקאַטן, און די האָבן אויסגעפּועלט, אַז דער באַפעל וועגן אַן אויספאָרשונגס קאָמיסיע זאָל ווערן צוריקגעצויגן.

אין דערזעלבער צייט האָט דער טשיקאַגאָר שטאָט-פּרעזידענט זיך געגרויסט מיט דעם, וואָס ער האָט פאַרשטערט דעם האַזאַרד און באָקסן-קאַמף. אָבער יעדער נאַכט האָט מען אויפן ליידיקן פּלאַץ לעבן בראָונס פאַבריק, נעקאָנט זעען די שטאַרקע נעגער, וואָס זענען געשטאַנען גאַקעט ביז דער העלפט און פּאָר געלט געקעמפט אויף פויסטן. אַ טויזנט קעפּיקער עולם האָט זיי אַרומגערינגלט און געדרעוועט פון פרייד. דאָס פּובליקום איז באַשטאַנען אַ געמיש פון מענער און פרויען. יונגע, בלייכע פּויערטעס זענען געשטאַנען לעבן די פּרעכע נעגער, וואָס האָבן תמיד געהאַט ביי זיך אַ מעסער אין דער כאָלעווע.

גאַנצע שורות גרויסע, שוואַרצע קעפּ האָבן אַרויסגעקוקט פון די פענצטער פון בראָונס פאַבריק. די אורעלטערן פון די דאָזיקע שוואַרצע מענטשן האָבן נאָך געשטאַמט פון די אַפריקאַנער שבטים, געווען האַלב פאַרשקלאַפט. די מאַכט האָט לויט די אַלטע טראַדיציעס זיך באַצויגן צו זייערע אייניקלעך ווי צו שקלאַפן. יעצט האָבן די דאָזיקע שקלאַפן באַקומען פולשטענ-

דיקע פרייהייט. אין די שעכטהייזער האָט מען זיי באַזאָרגט מיט בראַנפן און נקבות. יעדער נאכט האָט זיך דאָרט געהערט געשריי, פערייען, בלוט האָט זיך געגאָסן ביי די אָפטע געשלעגן מיט מעסער. מ'האָט געזאָגט, אז די פּאָליציי האָט דערלויבט די שעכטהויז־געזעלשאַפט שטילערהייט צו באַגראָבן די הרוגים. די פרויען זענען געווען איינגעאָרדנט צוזאמען מיט די מענער. ביינאַכט זענען דאָרט פאָרגעקומען די ווילדעסטע אָרגיעס. די מיידלעך, וואס האָבן דאָרט געאַרבעט זענען באשטאנען דאָס אָפּפאַל פון טשיקאגאָ און די מענער, ברוטאַלע, אומדערפּארצגע נעגער. אין די שעכטהייזער, וואס האָט געשפּייזט מיט פלייש אַ האַלבע מענטשהייט, האָט זיך פארשפּרייט ווענערישע קראנקהייטן.

אָט אזוי האָט אויסגעזען אין די שעכטהייזער בעת דעם שטרייק. דער פאַריין האט געוואַרט, דאָס לאַנד האט ווי אַ הונגעריקער וואלף געשריגן נאָך די פלייש פּראָדוקטן, אָבער די אונטערנעמער האבן נאך געהאַט צייט, זיי האבן זיך לגמרי נישט אָפּגעשראָקן. די לאַגע פון די פּראָפּעסיאָנעלע ארבעטער איז וואס אַמאָל געווארן ערגער. יורגיס האט דערפילט די ענדערונג פון די פארהעלטענישן, דערפילט די אונטערדריקונג, שוין לאַנג ווי ער האָט זיך צוגעוויינט צו באַפאַלן מיט אַנדערע, אָבער די שרעקלעכע היץ, דער געשטאַנק, דאָס געפיל, אז ער איז אַ שטרייק ברעכער האט אים פארביטערט ס'לעבן. ער האט אָנגעהויבן שכורן, ארייננעפאַלן אין אַ צאַרנדיקייט, געשאָלטן די מענטשן, געטריבן, אז זיי זענען געפאלן אָן אָטעם.

איינמאָל ביינאַכט, דאָס איז געווען ענדע אויגוסט, איז דער אינספּעקטאָר פּלוצלינג אריינגעקומען אין דער אָפּטיילונג, וואו יורגיס האט געאַרבעט. ער האט באַפוילן צו וואַרפן די ארבעט און גיין מיט אים. זיי זענען ארויס אויף דער גאַס, וואו ס'האט געוואַרט אויף זיי דריי וועגן געשפּאַנט צו אַ פּאָר פערד. באַזונדערס זענען געשטאַנען דריי וועגן פול מיט פּאָלי-

ציאַנטן. יורגיס איז אויסגעשטיגן מיט זיינע חברים און זיי זענען אוועקגעפאָרן.

עטלעכע אָקסן האָבן זיך ארויסגעריסן פון שעכטהויז און זיי האָבן זיך אריינבאַקומען אין די הענט פון די שטרייקנדע ארבעטער. די וועגן מיט די שטרייקברעכער זענען ארויס פון גרויסן טויער, וואס האט געפירט צו דער אייטשלענד-עוועניו אין דער ריכטונג צו „דעמפ”. אז די שטרייקער האָבן זיי דערזעען איז אנטשטאנען א שרעקלעכע בהלה. די מענער און פרויען זענען ארויס פון די שטובן און פון די שענקן, אבער באלד האט א צענדליק פּאָליציאַנטן צוריקגעשטעלט די אָרדע-נונג. ס'האט זיך געהערט אויסרופן דראָונגען, דער המון איז זיך פונאנדער געגאנגען און אויף דער ערד איז געבליבן ליגן א צעבלוטיקטער אָקס.

צווישן המון האט זיך געפונען א פלינקער פליישער ארבעטער, ער האט געממיתט דעם אָקס, צעשניטן און דער המון האט נאך באַוויזן צוצעכאַפּן א ביסל פלייש. דאס איז גע-ווען א געמיינער טאַט, די פּאָליציי האט זיך גענומען צו ער-פילן אירע פונקציעס. זיי זענען אראָפּגעשפרונגען פון די וועגן. געשלאָגן יעדן איינציקן, וועמען זיי האָבן נאר באַגעגנט. די קולות פון די אַנטלויפנדע זענען געווען מוראדיק גרויס, זיי זענען פארשוואונדן אין די טויערן, אין די געוועלבן.

יורגיס מיט זיינע חברים האָבן גענומען אַן אָנטייל אין געשלעג, זיי האָבן געשלאָגן די שטרייקנדע אומרחמנותדיק. זיי זענען אריין אין די שטובן, וואו ס'האָבן זיך אויסבאַהאַלטן די שטרייקנדע, אויסגעבראָכן שוואַכע טירן, א פערגעצויגן מענטשן פון אונטער די בעטן, פון די שענקן. יורגיס האט צוזאַמען מיט עטלעכע פּאָליציאַנטן פארטריבן א שטרייקער אין א שענק, יע-נער האט זיך באהאלטן אונטערן בופעט, אבער די פּאָליציאַנטן האָבן אים תיכף פון דארט ארויסגעצויגן און געשלאָגן מיט די שווערע נאהייקעס איבערן קאָפּ. טייל זענען אריבער איבער פארקנס, די דיקע פּאָליציאנטן איז געווען שווער זיי נאכצו-

לויפן, זיי זענען צעראַנדיקע געבליבן שטיין פון דער זייט און געשאָלטן.

יורגיס האָט אָנגעוויזן די פּאָליציאַנטן אַ שענק. אַ דיקע שענקערין האָט זיך אוועקגעשטעלט ביי דער טיר און נישט געוואָלט זיי אַריינלאָזן. זיי האָבן זי אַ שטויס געטון אין בויך און זי איז אַנידערגעפאַלן אויף דער ערד. יורגיס האָט זיך דערווייל נישט פאַרלוירן, ער האָט זיך אָנגעהויבן שאַרן ביים בופעט, דערלאַנגט די פּאָליציאַנטן פלעשלעך געטראַנקען, ביים אוועקגיין האָבן זיי אַ שלעפּ געטון דעם בופעט און ס׳גאַנצע גלאָזוואַרג איז אַראָפּגעפאַלן פונדערהייך אויף דער ערד. דער קלאַפּ האָט אויפגעוועקט די שענקערין פון חלשות, אָבער פּלוצלינג האָט אַ פּאָליציאַנט זי אָנגעכאַפּט פון אונטן, פאַרשטעלט איר די אויגן מיט די הענט, די איבעריקע זענען צו צום שיפלאַד, אַרויסגענומען אַלץ און אַנטלאָפן.

דאָס איבעריקע פלייש פון געממיתטן אָקס האָט מען אַרויפגעלייגט אויף אַ וואָגן, די פליישער זענען אַריין אין די וועגן און געפאָרן ווייטער. אויפן וועג זענען זיי געוואָרן באַשיט מיט אַ האָגל שטיינער. ס׳האָט זיך געהערט געשרייען קללות און דראָונגען.

אין אַ שעה אַרום האָבן אַלע אַמעריקאַנער צייטונגען באַשריבן דעם אָנפאַל אויף די שטרייקברעכער. וועגן באַרויבן אַ שענק דורך דער פּאָליציי אַליין, וועגן דעם האָבן זיי לגמרי נישט דערמאָנט. די ידיעה האָט נאָר אַרומגעקרייזט אין אַרבעטער קוואַרטאַל.

אַז די שטרייקברעכער זענען אָנגעקומען אויפן אָרט איז שוין געווען נאָכמיטאָג. זיי האָבן אַריינגענומען אין שעכטהויז דאָס פלייש פון געהרגעטן אָקס, געשאָכטן נאָך עטלעכע אָקסן און מיט דעם האָט זיך פאַרענדיקט די אַרבעט.

יורגיס מיט זיינע חברים זענען געגאַנגען אויף וועטשערע, זיי האָבן זיך איבערגעגעבן די איינצלהייטן פון די היינטיקע געשעענישן. נאָכדעם זענען זיי אוועק אין אַ שענק שפּילן אין רולעטקע. יורגיס האָט קיינמאָל נישט געהאַט קיין מזל,

אויך דאס מאָל האט ער פארשפילט פופצן דאָלאר. פון גרויס אויפרעגונג האט ער זיך אָנגעשיכורט און ערשט צוויי ביי־נאכט זיך אומגעקערט אין די שעכטהייזער. דאס אומגליק האט שוין אויף אים געווארט. ער האט זיך אנידערגעוואָרפן אויפן שטרויזאַק, וואס איז געווען פאר אים באשטימט, און פלוצלינג האט זיך דערנענטערט צו אים א נאקעטע מויד און אים ארומגענומען. ער האט זי אפגעפירט אין א פינצטער ווינקל. פלוצלינג האט זיך געעפנט די טיר און ס׳האט זיך באוויזן אין איר א מענטש מיט א לאמטער אין דער האנט.

— ווער איז דארט? — האט יענער געפרעגט.

יורגיס האט נאר וואס אויפגעמאכט ס׳מויל צו געבן אַן ענטפער, אבער פלוצלינג האט ער אין דער ליכטעקייט פון דער לאמטער דערזען, אז פאר אים שטייט קאָנאָר. די ווערטער זענען אים געבליבן שטעקן אין האלדז. קאָנאָר! דער, וואס האט פארפירט זיין ווייב, דורך אים האט מען אים ארייננגע־זעצט אין תפיסה, ער האט געבראכט דעם אונטערגאנג אויף זיין גאנץ בני־בית! אָ, נישט איינמאל האט ער שוין וועגן אים גע־טראכט, ווי וועגן א חלום, וואס איז פארביי און וועט קיינמאָל זיך נישט אומקערן. יעצט איז ער געשטאנען פאר זיינע אויגן, ס׳בלוט האט אין אים אויפגעזיד, אלץ האט אין אים צוריק אויפגעטויכט, אנגעצונדן אין אים א שרעקלעכן כעס.

אין איין אויגנבליק האט ער אים דערלאנגט מיט דער פויסט צווישן די אויגן, אנידערגעווארפן אויף דער ערד, אנגע־כאפט אים ביים האלדז און געקלאפט מיט זיין קאפ אן די שטיינער. די מויד האט געשריגן, פון אלע זייטן זענען אנגע־לאפן מענטשן. דאס לאמטערל, וואס ער האט געהאלטן אין דער האנט האט זיך פארלאשן, ס׳איז געווען לגמרי פינצטער, מ׳האט נאר געהערט יורגיס שווער אָטעמען און דאס קלאפן פון קאפ אָן די שטיינער. אלע האבן זיך באמיט יורגיסן אוועקצורייסן פון זיין קרבן, שטיקלעך פלייש האבן געקלעבט אויף זיינע ליפן. באלד איז אנגעקומען א פאליציאנט, ער האט געגעבן יור־

גיסן עטלעכע געזונטע קלעפּ און ער איז אנידערגעפאלן
א פארחלשטער.

אַ גאנצע נאכט האט ער פארברענגט אין פּאָליציי אַרעסט. דאסמאל האט ער געהאט געלט, און ער האט אַרויסגעשיקט נאָך בראָנפן, ער האט אויך געשיקט אַ קלוגעדיק בריוול צו האַרפּע-רין. אבער האַרפּער איז נישט געקומען. צומאָרגנס האט מען יורגיסן באפרייט אויף פינף הונדערט דאָלאר קויצע. ער איז געווען געוואלדיק אויפגערעגט. ביי דער אויספארשונג האט ער געזאגט, אז ער איז נאָך קיינמאל נישט געווען פאַרמשפּט. דאס מאָל האָט ער זיך נאָר געוועדט. וויבאלד ס'וואלט עמעצער גערעדט פאר אים איין גוט ווארט, וואלט מען אים אַרויסגעלאָזט אויף דער פריי אפילו אָן קויציע. האַרפּער האט זיך פאַרענטפערט, אז ער וואוינט ווייט, די ידיעה, אַז מ'האט יורגיסן איינגעזעצט איז צו אים שפּעט געקומען.

— וואס איז מיט אייך געשען?

— כ'האב צעשלאָגן א נידערטרעכטיקן פארשוין כ'דאַרף איינצאָלן פינף הונדערט דאָלאר קויציע.

— דאָס איז אַ קלייניקייט. אויף דעם האב אָן עצה. אין וואס האט זיך עס געהאַנדלט?

— ער האָט מיר א סך שלעכטס געטון.

— ווער איז דאס?

— אַן אויפזעער פון בראָונען, קאָנאָר.

האַרפּער האט זיך איבערגעשראָקן

— קאָנאָר? פיליפּ קאָנאָר?

— יאָ, טאָ וואָס איז?

— גרויסער גאט כ'קאן דיר שוין יעצט גארנישט העלפן.

— פארוואס?

— ער איז איינער פון די אנגעזעענסטע מענטשן ביי סקולין. א מיטגליד אין דער פּראָפּאַגאַנדע קאָמיסיע. ער האט באדארפט ווערן אויסגעוויילט אין געזעצגעבערישן ראט.

— יורגיס איז געווארן צעטומלט. האַרפּער האָט גערעדט ווייטער:

— ער וועט דיך זיכער איינזעצן, וויבאלד ער וועט נאָר וועלן.

— אפשר זאל איך פריער רעדן מיט סקולין?

— יעצט איז ער נישטאָ אין שטאָט. כ'האב נישט דעם מינדעסטן אָנונג, וואו מ'קאָן אים געפונען. ער האט זיך לגמרי נישט געוואלט מישן צום שטרייק.

יורגיס איז געווען צעבראכן.

— וואס זאל איך יעצט טון?

— כ'ווייס נישט. איך קאָן פאר דיר גארנישט טון, דאס וואלט מיך געמאַכט אומגליקלעך אויפן גאנצן לעבן.

אַ טויטע שטילקייט.

— טו אזוי, ווי דו וואלסט נישט געוואוסט פאר וועמען דו באמיסט זיך.

— סוועט גארנישט העלפן. זיי וועלן דיך משפטן.

ער האט זיך אַ ווײַלע פאַרטראכט.

— איינס וועל איך טון, כ'וועל זיך באַמיען, אז זיי זאָלן דיך באפרייען אויף אַ קלענערער קויציע. וויבאלד וועסט נאר איינצאלן וועלן זיי דיר שוין דערלויבן צו אנטלויפן.

— וויפל וועל איך דארפן האָבן.

— וויפל האסטו?

— אומגעפער דריי הונדערט דאָלאַר.

— גוט. כ'בין אַפילו מסופק צו ס'וועט זײַן גענוג, אבער אפשר וועט זיך מיר איינגעבן, ביסט דאָך אן אלטער פריינט, כ'וועל פרובירן אַלץ. אפדערש דראט דיר פון צוויי ביז דריי יאָר.

יורגיס האט געהאַט אַ קאַסע ביכל אייגענייט אין זיין רעקל. ער האט עס ארויסגעצויגן, אויסגעשריבן אַ טשעק אויף דער גאנצער סומע, הארפער האט זיך אונטערגעשריבן און ער איז באַלד אוועק אין באנק אָפנעמען ס'געלט.

אין דער פאליציי האט ער פארזיכערט, אז יורגיס איז סקוליס אַ פריינט, אַן ערלעכער מענטש, ס'איז אויף אים אנגעפאלן אַ שטרייקער. זיי האבן פאַרקלענערט די קויציע ביז דריי

הונדערט דאלאר. ער האט נישט דערציילט פאר יורגיסן, אז זיי וואלטן איר סיי ווי סיי ארויסגעלאזט אויף די פריי, נישט געזאגט, אז ווען ס'וועט אנקומען דער טאג פון פראצעס וועט ער צונעמען די דריי הונדערט דאלאר פאר זיך. ער האט אים נאר געזאגט:

— ביסט פריי, אנטלויף!

יורגיס האט לייכטער אפגעעטעמט. פון זיין גאנצן קאפי־טאל איז אים פארבליבן א דאלאר און פערצן סענט. ער איז אריינגעשפרונגען אין א טראמוויי און ער איז אוועקגעפארן אין אנדערן עק טשיקאגא.

זיבן און צוואָנציקסטער קאפיטל

ארעמער יורגיס! ער איז ווידער געווארן ארויסגעשטויסן פון דער געזעלשאפט, ווידער געווארן אַ שלעפער. ער איז געווען אומבאהאלפן, ווי א ווילדע חיה, וואס האט פאר־לוירן די נעגל, ווי אַ שלימאק, וואס מ׳האט אוועקגעריסן פון דער צוגעוואקסענער הויט. ער האט אלץ פארלוירן, אלץ, וואס ער האט זיך ערווארבן, אַלץ, מיט וואס ער האט געקאנט איינ־ארדענען זיין לעבן און אויסמיידן זיינע אמאליקע פאסי־רונגען.

זיין אלטע שטעלע האט ער שוין נישט געקאנט פאר־נעמען, נישט געקאנט אפילו פריי גנבענען. ער איז צוריק גע־געווארן פארשטויסן צו יענער חברה שלעפער. צווישן די אר־בעטער האט ער זיך נישט געטארט באווייזן, געמוזט זיך בא־האַלטן פאַר זיי, ווייל אנדערש וואָלט אים געדראָט מיט טויט. זיינע חברים וועלן אים זיכער פאַרראַטן און נאָך דערפאַר גוט ווערן באַלוינט. ער וועט ליידן נישט נאר פאר זיין אייגענער זינד, נאר אויך פאר פרעמדער זינד.

יעצט האט ער זיך געפונען אין זייער אַ ביטערער לאגע. אַמאָל, אז ער האט נישט געהאט קיין ארבעט, איז ער געשלאָפן וואו נאָר ס׳איז, אין א פאָד[illegible], אינטער א וואָגן, דורכגעלעבט א טאג מיט פופצן סענט. יעצט האט ער דאָס אלץ נישט געהאט און ער האט זיכער פיל געליטן. פון צייט צו צייט האט ער זיך נאָך געמוזט אָנשכורן. דאס האט אים

שרעקלעך געפּייניקט. ער האָט געמוזט טרונקען, ער זאָל אפילו אויסגעבן די לעצטע פּרוטה און דערנאָך מוזן שטאַרבן פון הונגער. ער האָט זיך אוועקגעשטעלט ביי די טויערן פון די פאַבריקן, אָבער אַן אַן אויסזיכט.

ס׳איז געווען דאַן אַ קריטישע צייט. צוויי מיליאָן אַרבע־טער זענען געווען אַרבעטלאָזע. צו דעם איז נאָך צו געקומען דער גרויסער שטרייק, זיבעציק טויזנט אַרבעטער זענען געוואָרן אַרויסגעוואָרפן אויף דער גאַס, צוואָנציק טויזנט אין טשיקאַ־גאָ גופא. נאָכן פאַרענדיקן דעם שטרייק איז טאַקע אַ העלפט צוריק צוגענומען געוואָרן צו דער אַרבעט, אָבער דאָס האָט ווינציק־וואָס געהאָלפן, ווייל אויף יעדן צו גענומענעם לעגאַלן אַרבעטער איז אויסגעקומען איין שטרייקברעכער. חוץ מזה איז נאָך געווען פון צען ביז פופצן מיליאָן נעגער, אויס־לענדער און פאַרברעכער. אומעטום, וואו ער האָט זיך נאָר געריירט האָט ער זיך באַגעגנט מיט די דאָזיקע מענטשן, מורא געהאַט, אַז זיי זאָלן אים נישט אויסגעבן פאַר דער פּאָליציי. ער האָט געוואָלט פאַרלאָזן טשיקאַגאָ, אָבער ער האָט נישט געהאַט קיין געלט. ער האָט שוין ליבערשט געוואָלט פאַרברענ־גען דעם ווינטער אין תּפיסה, איידער אין דאָרף.

אַזוי זענען אַוועקגעגאַנגען צען טעג. ער האָט נאָך געהאַט צוועלעף סענט, קיין אַרבעט האָט ער נישט געפונען, נישט קיין שטענדיקע און נישט צייטווייליקע. ער איז געווען געפּעגטעט. דאָס געשפּענסט פון הונגער און טויט האָט אים כּסדר פאַר־פאָלגט. ס׳האָט אים אַרומגענומען אַ שטערבלעכער פּחד, וואָס האָט אים געפּייניקט נאָך מער ווי דער הונגער. דער טויט האָט אויסגעשטרעקט צו אים די קאַלטע הענט און אים אַרומגענומען, ער האָט געפילט זיין קאַלטן אָטעם. אין שלאָף האָט ער גע־שריגן, געוועקט זיך, געווען איינגאַנצן באַגאָסן מיט שווייס, נישט געקאָנט זיך באַאין אופן באַרויקן.

ער האָט אַזוי לאַנג געבעטלט אַרבעט ביז ער איז אַני־דערגעפאַלן אַ פאַרמאַטערטער. ער האָט קיינמאָל נישט געוואָלט אָפּרוען, נאָר געשלעפּט זיך ווייטער און ווייטער, איינגעדאַרט,

מיט ווילדע אויגן. ער איז געגאַנגען פון איין עק שטאָט צום אנדערן, אבער אומעטום האט ער באַגעגנט ענלעכע צו זיך מחנות איבעריקע מענטשן, וואס זענען געווארן פארשטויסן דורך דער עקזיסטירענדער מאכט. יורגיס האט זיך פארפּלאָנטערט אין די געמיינסטע סכסוכים. ער האט זיך געראנגלט מיט די לעצטע כחות.

ער האט זיך דערוואוסט, אז ביינאַכט, בעת מ׳פארמאכט די ברויט־געוועלבן, קאָן מען אָפּקויפן ס׳אלטע ברויט פאר א העלפט געלט. ער איז אוועק אויף יענעם אָרט, געקויפט פאר עטלעכע סענט דאס אויסגעטרוקנטע ברויט, אָנגעשטאָפּט זיך די קעשענעס און פון צייט צו צייט פון דעם געגעסן. א חוץ דעם האט ער זיך שוין נישט דערלויבט אויף קיין שום אנדערע אויסגאבן. ס׳זענען אוועק נאך דריי טעג און זיינע קעשענעס זענען שוין געווען לגמרי ליידיק. ער האט זיך געשלעפּט איבער די גאַסן, געזוכט אין די מיסטקאַסטנס, ארויסגעשלעפּט פון דארט, וואס ס׳האט זיך געלאזט. אזוי האט ער געלעבט נאך עטלעכע טעג.

ער איז געווען תּמיד הונגעריק, וואס אַמאָל געווארן מער אָפּגעשוואַכט. איינמאָל ביינאַכט איז געשעען מיט אים א גרויס אומגליק, וואס האט אים שטארק פאַרצווייפלט. ער איז געווארן צוגענומען צו אַן ארבעט, אבער ווי ער האט זיך נאר גענומען זי אויסצופירן איז ער תּיכף געווארן באזייטיקט. ער איז געווען צו שוואַך. ער איז געשטאנען און געקוקט ווי אַן אנדערער האט אויסגעפירט די ארבעט, און ער האט זיך צעוויינט ווי א קליין קינד. ער האט געפילט, אז ער איז שוין פארשפּילט אויף אייביק. אבער פּלוצלינג האט זיך דער פּחד פארטוישט אין א צאָרנדיקייט. ער האט אָנגעהויבן שעלטן און דראָען. יאָ, באלד וועט ער אלע וויַיזן, אז ער טויג נאך צו עפּעס.

ביי אַן עק גאס האט ער באמערקט א בויד מיט גרינוארג. אומבאמערקט פאר די הענדלערין האט ער געכאפּט א קעפּל קרויט און אנגעהויבן לויפן. ס׳איז אנטשטאנען א בהלה, מענטשן זענען נאכגעלאָפן, ער איז אריין אין איין געסל, ארויס

פון דעם געסל און אריין אין א צווייטס, און פארשוואונדן. ער האט זיך אוועקגעזעצט אין א טויער, אויפגעגעסן א העלפט און די אנדערע העלפט באהאלטן אונטערן רעקל.

אָט . אין דערזעלדער צייט האט א טשיקאַגאָר צייטונג, וואס האט תמיד געשריבן וועגן אָרעמקייט — געקאָכט זופּ פאר אָרעמעלייט. טייל האבן געזאגט, אז די רעדאַקציע טוט עס לשם רעקלאַמע, אבער אנדערע האבן געהאלטן, אז די רעדאַקציע האט עס געטון נאר צוליב דעם, אז די אָרעמע זאלן נישט שטארבן פון הונגער. די זופּ איז געווען געשמאַק, הייס און יעדער האט געקאנט באקומען וויפל ער האט געוואלט. יורגיס האט זיך דאס דערוואוסט ביי איינעם פון זיינע גאַסן-פריינט. באלד האט ער באשלאסן יעדן טאג דארט אויפצועסן עטלעכע שיסעלעך, אָבער ער האט באדארפט דאנקן דערפאר, אז ער האט נאר באקומען איין שיסעלע, ווייל ווי ער איז נאר אנגעקומען אויפן ארט האט ער שוין געטראפן אַלאנגע ריי ארעמע. די ריי איז געווארן וואס אמאל גרעסער, קוים א העלפט האט באַקומען זופּ און די קיך איז געווארן געשלאָסן. די געגנט איז געווען פאר יורגיסן געפערלעך. יעדער האט אים דא געקענט, אבער ער האט שוין נישט געהאט וואס אנצוווערן. ווילאנג ס׳וועטער איז געווען שיין, האט ער נאך געקאנט שלאפן אין דרויסן. אבער באלד זענען אָנגעקומען גריסן פון ווינטער. ס׳האט געבלאָזן א דרום ווינטל און ס׳האט אנגעהויבן פאלן קאַלטע רעגנס.

איינמאל ביינאכט, ווען די קעלט האט אים שטארק גע־פּייניקט, האט ער אויסגעטרונקן צוויי גלעזער ביר און ביי־נאכט האט ער אויסגעגעבן ס׳איבעריקע אויף א דריט גלאז. די שענק האט אנגעהערט צו א נעגער, זיין ביר איז געווארן גע־צויגן פון די שוין כמעט ליידיקע פעסער, וואס זענען געשטאַ־נען אויף דער גאס. מיט דער הילף פון כעמישע מאטעריאַל, האט ער געמאכט דאס ביר שוימיק און פארקויפט צו צוויי סענט א גלאז.

דאס זענען געווען די שרעקלעכסטע טעג אין זיין לעבן,

ער האט זיי פארגליכן מיט דער פארגאנגנהייט. ס'איז אנגעקומען א צייט פון וואלן. אין משך פון פינף אדער זעקס וואכן האט באדארפט אויסגעוויילט ווערן א פרעזידענט. אומעטום האט מען וועגן דעם גערעדט, אומעטום זענען געווארן צע־קלעבט פלאַקאטן, דעקאָרירט די שטאט. יורגיס איז ארייגעפאלן אין גרויס יאוש.

ס'איז געקומען א טאָג, ווען ער האט געבעטלט אויף חיונה און נישט באגעגנט איין רחמנותדיקן מענטש, וואס זאל זיך איבער אים דערבארמען. ערשט ביינאכט האט ער באמערקט אַן עלטערע דאמע, וואס איז אויסגעשטיגן פון א טראמוויי באלאָדנט מיט פעקלעך. ער האט זי געהאלפן אויסשטייגן און דערביי זיך אנגעהויבן באקלאגן אויף זיין גורל. די דאמע איז געווען כיטרע, געשטעלט אים עטלעכע פראגן, אבער יור־גיס האט געגעבן א באפרידיקנדן ענטפער. זי האט אים אריינ־געפירט אין א שענק און באצאלט פאר זיינעטוועגן א מיטאג. מ'האט אים דערלאנגט זופ, א שטיקל פלייש, קארטאפל מיט ארבעס, קאווע מיט א קיכל. יורגיס האט אנגעגעסן. נאכדעם האט ער זיך ווידער אנגעהויבן שלעפן איבער די גאסן, אין דער פינצטערניש און אונטערן רעגן.

פלוצלינג האָט ער דערהערט הויכע טענער פון א טראַמ־פייט. ער איז געווארן מונטערער, געלאָפן אין יענער צייט, פונוואַנען ס'האבן זיך געטראגן די טענער. באלד האט ער פארשטאַנען די באדייטונג פון דעם — א פאָליטישע פארזאמלונג ! צו די פאָרשטייענדע וואלן האט מען זיך באצויגן אפאַטיש. די באפעלקערונג האט זיך נישט געלאָזט פארנאַרן, זיי האָבן נישט געוואלט קומען אויף די וואל מיטינגען. אלע ביז איצ־טיקע מיטינגען אין טשיקאַגאָ האבן זיך כמעט ווי נישט איינ־געגעבן. אויף דעם הייטיקן מיטינג האט באדארפט ארויס־טרעטן נישט מער און נישט ווייניקער ווי דער פרעזידענט אליין. די פארטיי פירער האבן געציטערט, אבער צום גליק איז אויסגעפאלן א שלעכט וועטער. ס'איז געווען גענוג ארויסצולאָזן

איין אויפרוף, איין בלאָז מיטן גרויסן טראָמפּייט, און אלע היימלאָזע און יורדים האָבן פול געמאַכט די זאַלן.

צומאָרגנס האָבן די צייטונגען געשריבן וועגן דער גרויסער מאַסע, וועגן דעם ענטוזיאַזם, וועגן דעם, אז דער הויכער צאָל-אָפּצאָל, וואס ס'האט געפאדערט דער רעדנער באפרידיקט לגמרי די פאדערונגען פון די ארבעטער, די פאָדערונגען פון פאָלק! יורגיס איז אריינגעגאנגען אין א גרויסער זאַל, רייך דעקארירט. דער פארזיצער האט זיך נאר וואס אנידערגעזעצט, און ס'האט זיך אויפגעשטעלט דער הויפט רעדנער. דער אָרקעסטער האט אים באגרוסט. דער רעדנער איז געווען דער בארימטער סענאטאר ספּריסינקס. אויף יורגיסן האט ער געמאכט א שטארקן איינדרוק. טרערן האבן זיך אים געשטעלט אין די אויגן. ער האט זיך דערמאנט יענער גאָלדענער צייט, ווען ער האט גענומען אַן אַקטיוון אָנטייל אין דער וואַל אַגיטאציע, ווען זיי האבן זיך נאך גענייטיקט אין אים, ווען מ'האט אים אָנגעטרויט הונדערטער דאלאַר.

אויך ביי די יעצטיקע וואַלן זענען די רעפּובליקאַנער געווען די רייכסטע פּאַרטיי. אָ, ווען ס'וואלט אים נישט אַזוי שלעכט געגאַנגען אין לעבן, וואלט ער דאָך נאָך היינט געווען טעטיק. דער רעדנער האָט קלאָר געמאַכט פאר די פאַרזאמלטע די באדייטונג פון שוץ סיסטעם, אַ הערלעכער סיסטעם, וואס האָט דערלויבט די פאַבריקאַנטן צו העכערן די פאַרדינסטן. ס'געלט האט געפלאָסן פון איין קעשענע אין דער אַנדערער.

דער אָרקעסקער האט פאָרגעזעצט דאס שפּילן. יורגיס האט געציטערט פון פּחד. ער האט געוואָלט פארשטיין די געדאַנקען פון רעדנער, די גרויסקייט פון אַמעריקאַנער האַנדל און די וויכטיקייט פון זיין אַנטוויקלונג, יאָ, ער האט געוואָלט פארשטיין, ווייל ער האט נישט געוואָלט איינשלאָפן. וויבאלד ער וואלט אנטשלאפן געווארן, וואלט ער זיכער געשנאָרכט. אבער דאך האט אים די פייערלעכע שטימונג פאַרמאַטערט. אין זאַל איז געווען הייס, ער איז געזעסן באקוועם. דאס זאַרע געשטאלט פון רעדנער איז געווארן וואס אַמאָל דינער, געטאַנצט אין זער

גרויסער צאָל ציפערן, וואס ער האט אויסגערעכנט, דערנאך האט זיך עפּ צעגאָסן איבערן גאנצן רוים. א שכן האט יורגיסן א קלאַפּ געטון מיט א שטעקן אין א זייט און ער האט זיך אויפ-געכאפּט, געמאכט אן איינדרוק פון אומשולדיקייט, און באַלד ווידער איינגעשלאָפן. די ארומיקע זענען געווארן אומצופרידן. לסוף איז אנגעקומען א פּאָליציאַנט, אנגעכאפּט יורגיסן ביים קאָלנער און געשלעפּט לענג אויס דעם זאַל. די פאַרזאמלטע האבן אנגעהויבן זיך אומקוקן, דער רעדנער האט איבערגעריסן אויף א ווײַלע זיין רעדע, אבער באַלד האט זיך דערהערט אן אויסרוף: — רעדט ווייטער! דער רעדנער איז געווארן ערנסטער און אנ-געהויבן רעדן. אין עטלעכע סעקונדן ארום איז שוין יורגיס גע-לעגן אויף יענער זייט טיר.

ער איז אריין אין א טויער און זיך באַטראכט. ער איז געווען גאנץ און פריי. ער האט אָפּגעעטעמט מיט פארלייכטע-רונג. ער האט געשאָלטן זיך און זיין גורל, אבער באַלד האט ער אנגעהויבן טראכטן פּראַקטיש. ער האט נישט געהאט קיין געלט און נישט קיין נאַכטלעגער, און ווידער געמוזט אָנהייבן בעטלען. ער איז געגאנגען ווייטער, איינגעקורטשעט און ציטער-דיק פון קעלט. ביים צווייטן עק גאַס האט ער באַגעגנט א פיין באַקליידעטע דאַמע. ער האט זיך אויסגעדרייט און צו איר צו-געגאנגען.

— כ'בין אן אָרעמער ארבעטער, כ'האָב נישט קיין געלט אויף א נאַכטלעגער, העלפט מיר מיט עפּעס.

פּלוצלינג האט ער אין דער ליכטיקייט פון דער לאַמטער דערקענט אין איר האָלינע יאַסייטשי די, וואס איז געווען אויף זיין חתונה די שענסטע פון אַלע מיידלעך, וואס האט אזוי וואַ-רעם געטאַנצט מיט יואָזאַס ראַטשיוס. נאכדעם האט יורגיס זי געזען אפשר צוויי אדער דריי מאָל, ווייל יואָזאַס האט זי אוועקגעוואָרפן און זיך פאַרליבט אין אן אנדערע. האָלינע האט פארלאָזט סטאָקיערדס, קיינער האט נישט געוואוסט, וואוהין זי איז אוועק, און יעצט האט יורגיס זי דאָ געטראָפן.

— יורגיס רודקוס! — האט זי אויסגערופן דערשטוינט — וואס טוט זיך מיט דיר?

— כ׳בין אומגליקלעך... כ׳האב נישט קיין היים, נישט קיין געלט. און דו, העלינע, האסט שוין חתונה געהאט?

— ניין, אבער כ׳האב א גוטע שטעלע.

זיי האבן זיך אָנגעקוקט.

— יורגיס, כ׳וואָלט דיר ארויסגעהאלפן, אבער ליידער האב איך געלאזט ס׳בייטעלע מיט געלט אין שטוב. כ׳וועל דיר אבער קאָנען זאגן, וואו וועסט געפונען מאַריען.

יורגיס האט זיך געטון א וואַקל.

— מאַריע? — האט ער אַרויסגעשטאַמלט.

— יאָ, זי וועט דיר העלפן. זי האט א שטעלע, ס׳איז איר גאנץ גוט, זי וועט זיך פרייען דיך צו זעען.

מיט א יאָר צוריק האט יורגיס פארלאזט סטאָקיערדס מיט א געפיל, ווי ער וואָלט באפרייט געווארן פון א תפיסה. ער האט פארלאָזט מאַריען און די מומע עלזע און זיך לגמרי נישט געקימערט וועגן זייער גורל. יעצט ביים בלויזן דערמאָנען זייערע נעמען האט א פריידיקייט אָנגעפולט זיין האַרץ. ער האט זיי געוואלט זעען, ער איז געווען זיכער, אז זיי וועלן אים העלפן. א ווילע האט ער זיך פארטראכט, צי וועלן זיי נישט זיין אויף אים בייז דערפאר, וואס ער איז אַנטלאָפן, ער איז דאך גאר נישט געווען שולדיק, א בענקשאַפט צום קינד האט אים געפייניקט — און ער האט זיך שוין מער נישט אומגעקערט.

— גוט — האט ער געזאגט — כ׳וועל צו זיי גיין.

זי האט אים געגעבן אַן אַדרעס אויף קלאַרק־סטריט און צוגעגעבן:

— כ׳געב דיר נישט מיין אַדרעס. מאַריע ווייסט, וואו כ׳וואוין.

יורגיס איז אוועקגעגאנגען. אין עטלעכע מינוט אַרום איז ער געבליבן שטיין פאר אַן אָנשטענדיק הויז. ער האט אָנגעקלינגען.

אַ יונגע נעגערין האט געעפנט עטוואָס די טיר און געפרעגט:
— וואס פארלאַנגט איר?
— צי דאָ וואוינט מאַריע ווערטשינסקע?
— כ'ווייס נישט, וואס פארלאַנגט איר פון איר?
— איך וויל זי זעען, זי איז מיינס א משפחה.
א ווײַלע האט זי זיך געוואַקלט, לסוף האט זי ברייטער גע־עפנט די טיר און געזאגט:
— קומט.
יורגיס איז אריין אין אַ פּאָדערהייזל, די נעגערין האט אים פארהאַלטן דעם וועג.
— כ'גיי איר זאָגן. ווי הייסט איר?
— זאָג, אַז יורגיס וויל זיך מיט איר זעען.
די נעגערין איז אַוועקגעגאַנגען, און אַ ווײַלע אַרום האָט זי זיך צוריק אומגעקערט און געענטפערט.
— נישטאָ אַזעלכע.
יורגיס איז געבליבן שטיין הילפלאָז און פאַרשטייפט: — אָבער כ'ווייס דאָך אויף זיכער! — האָט ער נאָכאַמאָל איבער־געחזרט.
זי האט געשאָקלט מיטן קאָפּ. יורגיס איז געווען צע־בראָכן, לסוף איז ער צוגעגאַנגען צו דער טיר.
ס'האָט זיך געהערט טריט. די נעגערין איז צוגעגאנגען עפענען, אבער זי האָט זיך תיכף צוריקגעצויגן, ארויפגעשפרונ־גען אויף די טרעפּ און אנגעהויבן שרייען:
— פּאָליציי! פּאָליציי!
יורגיס איז געשטאנען אַ ווײַלע שטיל, נישט באַגרייפט, וואָס דאָ קומט פאָר. אבער די בלאָע אוניפאָרמען, וואס האבן זיך ארײַנגעשטופּט איינער נאָכן אַנדערן האָבן אָנגעוואָרפן אויף אים אַ פּחד און ער האָט אָנגעהויבן לויפן נאָך די נעגערין. אין גאנצן הויז איז אנטשטאנען א שרעקלעכע בהלה. ס'האט דארט געווימלט פון מענער און נקבות. זיי זענען געלאפן ווילד פון אַלע זייטן, אויסגעטון האלב נאקעט. דורך אַן אָפענער טיר האט ער געזען א זאַל מיט ווייך מעבל, אויף טישן זענען

געשטאנענע גלעזעלעך, קאָרטן, אויף דער פּאָדלאָגע צעהאַקטע פּלעשער, דיוואַנען באַדעקט מיט צעבראָכן גלאָז.

צווי מענער האָבן געמינטערט אַ יונגע דאַמע. אומגע-פּער אַ טוץ געסט האָט זיך געשטופּט צום אַרויסגאַנג. פּלוצ-לינג האָט זיך באַוויזן אַ דיקע פרוי מיט אַן איינגעפּודערט פּנים, אין אירע אויערן האָט געשטעקט צוויי בריליאַנטענע אוי-רינג, זי האָט שווער געסאַפּעט. געלאָפן אויף די טרעפּ און געשריגן:

— צו דער זייטיקער טיר, צו דער זייטיקער טיר!

אַלע זענען געלאָפן צו יענער טיר. יורגיס איז געלאָפן אונטער זיי. די דיקע פרוי האָט אַ דריק געטון ביי אַ קנעפּל און ס'האָבן זיך געעפנט געהיימע טירן, וואָס האָבן געפירט אויף אַ פינצטערן גאַניק.

— אַנטלויפט! — האָט זי געשריגן.

די מענער האָבן זיך געשטופּט. זיי זענען געווען אומ-געפער דרייסיק. אָבער איידער זיי האָבן נאָך באַוויזן זיך אַרויסצובאַקומען אויפן פינצטערן גאַניק, האָט זיך פון דער טי-פעניש געטראָגן געשרייען. זיי האָבן זיך געשטופּט צוריק און געשריגן:

— מיר זענען אַרומגערינגלט פון אַלע זייטן, זיי זענען אויך דאָרט. מיר זענען פאַרלוירן!

די דיקע פרוי האָט געשריגן:

— אַנטלויפט אינדערהייך!

אַלע האָבן זיך געשטופּט צו דער טרעפּ אַרויף אינדער-הייך און אַהויפגעקלעטערט אויף אַ לייטער, וואָס האָט געפירט אויף אַ בוידעם.

— אויך דאָרט זענען זיי שוין דאָ!

פּלוצלינג האָט זיך געהערט פון אונטן אַ גראָבער קול:

— אַנטלויפט נישט, סוועט גאָרניט העלפן. דאָס מאָל וויל מען אייך פאַקטיש אויסרוימען.

באַלד איז אָנגעקומען פּאָליציי, זיי האָבן געקוקט אויף זייערע קרבנות און געלאַכט. די מענער זענען געשטאַנען

איבערגעשראָקן, די מיידלעך האָבן עס געהאַלטן פאַר אַ געלעכטערל, ווי זיי וואָלטן געווען צוגעוווינט צו דעם. ס'איז שווער געווען צו דערקענען, צי זיי זענען געווען בלייך פון פּחד, צי פון פּודער, וואָס איז געווען אַזוי פול אויף זייערע פּנימער. אַ שוואַרצע מויד איז געזעסן אויף די טרעפּ אינדערהייך, און מיט אַ שיכל אַראָפּגעשליידערט דאָס היטל ביי אַ פּאָליציאַנט, דער פּאָליציאַנט האָט זי אָנגעכאַפּט ביי אַ פוס און אַראָפּגעצויגן אונטן. אויפן ערשטן שטאָק אין אַ קאָרידאָר זענען עטלעכע מיידלעך געזעסן אויף אַ קופערט, זיי האָבן געלאַכט פון דער פּראָצעסיע, וואָס האָט פאַר זיי דעפילירט. זיי זענען געווען פריילעך, וואַרשיינלעך שכור. איינע האָט געשריגן און הילכיק געלאַכט. יורגיס האָט געווענדט זיין בליק אַהין, באַמערקט זי און איבערגעשראָקן אויסגערופן:

— מאַריע!

זי האָט זיך אומגעקוקט און אַ צעטומלטע צו אים צוגעלאָפן.

— יורגיס!

עטלעכע סעקונדן האָבן זיי זיך אָנגעקוקט שטאַר, נישט געקאָנט זיך באַהערשן אויף איין וואָרט.

— יורגיס, דו דאָ? ווי קומסטו דאָ אַהער?

— כ'האָב געזוכט דיך.

— ווילאַנג זוכסטו מיך שוין?

— כ'בין נאָר וואָס דאָ אַריינגעקומען.

— ווער האָט דיר געזאָגט, אַז וועסט מיך דאָ טרעפן.

— האַלינע יאַסייטשו. כ'האָב זי צופעליק געטראָפן אויף דער גאַס.

זיי זענען ווידער אַנטשוויגן געוואָרן. זיי האָבן געצויגן אויף זיך די אויפמערקזאַמקייט פון די איבעריקע. יורגיס האָט זיך דערנענטערט צו מאַריען און שטיל געפרעגט:

— וואוינסט טאַקע אין דעם הויז?

— יאָ, יורגיס, איך וואוין דאָ.

פון אונטן האָט זיך געטראָגן אַ קול:

— העי, מיידלעך, אָנגעטון און אַראָפּ אונטן. זוימט אייך נישט, ווייל איר וועט עס שפּעטער באַדויערן. אין דרויסן גיסט אַ רעגן.

זיי זענען פאַרשוואונדן אין פאַרשידענע צימערלעך אין דעם לאַנגן קאָרידאָר.

— קום מיט מיר — האָט מאַריע מיטגערופן יורגיסן.

ער איז אַריין אין אַ קליין צימערל, דאָרט איז געשטאַנען אַ בעט, אַ טואַלעטע, אַ שטול. אויף דער פּאָדלאָגע זענען געווען צעוואָרפן פאַרשידענע קליידער. אויף אַ דיוואַן זענען געלעגן פאַרשידענע זאַכן, פּודער, שמינקע, פּערפום, שמוציקע טעלער און אַ פלעשל בראַנפן. מאַריע איז געווען אַרומגענומען אין אַ דורכזיכטיקע קימאָן און געטראָגן זיידענע זאָקן אויף די פיס. זי האָט זיך לחלוטין נישט געשעמט פאַר יורגיסן, נישט פאַרמאַכט צומאָל די טיר. יורגיס האָט שוין פאַרשטאַנען אין וואָס פאַר אַ הויז ער געפינט זיך. זינט ער האָט פאַרלאָזט דאָס בני-בית האָט ער שוין דורכגעוואַנדערט אַ האַלבע וועלט, געהאַט גענוג דערפאַרונג. אָבער דאָך האָט ער זיך געפילט געטראָפן פון מאַריעס האַלטונג. אַמאָל האָט זי זיך געהאַלטן גענוג אָנ-שטענדיק, ער האָט געטראַכט, אפשר וועלן די ערינערונגען פון אַמאָליקן לעבן מאַכן איר אָנשטענדיקער. אָבער באַלד האָט ער געלאַכט פון זיך זעלבסט. ווער איז ער דאָס אַליין, וואָס פאָדערט אָנשטענדיקייט ביי אַנדערע?

— ווילאַנג ביסטו אין דעם הויז?

— זייט אַ יאָר.

— וועלכעס האָט דיך געצוווּנגען זאָלסט דאָ אַריינקומען?

— מיר האָבן באַדאַרפט לעבן, כ'האָב נישט געקאָנט צו-קוקן, ווי די קינדער זענען געשטאָרבן פון הונגער.

יורגיס האָט געקוקט אויף איר שטרענג.

— האָסט נישט געקאָנט געפינען אַרבעט?

— כ'בין געווען קראַנק. ס'איז נישט געווען קיין געלט...

און דערנאָך איז געשטאָרבן סטאַניסלאָוואַס...

— סטאַניסלאָוואַס איז געשטאָרבן?

— אודאי — האט מאַריע געענטפערט גלייכגילטיק און זיך ווייטער פארשנורעוועט א שיך — דו ווייסט דאס נאך נישט? די שטשורעס האבן אים אויפגעגעסן.

— שטשורעס?

— יאָ, יאָ. ער האט דעמאלט געארבעט אין א ברויהויז. זיין ארבעט איז באשטאנען אין צעצעטראָגן סיביר אין די שענקן. ער האט זיך זוגעוויינט צו טרינקען פון יעדער קאַן. איינ-מאָל האט ער צופיל אויסגעטרונקען, ער איז אנטשלאָפן געוואָרן אין א ווינקל, קיינער האט אים נישט באַמערקט שלאָפן און זיי האבן אים פארמאַכט אין דער פאבריק. איינדערפרי האט מען אים שוין געטראפן טויט. די שטשורעס האבן אים כמעט אינגאנצן אויפגעגעסן.

יורגיס איז געשטאנען פארשטייפט פון פחד און עקל. מאַריע האט נאך געהאלטן אין פארשנורוועצן די שיך. ס׳איז אריינגעקומען א דיקער פאָליציאַנט.

— גיכער, גיכעה!

— באלד, באלד — האט מאַריע געענטפערט און אָנגעהויבן ארויפציען אויף זיך דעם גאָרסעט.

יורגיס האט געפרעגט:

— און די איבעריקע לעבן אַלע?

— יאָ.

— וואו וואוינען זיי?

— נישט ווייט פונדאַנען. זיי לעבן זיך נישט שלעכט.

— ארבעטן?

— עלזע ארב[illegible] די קאָן. איך ה[illegible] זיי, כ׳פאר-דין א סך געלט.

א ווילע האט ער געשוויגן און דערנאך האט ער געפרעגט:

— צי ווייסן זיי, וואו דו ביסט?

— עלזע ווייסט, כ׳האב נישט געקאָנט פאר איר לייקענען. אפשר האבן שוין די קינדער אויך עפעס דערשפירט. ס׳איז זיך לגמרי נישטאָ וואס צו שעטן, קיינער וועט שוין צו דעם נישט העלפן.

— און טאָמאַשיוס ווייפט?

— ווייס איך! כ׳האב אים שוין נישט געזעען א יאָר צייט, ער האט באקומען א בלוט פארגיפטיקונג, ער האט פאר־לוירן א פינגער, געווען געצוואונגען אוועקצולייגן ס׳פידעלע. פון דעמאָלט אָן האב איך אים שוין נישט געזעען.

זי איז געשטאנען פאַרן שפיגל און פארשפילעט איר קלייד. יורגיס איז געזעסן אָן א זייט, און געקוקט אויף איר מיט א אומעטיקן בליק. זי איז געווען קאַלט בלוטיק, אָן א האַרץ. זי האט אויף אים אָנגעווארפן אַן אימה.

— און דו יורגיס, זעסט אויך אויס ווי נאך שלעכטע צייטן.

— האסט אנטדעקט א נייס, כ׳האב נישט קיין פרוטה ביי דער נשמה. כ׳בין ארבעטלאָז...

— וואו ביסטו געווען די גאנצע צייט?

— וואו כ׳בין געווען, פרעג זיך וואו כ׳בין נישט געווען! אבער אלץ אומזיסט. בעת דעם שטרייק האב איך צוריק געאר־בעט אין די שעכטהייזער.

א טויטע שטילקייט.

— כ׳האב זיך נאכגעפרעגט אויף דיר, מ׳האט מיר גע־זאגט, אז האסט דיך שוין ארויסגעצויגן. ביסט אפשר אויף מיר בייז, וואס כ׳האב אייך פארלאָזט?

— חס־ושלום! מיר האבן עס לגמרי נישט געהאלטן פאר שלעכט. האסט נישט געהאט קיין אנדערע ברירה. מיר האבן שלעכט געלעבט.

זי איז אויף א ווײַלע אנטשוויגן געווארן, און באלד ווידער אנגעהויבן רעדן:

— מיר זענען געווען צו פינצטער, אָט דאס איז געווען די הויפט סיבה פון אלץ. הלואי וואלט איך דעמאָלט געווען געוואוסט דאס, וואס כ׳ווייס היינט. מיר וואלטן זיכער דער־גרייכט אונזערע צילן.

— וואלסט זיך באלד געווען דאָ אריינגעצויגן?

— זיכער. אין דער רגע טראַכט איך נישט וועגן מיר. כ׳טראַכט וועגן דיר. מיר וואָלטן הײַנט געהאַט אָנען.

יורגיס האָט אַראָפּגעלאָזט דעם קאָפּ. יאָ, וועגן דעם האָט ער נאָך קיינמאָל נישט געטראַכט. מאַריע האָט גערעדט ווײַטער:

— אַז מ׳הונגערט פאַרקויפט מען אַלץ, וואָס האָט נאָר עפּעס אַ ווערט. יאָ, פאַרשטייסט שוין יעצט? אָבער ס׳איז שוין צו שפּעט. אָנע האָט באַלד געקאָנט פאַרדינען פאַר אונז אַלע.

זי האָט גערעדט דאָס אַלץ מיט אַ רויִקע שטימע, אין אַ סוחרשן טאָן.

יורגיס האָט געשטאַמלט:

— איך אַליין טראַכט שוין אויך עפּעס וועגן דעם..

ער האָט לגמרי נישט איבערגעחזרט, אַז יעצט נישט לאַנג האָט ער דערפאַר אויסגעשלאָגן קאָנאָרן און פאַרלוירן זײַן שטע־לע מיט דרײַ הונדערט דאָלאַר. דער פּאָליציאַנט איז נאָכאַמאָל אַרײַנגעקומען און אויסגערופן:

— נו, קומט שוין, צו אַלדע רוחות.

— שוין, שוין — האָט מאַריע געענטפערט.

זי האָט אַרויפגעצויגן אויף איר קאָפּ אַ הוט מיט פעדערן און זיי זענען אַרויס פון צימערל. דער פּאָליציאַנט האָט נאָכ־אַמאָל אַ קוק געטון אונטערן בעט, צי ס׳האָט זיך נישט עמעצער באַהאַלטן. אַז זיי זענען שוין אַראָפּגעגאַנגען פון די טרעפּ, האָט יורגיס געפרעגט:

— וואָס וועלן זיי מיט אונז טון?

— זיי האָבן דאָך געמאַכט אויף אונז אַן אומגערעכטע אַבלאַווע. אָפט מאָל געשעעט אַזוי. כ׳ווייס נישט מיט וואָס ס׳וועט זיך דאָס מאָל פאַרענדיקן. ביז טאָג וועלן מיר נאָך זײַן אויף דער פרײַ. דו האָסט זיך נישט וואָס צו שרעקן. די מע־נער ווערן באַלד באַפרײַט.

— כ׳האָב מורא, אַז דאָסמאָל וועלן זיי מיך פאַרהאַלטן.

— פאַרוואָס?

— זיי זוכן מיך.

די ווערטער האָט ער געזאָגט שטיל, אויף ליטוויש.

— זיי וועלן מיך איינזעצן אויף איין אדער צוויי יאָר.

— צום טייוול! אפשר וועל איך קאָנען פאר דיר עפּעס טון?

זי איז צוגעגאנגען צו יענער דיקע פרוי מיט בריליאַנטענע אוירינג אין די אוירן און איינגערוימט עפּעס אין אויער. יענע איז תּיכּף צוגעגאנגען צום פּאָליציי־סערזשאַנט.

— ביל — האט זי געזאגט אָנווייזנדיק אויף יורגיסן — דער דאזיקער פּאַרשוין איז געקומען זיך זעען מיט זיינס אַ שוועסטער. מ׳דארף אים באפרייען.

דער סערזשאַנט האט געקוקט אויף יורגיסן און זיך צעלאַכט.

— כ׳באַדויער זייער, אָבער אַ באַפעל צו אַרעסטירן אַלע סיידן די דינערשאַפט.

יורגיס האט זיך אויסגעמישט צווישן אַלע. ס׳האט זיך אים געדוכטן, ווי ער וואלט זיך געפונען צווישן א סטאַדע שעפּסן ארומגערינגלט פון וועלף. ס׳זענען געווען צווישן זיי אַלטע און יונגע, שילער, פּליכיוואַטע קעפּ מיט גראָע האָר אין די ווינקלען, זיי האבן געקאָנט זיין זיידעס פון זייערע צופעליקע חברים.

ס׳זענען אנגעקומען דריי תּפיסה־קאַרעטעס. אויף דער גאס האט זיך פאַרזאמלט אַן עולם מענטשן, זיי האבן געלאַכט און אָפּגעחוזקט. די מיידן זענען געגאנגען חוצפּהדיק, די מענער פארשעמט מיט אראָפּגעלאָזטע קעפּ, די קאַפּעלושן אריבערגערוקט איבער די אויגן. מ׳האט זיי ארייַנגעשטופּט אין צוויי קאַרעטעס. אין דער פּאָליציי האט יורגיס אויפגע־געבן א פרעמדן נאָמען. צוזאַמען מיט נאך זעקס פּאַרשוי־נען האט מען אים ארייַנגעשטופּט אין א קאַמער... זיי האבן שטיל זיך געשעפּטשעט אין די אוירן. יורגיס האט זיך אוועק־געזעצט אין א ווינקל און געטראכט.

ער האט געזעען דעם גרויסן תּהום פון לעבן, געווארן וואסאַמאָל מער פארנונפטיקער. די וועלט איז אויסגעקומען אין זיינע אויגן געמיין, נידערטרעכטיק, דאך האט ער געשעצט זיין בני־בית, וואס ער האט נאך אזוי שטארק געליבט. אבער פּלוצלינג

האט ער זיך דערמאנט אָן מאַריען — זי איז א גאַסן־פרוי. עלזע מיט די קינדער לעבן פון איר געמיינעם פאַרדינסט. כאָטש ער אליין האט שוין אָפּגעטון ערגערע פארברעכנס, נישט געהאט קיין רעכט צו פאָדערן ביי זיי ערלעכקייט, דאך איז ער געווען דערשיטערט, נישט געקאָנט צונויפנעמען די געדאַנקען, וואס האבן אים אומאויפהערלעך געפּייניקט.

די פארגאנגנהייט האט צוריק פאַר אים אויפגעטויכט די אַלטע טרוימען, דער חלום וועגן עשירות און זעלבסטשטענ־דיקייט. ער האט געזעען לעבן זיך אָנע, געהערט איר צאַרט קול. לעבן איר איז געשטאַנען דער אלטער פאָטער און זיי געבענשט. אָנעס בושה — אָ, גאט, וויפל ער האט געליטן. און יעצט? וואס פאַרא רייד ער האט געהערט פון מאַר־יעס מויל. ער האט באדארפט פארקויפן זיין ווייב, ער איז גאָר געווען נאַריש, אומדערפאַרן. אָנע וואלט פאר דינט פאר אלע...

דער טויט פון סטאַניסלאָוואסין. אַזאַ קורצע גע־שיכטע דערציילט מיט אַזאַ זעלטענער רויקייט. אָרעם יונגל מיט דיינע אָפּגעפרוירענע פינגער און אוירן, וואס האסט זיך תמיד געשראָקן פאר דער קעלט און פאר דער שול... יורגיס האט געהערט זיין ווייטיקלעך קול, געזעען אים אין דער פינצטערניש, ער איז געלעגן אין א ווינקל, די אויגן ווילד, און געראַנגלט זיך מיט די שטשורעס...

זיין נשמה איז שוין געווען קאַלט צו די ערי־נערונגען, דאס לייב פארהאַרטעוועט. פלוצלינג האט אלץ פאר אים צוריק אויפגעלעבט, כדי אים צו פייניקן. צוואָס? די שאָטנס פון דער פארגאנגנהייט האבן אים באַרפאָלגט, אויסגעשטרעקט צו אים זייערע נישט זעע־בארע אָרעמס, ער האט געקוקט אויף זיי גלייכגיל־

טיק, געזעען דעם פינצטערן תהום, וואס האט זיי־
אָפּגעטיילט פון אים. יאָ, זיי וועלן אוועק אין דער
אומענדלעכקייט, אין דער פאַרגעסנקייט, נאר ער וועט
בלייבן, נאר ער אליין, אין זיין נשמה וועט פאַר־
לאָשן ווערן דאס לעצטע פייערל פון מענלעכער
ערע...

אַכט און צוואָנציקסטער קאַפּיטל

נאָכן פרישטיק האט מען יורגיסן אַריינגעפירט אין געריכטס-זאַל. ס'זענען שוין דאָרט געווען פול מענטשן, אַרעסטאַנטן, סתם נייגיריקע און אויך אַזעלכע, וואס האבן געזוכט אַ געלעגנהייט צו אַ שווינדל. צוערשט האט מען אויסגערופן די מענער, יעדער פון זיי האט באַקומען אַ שטרענגן פאָרוואורף און מ'האט זיי איינציקווייז באַפרייט. יורגיסן האט מען פאַרהאַלטן, ער האט זיך אַרויסגעוויזן פאַר פאַרדעכטיק. ער איז געשטאנען אין זעלבן געריכטס-זאַל, פאַרן זעלבן ריכטער און געריכטס-סעקרעטאַר. ער איז געווען זיכער, אַז זיי וועלן זיך עפעס דערמאָנען, אָבער דער ריכטער האט לגמרי וועגן דעם נישט געטראַכט. ער איז געווען פאַרנומען מיט איבערנעמען אַ טעלעפאָנישער ידיעה פון פאָליציי-שעף פון דעם באַצירק וועגן פאָלי סימפסאָן, די „מומע" פון בלאַטן הייזל. יאָ, יורגיס איז זיך געקומען זעען מיט זיין שוועסטער? און דער ריכטער האט אים געהייסן וואַרטן, געעצהט אים, אַז ער זאָל זיין שוועסטער איינאָרדענען ערגעץ אַנדערש. נאכדעם האט מען אים באַפרייט.

ער האט געוואַרט אויף מאַריען פאַרן געריכט-בנין. די מיידלעך זענען פאַרבליבן אינעווייניק, זיי האָבן באַדאַרפט באַצאָלן צו פינף דאָלאַר יעדע. די „מומע" פאָלי האט איינגעצאָלט פאַר אַלע און זיי זענען תיכף געוואָרן באַפרייט.

צוזאַמען מיט מאַריען איז ער אוועק אין איר וואוינונג-

דאס הייזל האט שוין געווימלט פון פרישע געסט, ביינאכט איז שוין אלץ געווען ווי תמיד. יורגיס האט זיך אַוועקגעזעצט לעבן מאַריען. אין דער ליכטיקייט, וואס האט אריינגעדריגגן דורכן פענצטער, האט ער באמערקט, אז איר פנים האט שוין פאר-לוירן די אַמאָליקע פרישקייט, ס׳איז געווען געל ווי וואַקס, די אויגן ארומגענומען מיט בלאָע רייפן.

— ביסט קראנק, מאַריע? — האט יורגיס געפרעגט.

— קראנק? ניין. פלוצלינג האט זי אָנגעהויבן שעלטן.

— צו אלדע רוחות, מ׳קאן דען זיין געזונט ביי אזא גע-מיין לעבן!

אַ ווײלע האט זי געשוויגן. אויף איר פנים האט זיך צע-גאסן אַ טרויריקער שמייכל.

— דאס נעמט זיך פון מאָרפיום, וואס אמאל באנוץ איך מער.

— פארוואס?

— דער מאָרפיום בארויקט מיך. כ׳ווייס נישט, נאר עס דוכט זיך מיר אזוי. וויבאַלד דאס העלפט שוין נישט, טרונקט מען. די וואס טרונקען נישט, האלטן נישט אויס. צו די פריש אָנגעקומענע מיידלעך באנוצט מען פארשידענע פארטויבונגס מיטלען, זיי געוויינען זיך גיך צו צו דעם, נאכדעם פאָדערן זיי עס שוין אַליין. כ׳האב שוין אליין אויך געפרווט זיך אָפ-צוגעוויינען, אבער אוממעגלעך, לפחות אזוי לאנג, ווילאַנג כ׳וועל דא פארברענגען.

— טראכסטו לאנג נאך דא צו פארברענגען?

— כ׳ווייס נישט, מעגלעך, אז שוין שטענדיק. וואס קאן איך דען יעצט אָנהייבן טון?

— קאָנסט גארנישט אָפּשפּאָרן?

— אָפּשפּארן? ווי אזוי? איך פארדין טאקע אַ סך, אבער ס׳געלט גייט ווי וואסער. כ׳באַקום אַ העלפט, צוויי און אַ האלבן דאָלאר פון אַ גאסט, און ס׳דוכט זיך, אז מ׳קאָן אָפּ-שפּאָרן. איך צאָל פאר אלעם אומדערהערטע פרייזן. טויזנטער קליינקייטן, געטראנקען, קאָסמעטיק, ווער קאָן דען דיר דאס

אַלץ אויסרעכענען. בלויז וואַשן וועש קאָסט מיך צוואַנציק דאָלאַר וועכנטלעך. פאַרשטייסט שוין אַלץ? נו, וואס קאָן מען טון. יעדער וואָך שיק איך עלזען פופצן דאָלאר, די קינדער זאָלן קאָנען באַזוכן אַ שול...

זי האט איבערגעריסן, אַ ווײַלע זיך פאַרטראכט איבער איר גורל. באַלד האט זי געצויגן ווייטער:

— יאָ, אַזוי בינדן זיי אונז דאָ. צו ערשט דערפירן זיי צו גרויסע חובות און דערנאָך מוז מען זיצן ווי אין אַ תפיסה. די מיידלעך, וואס קומען פון יענער זייט אָקעאַן, קאָנען נישט קיין איין וואָרט ענגליש, די זענען פאַרלוירן אויף זייער גאַנץ לעבן. אַז די ווילאַנט לויפן באַוויזט איר די „מומע" א צעטל חובות, וואס האבן שוין דערגרייכט עטלעכע הונדערט דאָלאַר, מען נעמט צו ביי איר די מלבושים, מ׳דראָט איר מיט פאָליציי. זי מוז שוין דאָ בלייבן. און וואס לענגער זי זיצט, גרעסער וואַקסן די חובות. אָפטמאָל ווייסן צומאָל נישט די מיידלעך, וואוהין מ׳האט זיי אריינגעברענגט. זיי האָבן געמיינט, אַז זיי האָבן באַקומען אַן ערלעכע אַרבעט. האָסט געזעען יענע קליינע פראַנצויזן, וואס איז געשטאַנען לעבן מיר?

יורגיס האָט צוגעשאָקלט מיטן קאָפּ.

— מיט א יאָר צוריק איז זי געקומען קיין אַמעריקע. צוזאַמען מיט נאָך זעקס מיידלעך איז זי געוואָרן צוגענומען אין א פאַבריק. מ׳האָט זיי אריינגעפירט אין אַ הויז, עטוואָס ווייטער פונדאַנען. פאַרמאַכט זיי אין באַזונדערע חדרים, געגעבן זיי פאַרשידענע פאַרטויבונגס געטראַנקען. אַז זיי האבן זיך אויפגעכאַפּט זענען זיי שוין געווען פאַרגוואַלדיקט. זיי האָבן זיך געריסן די האָר פון די קעפּ, געוואָלט אַנטלויפן, אבער זיי האָבן נישט געהאַט דאָס אָנטועכטס. יעצט זונקן זיי שוין אין אָפּגרונט פון שכרות און אויסגעלאַסנקייט. איינע האט זיך ארויסבאַקומען פונדאַנען — זי איז ארויסגעשפּרונגען פון פענצטער פון צווייטן שטאָק. האָסט אודאי געהערט וועגן דעם?

— יאָ, כ׳האָב געהערט — האט יורגיס געענטפערט.

דואָן האט זיך שוין געהאַט דאָרט אמאָל מיט יורגיסן

אויסבאַהאַלטן. ס׳איז געווען דאָן אַ גליק פאַר דער פּאָליציי, וואָס די זעלבסטמערדערין איז אראָפּ פון זינען. מאַריע האָט דערציילט ווייטער.

— די הענדלער, וואָס פאַרקויפן אונדז פאַרדינען אַ סך געלט. זיי נעמען פאַר אַ מיידל אומגעפער פערציק דאָלאַר, ברענגען זיי פון אַלע עקן וועלט. מיר זענען דאָ זיבעצן, ניין פון פאַרשידענע לענדער. ערגעץ אַנדערש איז נאָך אַן ערגערער מישמאַש, ווי ביי אונדז, די ערגסטע זענען די פּראָווינציאַלס, אַן אויסנאַם זענען די יאַפּאַנערינס. אין שכנותדיקן הייזל זענען זיי פול, כ׳וואָלט נישט געוואָלט זיין מיט זיי צוזאַמען.

זי האָט אַ ווײַלע געשוויגן און באַלד גערעדט ווייטער:

— תּחילת האָב איך געמיינט, אַז אַלע געבן זיי זיך איבער מיט קלאָרן פאַרשטאַנד. אָבער צי קאָן אַ פרוי זיך אָפּגעבן ווען ס׳איז, אַ יונגן צי אַן אַלטן, אַ שוואַרצן צי אַ ווייסן?

— מ׳זאָגט אַזוי.

— ניין, זיי זונקען אין זומפּ און קאָנען זיך שוין נישט אַרויסבאַקומען. אָט דאָס איז אַלץ. תּחילת פילן זיי אַן עקל צו דעם אַלעם. די אָרעמקייט איז גורם דאָס אַלץ. ס׳איז דאָ אַ יידיש מיידל, זי האָט אַ סך פאַרדינט, אַז זי איז געוואָרן קראַנק האָט מען זי אַרויסגעוואָרפן. פיר טעג האָט זי זיך געשלעפּט איבער די גאַסן און לגמרי נישט געגעסן. זי איז אוועק אין יענעם הייזל ביים רוג... דאָרט האָט מען ביי איר צוגענומען די קליידער און נאָכדעם האָט זי ערשט באַקומען עסן...

זי האָט אַראָפּגעלאָזט דעם קאָפּ.

— יורגיס דערצייל מיר עפּעס פון דיין לעבן!

יורגיס האָט אָנגעהויבן פאַר איר דערציילן אַלץ, פון דער מינוט, ווען ער האָט זיי פאַרלאָזט. ער האָט דערציילט פון זיין נע-ונד לעבן, די אַרבעט אין טונעל, דאָס אומגליק, וואָס האָט מיט אים פּאַסירט, דערציילט פון דזשעק דואַן, וועגן זיין פּאָליטישער טעטיקייט, פון די שפּעטערדיקע מלאכות, און די פאַלשע שריט אין לעבן. מאַריע האָט אים אויסגעהערט מיט גרויס אויפמערקזאַמקייט. אַלץ, וואָס ער האָט געזאָגט איז

געווען אמת, מ׳האט עס געקאַנט אראָפּלייענען פון זיין פּנים.

— האסט מיך אויפגעזוכט אין אַ גוטער מינוט. כ׳וועל דיר זיין בייהילפיק, ביז וועסט ווידער געפונען ארבעט.

— כ׳וואָלט נישט געוואָלט פון דיר נעמען!

— פאַרוואָס? אפשר דערפאר ווייל כ׳בין אין דעם הויז?

— ניין, כ׳האב דאָך אייך פאַרלאָזט.

— טראַכט נישט וועגן דעם. ביסט אַ וודאי הונגעריק? וואַרט, כ׳וועל שיקן נאך פרישטיק.

זי האט אַ דריק געטון ביי אַ עלעקטריש קנעפּל, אין דער טיר האט זיך באַוויזן אַ נעגער, זי האט אַרויסגעגעבן באַפעלן.

— ס׳איז אַ גאנץ אָנגענעמע זאך צו האבן אַ דינערשאַפט— האט זי געזאָגט צופרידן.

אין פּאָליציי-ארעסט האט ער באַקומען אַ קליינעם פרישטיק, ער האט דאָ געגעסן מיט אַ גוטן אפּעטיט. זיי האבן געשמועסט וועגן די אַמאָליקע צייטן, געזונקן אין אַ ים פון ערינערונגען. קוים וואס זיי האָבן באַוויזן אויפצועסן און ס׳האט זיך דער-הערט אַ קול:

— מאַריע די ליטווינערין.

מאַריע האט זיך געווענדט צו יורגיסן:

— איך מוז שוין גיין.

זי האט אים אויפגעגעבן דעם אַדרעס צו דער מומע עלזע. זי האט געוואוינט אין געטאָ.

— גיי צו זיי, זיי וועלן זיך פרייען.

יורגיס האט זיך אַ ווײַלע געוואַקלט, לסוף האט ער גע-זאָגט:

— אפשר קאָנסטו מיר געבן עפּעס געלט, כ׳זאל קאָנען געפינען עפּעס אַן ארבעט?

— געלט? ס׳איז דיר נישט נייטיק. געניג, אז האסט עסן און וואו צו שלאָפן.

— כ׳בין דאָרט נישט געווען. כ׳האב זיי פאַרלאָזט, יעצט בין איך אָן ארבעט — דו געפינסט זיך דאָ...

— פּלאַפּל נישט! כ׳וועל דיר נישט געבן קיין געלט. וועסט

עס פאַרטרונקן. נעם די פינף און צוואָנציק סענט און טראָג זיך. גיי צו זיי, זיי וועלן זיך מיט דיר פרייען. פארבלייב געזונט.

יורגיס איז געגאַנגען אויף דער גאַס פאַרזונקען אין מחשבות. ער האט באשלאָסן צו ערשט אויסצוזוכן אַ שטעלע. אַ גאַנצן טאָג איז ער געגאַנגען ביי די פאבריקן, געבעטלט ארבעט, אָבער אָן ערפאָלג. ער איז אַריין אין אַ שענק, אויסגעגעבן די פינף און צוואָנציק סענט אויף עסן און טרונקן. ער איז ארויס פון דאַרט באַהערשט פון אַנדערע מחשבות. די נאכט איז געווען אַ הערלעכע, ער האט געקאָנט דרייסט שלאָפן אונטערן פרייען הימל און צומאָרגנס ווידער אָנהייבן דעם געיעג נאָך ארבעט.

ער איז געגאַנגען ווייטער, אויסגעמיטן די גאַס, וואו ער האט נעכטן שפּאַצירט. אָט איז ער געשטאַנען פאר דעם זאַל, וואו ס'איז פאָרגעקומען די פארזאמלונג. אַ פלאַקאַט האט געמאָלדן וועגן אַ צווייטער פארזאמלונג. מענטשן האָבן שוין אריינגעשטראָמט אין זאַל. גיך האט ער זיך אנטשלאָסן. ס'איז געווען פאר אים אַ זעלטן געלעגנהייט, קיינער איז נישט געשטאַנען ביי דער טיר, מ'האט אריינגעלאָזט אַלע.

יורגיס איז אויך אריינגעגאַנגען. דאָסמאָל איז דער זאַל נישט געווען דעקאָרירט, די מענטשן האָבן דאָרט ממש אריינגעשטראָמט. ער האט זיך אוועקגעזעצט אין אַ ווינקל און פארטראַכט. צי וועט עלזע אים אויפנעמען ווי אַ בחנמדיקן פרעסער? צי וועט זי אים גלייבן, אז ער וועט זוכן פאר זיך אַן ארבעט? אָ, הלוואי וואָלט ער פריער געפונען די מינדעסטע ארבעט, איידער ער גייט נאָך דאָרט אַהין!

פלוצלינג האט ער אויפגעציטערט. די פארזאַמלטע האבן ענטוזיאַסטיש באַגריסט דעם רעדנער. די מענער און פרויען האבן זיך געריסן פון די ערטער, געפאָכעט מיט די טיכלעך, געפּאַטשט בראַוואָ. יורגיסן איז דאס אַלץ אויסגעקומען נאַריש. וואס ערווארטן זיי פון די נייע וואַלן, פון אַ נייער רעגירונג? ער קען שוין די דאַזיקע קאָמעדיע אויף אויסנווייניק.

ווידער האט ער זיך פאַרטיפט אין זיינע אייגענע מחש־בות. פון אלע זייטן איז ער געווען ארומגערינגלט פון מענטשן, ס׳איז פאר אים געווען אוממעגלעך זיך צו דערשלאָגן צו דער טיר. ער האט באדארפט גיין צו דער מומע עלזע. און ער האט געטראַכט: אפשר וואָלט גלייכער געווען צומאָרגנס? די קינ־דער וועלן זיין אין שול, ער וועט קאָנען מיט איר פריער רעדן. טאָמער וועט זיך אים איינגעבן בעסער צוצוגרייטן, און אפשר וועט מאַריע אויף איר ווירקן, זי שיקט דאך איר יעדער וואָך געלט. אזוי האט ער געטראַכט צוויי שעה. ער האט נאכ־אַמאָל דורכגעלעבט די געשעענישן פון נעכטיקן טאָג. ארום אים האבן מענטשן געפּאַטשט בראַוואָ, דער ענטוזיאַזם איז גע־וואַקסן, אבער ער האט דאס אלץ נישט געהערט. עטלעכע מאָל האט ער געכאַפּט א דרימל, אבער מיט אלע כחות האט ער פארטריבן דעם שלאָף פון די קלעבעדיקע ברעמען. דער טאָג איז געווען רייך אין געשעענישן און ער האט אים פאַרמאַטערט. ער האט אראָפּגעלאָזט דעם קאָפּ אויף דער ברוסט און איינגע־שלאָפן. מ׳האט אים געשטויסן, געזידלט, באלד האט זיך באוויזן א פּאָליציאַנט, ער האט אויסגעשטאַרצט די אויגן, געמאכט אַן איינדרוק, ווי ער וואָלט אויסגעהערט מיט אינטערעס.

פּלוצלינג האט ער דערהערט לעבן זיך א צאַרטע פרויען שטים, זי האט אים געשעפּטשעט אין אויער:

— חבר, הערט נאָר דעם אָנהייב, דערנאָך וועט איר שוין כסדר הערן!

יורגיס איז געוואָרן צעטומלט. דאס פאַרכשופטע וואָרט „חבר” האט געווירקט אויף אים ווי באַלזאַם. ווער האט אים אָנגערופן „חבר”? ער האט זיך אויסגעדרייט, א יונגע דאַמע איז געזעסן קעגנאיבער, און אָט די דאַמע האט אים אָנגערופן „חבר”. זי איז געזעסן און אויפמערקזאַם זיך צוגעהערט צום רעדנערס ווערטער. יורגיס האט דערפילט א מאָדנע אומרויקייט. איר פּנים איז געווען צוזאַמענגעצויגן, די אָדערן ארויסגעשפּרונ־גען. איר ברוסט האט זיך אויפגעהויבן און אראָפּגעפאַלן. פון צייט צו צייט האט זי באַנעצט אירע פאַרטרוקנטע ליפּן. פון

וואס ווערט זי אזוי באגייסטערט? און ווער איז דאס דער מאן, וואס רעדט דארט אראפ פון דער טריבונע? וועגן וואס אייגנט-לעך רעדט איר?

יורגיס האט ערשט דאן א בליק געטון אויף דער טריבונע. ער האט געזעען פאר זיך נישט מער ווי א באוועגנדיק שטיק, ס'איז געשטאנען פנים אל פנים דער מאסע, וואס האט גע-פאטשט אומאויפהערלעך. א מאדנע געפיל האט אים באהערשט, ער איז געווארן צעטומלט, אומפארשטענדלעך, זינלאז. דער רעדנער איז געוועזן הויך געוויקסיק און דאר ווי יורגיס. א שווארצע באָרד האט באדעקט זיין פנים, די אויגן האבן ארויסגעקוקט פון צוויי פינצטערע לעכער. ער האט גערעדט גיך, זשעסטיקולירט, געלאפן אויף דער טריבונע הין און צוריק, אויסגעשטרעקט זיינע לאנגע הענט, ווי ער וואלט אלע צוהערער געוואלט צוציען צו זיך, זיין שטימע איז געוועזן צארט, קלינגנדיק. ער האט אויסגעצויגן זיין לאנגן, דארן פינגער צו יורגיסן און גערעדט:

— איר הערט מיך אויס און איר זאגט: יא ס'איז אמת אבער נישט אייביק וועט עס דויערן. אדער איר זאגט אנ-דערש: גוט, מעגלעך, אז דאס אלץ וועט זיך ענדערן, אבער דעמאלט, ווען מיר אלע וועלן שוין פוילן אונטער דער ערד. אונז וועט שוין קיינער נישט העלפן. צומארגנס קערט איר אייך ווידער צוריק צו אייערע טאג-טעגלעכע ליידן, צו די צרות. דער אלוועלטלעכער קאפיטאליזם וועט אייך איינ-שפאנען אין דעם שווערן יאך, אונטערדריקן, און איר וועט מוזן ארבעטן פאר זיין אנטוויקלונג. איר וועט לעבן אין שמוץ, ארעמקייט, ראנגלען זיך מיטן געשפענסט פון הונגער, תמיד לעבן אונטער א געפאר פון א פלוצלינגן טויט. דער קאמף וועט מיט יעדן טאג ווערן שווערער, די אייזערנע האנט, וואס שטיקט אייער האלדז, וואס אמאל אומרחמנותדיקער. אזוי וועלן פאר-ביי טעג, חדשים און יארן איר וועט זיך ווידער אלע פאר-זאמלען און איך וועל נאכאמאל קומען אייך פרעגן, צי איר

האָט שוין געעפֿנט אייערע אויגן? וואוהין איך ווענד זיך, אומעטום הערשט דערזעלבער פֿאַרשאָלטענער סיסטעם. דאָס שענסטע פֿון דער מענטשלעכער נשמה, דאָס געזאַנג פֿון די דיכטער און טרוימער, אַלץ גייט פֿאַרלוירן אין דעם גרויסן ים פֿון גיריקייט און אונטערדריקונג. און איך האָב געוואָרפֿן אַלץ, מיין גליק, מיינע פֿאַרלאַנגען, כ׳גיי און שריי, כ׳רוף אייך, פֿרעג אייך: וואָס טוט זיך מיט אייך! איך וועל זיך פֿאַר קיינעם נישט אָפּשרעקן, נישט האָבן קיין פּחד פֿאַר תּפֿיסה, פֿאַר די אַלע פֿאַרשידענע פֿאַרפֿאָלגונגען. אויב כ׳וועל נישט קאָנען אייך היינט איבערצייגן, וועל איך קומען מאָרגן נאָכאַמאָל, ווידער וועל איך צו אייך רעדן, ווייל דאָס איז מיין חוב, דאָס איז מיין גלויבן, מיין שליחות. זאָל אַ סוף נעמען צו אייערע אַבערגלויבנס. דער פֿוילנצער וועט זיך נעמען צו זיין אַרבעט, דער עגאָיסט וועט זיך אויסלעבן פֿון זיין עגאָיזם, דער אמת וועט מנצח זיין דעם ליגנט. איך רעד אין נאָמען פֿון די מיליאָנען ליידנדע, אין נאָמען פֿון די באַעוולהטע, אונטערגעדריקטע, פֿאַרפֿאָלגטע, פֿאַר וועלכע די וועלט איז נישט מער ווי אַ תּפֿיסה און ס׳לעבן פּיין. איך רעד אין נאָמען פֿון די קליינע קינדער, וואָס שטאַרבן מחנותווייז ביי די באַוואָל פּלאַנטאַציעס אויף צפֿון, קינדער איינגעדאַרטע, הונגעריקע, פֿאַר וועלכע אַ טרייסט איז נאָר דער קבר. איך רעד אין נאָמען פֿון די מאַמעס, וואָס זיצן ביינאַכט אין די בוידעם-שטיבלעך, ביי נאַפֿט-לעמפּלעך און נייען, כּדי זיך צו דערנערן, אין נאָמען פֿון די פּאָטערס, וואָס קוקן אויפֿן אָפּשטאַרבנדן דור, אין נאָמען פֿון די בעטלער, וואָס זענען איינגעהילט אין שמאַטעס, האָבן שוין פֿאַרשפּילט אַלץ און זיי ליידן נאָך. איך רעד אין נאָמען פֿון די אָרעמע מיידלעך, וואָס האָבן פֿאַר זיך דעם אויסוועג פֿון טויט אָדער אין שאַנד-הייזל, אין נאָמען פֿון דער פֿינצטערער מאַסע, וואָס ווערט אונטערדריקט, ערנידעריקט—אָט פֿאַר די טראָג איך ליכט, וויסן!

דער רעדנער איז אויף אַ ווייל אַנטשוויגן געוואָרן. ס׳האָט געהערשט אַ טויטע שטילקייט. פּלוצלינג האָט זיך פֿון

די טויזנטער מיילער ארויסגעריסן הילכיקע געשרייען. יורגיס איז געזעסן אומבאוועגלעך. ער האט געציטערט ווי א בלעטל.

דער רעדנער האט אויפגעהויבן זיין האנט און אנגעהויבן רעדן ווייטער:

— איך רעד צו אייך, צו אלע, צו די, וואס פארלאנגען דעם אמת. אבער צוערשט רעד איך טאקע צו אייך, פראלעטאריער, פאר די, וואס דאס אלץ איז די אימהדיקע ווירקלעכקייט. צו אייך ווענד איך זיך, צו אייך ארבעטער, מענטשן פארהארעוועטע, וואס שאפט אלץ און אליין האט איר גארנישט. איר זייט שניידט, אבער קיינמאל נישט פאר זיך, תמיד פאר אנדערע. אט צווישן אייך פארשפרייט איך מיין נייע לערע. כ׳ווייס, וואס כ׳דארף פאר אייך פאדערן, כ׳האב געלעבט צווישן אייך און קיינער וועט מיר נישט אנווייזן אן אנדערן וועג. כ׳ווייס, וואס ס׳איז דאס אזוינס היימלאזיקייט, שלאפן אין א פאדערהייזל, אונטער א וואגן, לעבן מיט דער האפענונג, וואס ווערט פון מינוט צו מינוט פארלאשן. א, צו גוט קען איך דאס לעבן פון ארבעטער! כ׳ווייס, וואס הייסט דאס אזוינס הונגער. כ׳בין געקומען אייך רופן צום קאמף פאר א נייע ארדענונג, און כ׳האב געוואוסט, אז איר וועט זיין גלייכגילטיק צו מיין רוף. דאך פאר-ליר איך נישט מיין גלויבן אין אייך. כ׳ווייס פון דער פיין, וואס האט ביי אייך אפגענומען דעם מוט, כ׳בין זיכער, אז צווישן די אלע וועלן זיך געפונען עטלעכע, וואס וועלן זיך פארטיפן אין דער באדייטונג פון מיינע ווערטער, און זיי וועלן זיך צי מיר דערנענטערן, זיי וועלן פארשטיין, וואס כ׳האב פון זיי געפאדערט. זייערע אויגן וועלן אנהייבן קוקן קלאר, דערנענטערן זיך צו מיר מיטן פולסטן צוטרוי. זיי וועלן אנהייבן גלייבן אין א בעסערן מארגן, אויפשטיין פרייע מענטשן, אן פחד זיך שטעלן אין די רייען, צוזאמען מיט מיר, צו פארשפרייטן די לערע פון קאמף פאר באפרייאונג.

— ארבעטער! שוין גענוג מיט אייערע ליידן, גענוג געלעבט אין ספיקות. עפנט די אויגן, קוקט מיט א פרייען בליק, און איר וועט אנטדעקן דעם אימהדיקן אמת

אויף די ריזיקע מאַנדזשוריער פעלדער קעמפן צווישן זיך צוויי פיינדלעכע אַרמעען, אין דער מינוט, ווען מיר געפינען זיך אָט אין דעם זאַל, קעמפט צווישן זיך אַ מיליאָן מענטשן, כדי איינער דעם אנדערן אָפּצומעקן פון ערד-קויגל, אָט דאס געשעעט נאך היינט, אין צוואַנציקסטן יאָרהונדערט. ניינצן לאַנגע דורות זענען שוין אוועקגעגאנגען פון יענער מינוט אָן ווען דאס וואָרט שלום איז געקומען אויף דער וועלט. אין צוואַנציקסטן יאָרהונדערט קעמפן די מענטשן צווישן זיך ווי חיות. די ערשטע האבן געלערנט שלום די נביאים, דערנאָך האבן די פילאָזאָפן פאר אונז קלאָר געמאכט זיין וויכטיקער באַדייטונג און שפּעטער האבן אים די דיכטער באַזינגען — אבער וואו איז ער? מיר האבן אים געזוכט אין די שולן, אין די אוניווערזיטעטן, אין די ביכער און צייטונגען, מיר האבן דורכגענישטערט דעם הימל און די ערד, און מיר האבן געזען, אז דער ציל פון דעם אלעם איז — דערהרגענען איינער דעם אנדערן. אָט די דאזיקע מאַסן-שחיטות האבן די הערן אַ נאמען געטון: מלחמה. די העסלעכע זאַכן טראגן תמיד די שענסטע נעמען. אבער שוין גענוג מיט די טרוקענע פראַזן. קוקט אויף די טויזנטער טויטע לייבער, אויף די צעשפּרונגענע גראַנאַטן, הערט אייך איין צו די קלאַנגען פון די באַגנעטן, צום כאָרכלען פון די גוססדיקע. קוקט אייך צו צו די טייכן פאַרגאָסן בלוט, צו די קאָנוואולסיעזע פנימער, וואס ראנגלען זיך מיטן טויט! גאָט מיין איינציקער, דאס איז אלץ אזוי העסלעך און גלייכצייטיק אזוי גלייכגילטיק פאר אלע! יאָ, גלייכגילטיק, ווייל די מענטשן האבן זיך שוין צוגעוויינט צו דער פשוטער העסלעכקייט!... די קירכעס הערן דאס אלץ און פארמאכן נישט די טירן, די מענטשן קוקן אויף די מערדערייען און ווערן לגמרי נישט צאָרנדיק... יאָ, מאַנדזשוריע, זאגט איר, איז ווייט! אמת, זייער ווייט... זאלן מיר אַ קוק טון נעענטער, אין טשיקאַגאָ גופא. אָט די נאכט זענען צען טויזנט הונגעריקע מיידלעך פארטריבן געווארן אין פארשידענע שאַנד-הייזלעך. יאָ, ס׳איז לעכערלעך, אבער די דאזיקע אומגליקלעכע נפשות האבן די פנימער פון אייערע מוטערס,

שוועסטער און טעכטער. היינט וויגט איר איין, די קינדער מיט א זיס געזאַנג און אין עטלעכע יאָר ארום ערוואַרט זיי דערזעלבער גורל. אָט אין דער נאכט האבן צען טויזנט טשיקאַגאָער איינוואוינער נישט וואו צו שלאָפן. הונדערט טויזנט קינדער ראַנגלען זיך אין דער מינוט, כדי צו פאַרדינען אויף ברויט. הונדערט טויזנט מאמעס לעבן אין שמוץ און אין אָרעמקייט, ארבעטן, כדי צו קאָנען דערנערן זייערע קליינע קינדער. טויזנטער אלטע, פארשטויסן פון לעבן, באַגערן דעם טויט ווי אַן אויסלייזונג. און ערשט די מיליאָנען מענער און פרויען, וואס זענען פארשקלאַפט צום קאַפיטאַליזם, זיי פייניקן זיך, ארבעטן אומזיסט. הונגער, קעלט, שכרות, תאוה און קראַנקהייטן — דאס איז זייער קורצע לעבנס-געשיכטע. יעצט זאל מען א בליק טון ווייטער. אומגעפער צען טויזנט הארן לעבן אויפן חשבון פון די מיליאָנען ארבעטער. זיי ארבעטן לחלוטין נישט, פרעגן זיך נישט צומאָל, פונוואַנען זיי האבן. זייער איינציקע זארג איז — אויסצוגעבן וואס מער געלט. זיי וואוינען אין פּאַלאַצן, אין לוקסוס, לעבן אין אויסגעלאַסנקייט. פאר א פּאָר שיכלעך צאָלט מען הונדערטער דאָלאַר, פארשפילן מיליאָנען אויף די פערד געיעגן, פארמאגן אייגענע אויטאָס און יאַכטן. איינער שטייגט אריבער דעם אנדערן מיט דער ברוטאַליטעט, מיט דער אומרחמנותדיקייט. דאס רייכטום שווימט צו זיי פון אלע זייטן, ווי אלע וואַסערן, וואס גיסן זיך צונויף אין ים אריין. דער פויער אַקערט די פעלדער, דער בערג-ארבעטער גראָבט אין די שאַכטן, דער וועבער וועבט גאנצע טעג ביי דער וועב שטול, דער זשעני ערפינדעט, דער דענקער פארשט — אבער די פרוכטן פון דער פיזישער און גייסטיקער ארבעט פליסט אין איין מעכטיקן שטראָם צו זיי. דער גורל פון דער גאנצער מענטשהייט ליגט אין זייערע הענט. די ארבעטער שטייען תמיד צו זייער באפעל. זיי באנוצן זיך מיט די אונטערגעקויפטע רעגירונגען, כדי צו פארגרעסערן זייער רייכטום. און איר, ארבעטער, וואס האט איר פון אייער שווערער ארבעט? איר זענט געבוירן געווארן ביי די ערגסטע באדינגונגען, דערצויגן ווי-

חיות, און איר פייניקט זיך ביזן שטאַרבן. צי איז כאָטש פאַראַן צווישן אייך איינער, וואס וואגט צו זאגן, אז אייביק וועט אזוי זיין? צי געפינט זיך כאטש איין מענטש צווישן דעם טויזנט־קעפיקן עולם, וואס זאל מסכים זיין, אז איין טייל פון דער מענטשהייט זאל זיך פייניקן, און די אַנדערע טייל זאָל לעבן אין וואוילטאג און אין לוקסוס אויפן חשבון פון די געפייניקטע? צי דאַרפן מיר לעבן אין אָרעמקייט, אין שטענדיקן נויט, כדי צו זעטיקן עטלעכע טויזנט בלוטזויגער? טראַכט איר, אז די דאָזיקע האַרן וועלן אייך אַליין געבן די פרייהייט, אז זיי אַליין וועלן אויסשמידן א שווערד און מיט דער הילף פון דער שווערד פאר אייך אויסקעמפן פרייהייט? טראכט איר, אז זיי וועלן אָפּגעבן זייערע פאַרמעגנס אויף בויען שולן. אָ, ניין! איר מוזט סוף־כל־סוף באַגרייפן, אז דער קאַמף איז אייער, נאר אין אייער אויפגאַבע ליגט עס, איר מוזט אָנהייבן דעם קאַמף. צי ווייסט איר נישט, אז זיי שטרענגן אָן זייערע כחות, וואס מער אייך אונטערצודריקן, פאַרשטויסן אייך פון דער געזעל־שאַפט, פאַרטרייבן אייך אין די תפיסות? מיט די נאַקעטע, באַוואקסענע הערצער וועט איר זיך ווארפן פאר אייערע בלוט־זויגער, אייערע פאַרטעמפטע חושים וועלן אָנהייבן קלאָר טראַכטן, דער הונגער וועט אייך צוגעבן מוט צום דאָזיקן קאַמף, איר וועט ווערן באַהערשט פון די געדאנקען, וואס ווערן געבוירן האַרט ביי דער תליה... פון דער טיפעניש וועט אַרויסוואקסן די גרויסע באַוועגונג. קומען וועט די צייט פון נקמה. ווי א הערשערין וועט זי אייך רופן אין אירע רייען. פאר אייערע אויגן וועט זיך צעוויקלען דער גרויסער רויטער פאָן, אויפן דאָזיקן פאָן וועט אויסגעקריצט זיין אייער יאוש און האָפע־נונג. די וועלט וועט אויפציטערן. דאס אוממעגלעכע וועט ווערן א ווירקלעכקייט. די קייטן, וואס האבן געפענטעט אייערע הענט וועלן צעשפריצט ווערן. טראָגן וועט זיך דאס גרויסע געשריי:

מיר האָבן געזיגט!

דער רעדנער האט איבערגעריסן, דער אָטעם האט זיך

אים פארהאלטן. ער איז געשטאַנען מיט אויפגעהויבענע הענט, פאַרקוקט אין דער וויזיע פון דער צוקונפט. ס'האט זיך אים געדוכטן, אז זיינע הענט זענען פליגל און ער אליין פליט אַוועק, אין די ווייטע וועלטן.

אַלע האָבן זיך אַ ריס געטון פון די ערטער. ס'איז אַנט־שטאַנען אַ שרעקלעכער טומל, די מענער האָבן אויסגעצויגן די הענט, געלאכט און געוויינט. יורגיס איז ארויפגעשפרונגען אויף אַ שטול אין הויך זיך צעשריגן. ניין, דאס איז געווען פול מער, וויפל ס'איז בכוח געווען אויפצונעמען זיין צעטומלטע נשמה. ס'האט זיך נישט געהאַנדלט אין דעם, וואס דער רעדנער האט גערעדט, ווי אזוי ער האט גערעדט, נאר דאס קול, זיין געשטאַלט און די בילדער, וועלכע ער האט פארגעשטעלט פאר זיינע צוהערער, די געפילן, וואס האבן זיך ערוועקט אין די אומגליקלעכע הערצער, דאס אלץ צוזאַמען האט געשאַפן אַ הימלישע דערשיינונג, און יורגיס האט עס דערפילט, כאטש ער האט נאָך קיינמאָל וועגן דעם מיט קיינעם נישט גערעדט.

ער האט אַ בליק געטון אין דער צוקונפט. ער איז גע־וואָרן אן אנדערער מענטש, אַ בעסערער, מערער גייסטיק, באַ־האַוונט אין אָרעמקייט און אין דערנידערטרעכטיקייט. אָ, ער איז שוין נישט געווען דער אַמאָליקער יורגיס. ס'האבן זיך גע־וועקט ביי אים פארלאנגען, וועגן וועלכע ער האט לגמרי נישט געוואוסט. אַ שוידער האט דורכגענומען זיין לייב. ניין, דאס איז נישט געווען קיין רעדע, נאר אַ שטורעם פון דונערס און בליצן, אַ מבול, וואס האט פארפלייצט די גאנצע וועלט. אלץ האט פאר אים צוריק אויפגעטויכט, די ליידן, בענקשאַפט. ער האט אזוי פול געליטן, אָבער דאָך אויסגעהאַלטן. זיין נשמה איז געווען פאַרטעמפט, ער האט אויפגעהערט גלייבן און קעמפן — אַ סוף געמאַכט צום יאוש.

פלוצלינג איז פאר אים אלץ קלאָר געוואָרן. אַ ווינט האט אַוועקגעבלאָזן פון אים די פינצטערניש, דער הימל האט זיך פאר אים געעפנט, ער איז געשטאַנען מיט אויפגעהויבענע

הענט צום הימל, די אויגן אָנגעפולט מיט בלוט, די אָדערן אַרויסגעשפּרונגען, און ער האָט געשריגן ווילד. אַז ער איז גע-וואָרן הייזעריק, האָט ער זיך פאַרשטעלט דאָס פּנים מיט די הענט. ער איז אַראָפּ פון דער שטול און שטיל געשעפּטשעט:

— אָ, גאָט... גאָט... גאָט...

נײַן און צוואָנציקסטער קאַפּיטל

דער רעדנער איז אַראָפּ פון דער טריבונע. דער שטורם אַפּלאָדיסמענטן האט נישט אויפגעהערט. פּלוצלינג האט עמעצער אָנגעהויבן זינגען אַ ליד און מאָמענטאַל איז עס אויפגעכאַפּט געוואָרן דורך אַלע אנוועזנדע. יורגיס האט דאס געזאַנג נאך קיינמאָל נישט געהערט, נישט געקענט אפילו די ווערטער. אבער ער איז מיטגעריסן געוואָרן פון דער האַרציקער, ענטוזיאַסטישער מעלאָדיע. דאס איז געווען די מאַרסילעזיע. אַ סטראָפע נאך אַ סטראָפע האט אָפּגעקלינגען איבערן גרויסן זאַל, און ער איז געזעסן אַ שווייגנדיקער, אינגאנצן געציטערט. ער האט נאך קיינמאָל נישט איבערגעלעבט אזא דערהויבענע מינוט.

יאָ, ס׳איז געשען מיט אים אַ גרויס נס. ס׳איז אים נאך געווען שווער צונויפצונעמען די געדאנקען, ער איז געזעסן ווי פאַרטויבט, געפילט, אז ער איז געוואָרן אן אנדערער מענטש. שוין איז ער געשטאַנען ביים אונטערגאַנג, אבער אַ גליקלעכער צופאַל האט אים דאָ אריינגעפירט. ס׳האט זיך אים געדוכטן, אז די גאַנצע וועלט האט פּלוצלינג געענדערט איר אויסזעע. ער האט זיך דערפילט אַ פרייער מענטש! נישט אומזיסט האט ער געליטן הונגער, אַ דאנק דעם איז ער טאַקע געוואָרן באַוואוסטזיניק. ער וועט שוין נישט זיין מער אַ שפּילצייג אין פרעמדע הענט, ער האט שוין פאר זיך אַ ציל, ער ווייסט שוין פאר וועמען צו קעמפן און פאר וועמען זיך מקריב

זיין. ס׳האבן נישט געפעלט דאָ אַזעלכע, וואס וועלן אים גערן אויפקלערן אַלץ. אַרום און אַרום האט ער געזעסן חברים, צו-זאַמען מיט זיי וועט ער זיך שטעלן אין דער ריי, אונטער דעם רויטן פאָן פון גערעכטיקייט.

דאס פובליקום האט זיך אַוועקגעזעצט אויף די ערטער. יורגיס האט זיך אויך אוועקגעזעצט. דער פארזיצער האט אָנגעהויבן רעדן. ער האט פאַרגעלייגט צו באַשטייערן זיך פאר דעם היינטיקן אָוונט, ס׳איבעריקע, וואס וועט בלייבן חוץ די אויסגאַבן, וועט ווערן אוועקגעגעבן פאר דער שטרייק-קאַסע ביי דער פאַרטיי. יורגיס האט נישט געהאט קיין פרוטה, ער האט שוין ווייטער נישט געוואָלט אויסהערן, געווען פארזונקען אין מחשבות. ער האט געקוקט אויפן פריערדיקן רעדנער, וואס איז געזעסן אויף א שטול, די האנט אונטערגעשפאַרט אונטערן קאָפּ און אויסגעוויזן צו זיין שטארק פארמאַטערט.

פלוצלינג האט זיך דער רעדנער אויפגעשטעלט. דער פאר-זיצער האט געמאלדן, אז דער רעדנער איז גרייט אפצוענטפערן אויף די געשטעלטע פראגן. א פרוי איז צוגעגאנגען צו דער טריבונע און געפרעגט, ווער ס׳איז געווען טאָלסטאָי. יורגיס האט נאך קיינמאל נישט געהערט וועגן אזא נאמען, און דער-פאַר האט אים די פראַגע ווינציק אינטערעסירט. צוואס זיך פארנעמען מיט אזוינע קלייניקייטן. דא איז געווען נייטיק טאַט און נישט ווערטער. אָבער מ׳האט באַדאַרפט אָט די גאַנצע מאַ-סע פארייניקן, איבערצייגן, וועקן זיי צום קאַמף. די דיסקוסיע האט זיך פארוואַנדלט אין א שמועס און יורגיס האט ביסלעכ-ווייז פארלוירן ס׳געדולד. דאָך האט עס אים באַגייסטערט, קוים וואס ער האט זיך איינגעהאַלטן און נישט צוגעפאַלן קושן יענער דאַמע, וואס איז געזעסן לעבן אים. אבער תיכף איז ער געווארן נידערגעשלאָגן. ער האט זיך דערמאָנט, אז ער איז שמוציק, ארומגעוויקלט מיט שמאַטעס און ער האט נישט וואו די נאַכט צו שלאָפן.

דאס פובליקום האט אָנגעהויבן פאַרלאָזן דעם זאַל. יורגיס האט נישט געוואוסט, וואס צו טאָן. ס׳האט זיך אים געדוכטן

אז ער האט שוין פריינט, צווישן זיי וועט ער שוין פארבלייבן. אבער ער האט זיך נישט געקאָנט אויפשטעלן. ער איז געזעסן פארזונקען אין זיינע מחשבות. לסוף האט ער זיך אויפגעשטעלט און אָנגעהויבן גיין צוזאַמען מיט אלע. ער האט געהאט חשק צו פאַרהאלטן עמעצן פון זיי, פרעגן זיך עפעס. אבער אלע זענען זיי געווען פארנומען מיט דיסקוסיעס וועגן דער וויכטי־קער רעדע, וואס זיי האבן געהערט. אז ער האט זיך שוין גע־פונען ביי דער טיר, און דערשפירט דאס קאַלטע ווינטל, וואס האט אויף אים געבלאָזן, האט אים ווידער ארומגענומען א יאוש. ער האט נישט געוואוסט, ווער ס'איז דער רעדנער און וועגן וואס ער האט גערעדט, און שוין דאַרף ער אוועקגיין! ניין, ער וועט נישט גיין, ער מוז האבן עמעצן, וואס זאל אים דאס אלץ אויפקלערן.

ער איז געגאנגען לענג אויס די ליידיקע שטולן. דאס פובליקום האט זיך ארויסגעשטופט דורך די טירן. יורגיס האט באמערקט דעם רעדנער פארשוואונדן אין א זייטיקער טיר. ער האט אנגענומען דרייסטקייט, אויפגעמאכט די דאזיקע טיר און באלד איז ער געגאנגען אין א לאַנגן קאָרידאָר, ער איז צו צו א טיר, וואו ס'זענען שוין געשטאנען פול מענטשן. קיי־נער האט אויף אים נישט געלייגט קיין אכט, ער האט זיך גע־שטופט ווייטער, ענדלעך האט ער באַמערקט דעם רעדנער. ער איז געזעסן אויף א שטול, זיין געשטאַלט איז געווען עטוואס איינגעבויגן, די אויגן האַלב פארמאכט, ס'פנים בלייך. די אראָפּ־געהאָנגענע האַנט האט געמאכט אַן איינדרוק פון צעבראָכן. א מענטש אין ברילן האט פאַרהאלטן דעם עולם, וואס האט זיך געשטופט אין צימערל אריין און פון צייט האט ער תחנונים־דיק אויסגערופן:

— חברים, שטיפט אייך נישט, דער חבר רעדנער איז פארמאַטערט.

יורגיס איז שטיין געבליבן, געקוקט אויפן רעדנער, יע־נער האט אויף אים א בליק געטון, און זיינע אויגן האבן געפרעגט:

— וואס פארלאנגסטו, אָרעמער חבר?

יורגיס האט זיך צו אים דערנענטערט און אין איין אָטעם עשעפּטשעט:

— כ׳וויל אייך דאנקן... כ׳האב נישט געקאָנט אוועקגיין, געמוזט אייך פריער זאגן וועגן דעם גרויסן איינדרוק, וואס אייערע ווערטער האבן אויף מיר געמאכט... איך האב נאך דאס קיינמאל נישט געהערט...

און תיכּף האט זיך דערנענטערט דער חבר אין די ברילן.

— דער חבר רעדנער איז פאַרמאטערט, ־ביטע אים נישט צו שטעלן פראַגן!

אבער דער רעדנער האט א שאָקל געטון מיטן קאָפּ און זיך געווענדט צום חבר אין די ברילן:

— וואַרט, ער וויל מער עפּעס זאגן. ער האט זיך גע־ווענדט צו יורגיסן:

איר ווילט אודאי עפּעס מער זיך דערוויסן וועגן סאָציאַליזם?

— איך? דאס הייסט סאָציאַליזם? כ׳האב נישט געוואוסט. איך האב דאס אליין איבערגעלעבט.

— וואו וואוינט איר?

— כ׳האב נישט קיין שטוב, כ׳בין ארבעטלאָז.

— איר זענט נישט פונדאַנען?

— פון ליטע.

דער רעדנער האט זיך א ווײַלע פארטראַכט, דערנאך האט ער זיך געווענדט צום חבר אין די ברילן, וואס איז גע־שטאַנען לעבן אים:

— חבר וואַלטער, וועמען קאָן מען באַנוצן צו דער זאך? אפשר אָסטרינסקי — ער איז א פּוילישער.

— יאָ, אָסטרינסקי רעדט ליטוויש.

— געב א קוק, אפשר איז ער נאך נישט אוועקגעגאנגען.

דער חבר אין די ברילן איז ארויס פון צימער. דער רעד־נער האט נאכאַמאָל א בליק געטון אויף יורגיסן. ער האט גע־

האט גרויסע, שוואַרצע אויגן, זיין פּנים האט געשטראַלט פון גוטמוטיקייט.

— אַנטשולדיקט מיר — האט ער זיך געווענדט צו יורגיסן — כ׳בין זייער פאַרמאַטערט, שוין אַ חודש רעד איך טאָג טעגלעך. איך וועל אייך איבערגעבן עמעצן, וואס וועט זיך מיט אייך פאַרנעמען.

אָסטרינסקי איז אָנגעקומען. ער איז געווען אַ נידעריקער פּאַרשוין, קוים דערגרייכט יורגיסן צו די אַקסל. זיין פּנים איז געווען געל, פאַרינצלט, ער האט געטראָגן אויף זיך אַן אלטן, שוואַרצן סורדוט. אין די בלאָע ברילן, האָט ער געמאַכט אַ קאָמישן איינדרוק. ער האט פריינדלעך געדריקט יורגיס האַנט און אַנגעהויבן צו אים רעדן ליטוויש. יורגיס האט אויפגעלעבט.

— איר ווילט זיך דערוויסן וועגן סאָציאַליזם? גוט, מיר וועלן גיין צוזאַמען.

יורגיס האט זיך געזעגנט מיטן רעדנער און ער איז צוזאַמען מיט אָסטרינסקין אַרויס אויף דער גאַס. אָסטרינסקי האט זיך געפרעגט יורגיסן, וואו ער וואוינט, ער האט אים געוואָלט צופירן אַהיים. אָבער יורגיס האט אים נישט געהאט וואו אָנצווייזן, ווייל ער האט לגמרי נישט געהאט אַ באַשטימט אָרט. יורגיס האט פאַר אים דערציילט די געשיכטע פון זיין לעבן. פון אָנהייב ביזן סוף. יענער האט אים נאָכאַמאָל געדריקט די האַנט און צוגעגעבן:

— יאָ, האסט אַ סך איבערגעלעבט. מיר וועלן מאַכן פון דיר אַ קעמפער.

ער האט דערציילט פאַר יורגיסן ביי וואס פאַר אַ שלעכטע באַדינגונגען ער לעבט. יאָ, ער וואָלט גערן אַריינגענומען יורגיסן צו זיך, אָבער ער פאַרנעמט נישט מער ווי צוויי צימערלעך, ס׳ווייב איז קראַנק, נישטאָ זיך וואו אַהינצוטון.

ווען ער האט זיך דערוואוסט, אז יורגיס שלאָפט אין אַ טויער, האט ער אים פאָרגעלייגט צו שלאָפן ביי אים אין קיך צימערל, אויף דער פּאָדלאגע, יורגיס האט מסכּים געווען. אָסטרינסקי האט נאך צוגעגעבן:

— אפשר וועלן מיר מאָרגן געפונען פאַר אייך עפּעס בעסערס. מיר פאַרלאָזן נישט קיינעם פון אונזערע חברים.

אָסטרינסקי האט געוואוינט אין געטאָ. ער האט פאַרנומען צוויי קעלער־שטיבלעך. ווען זיי זענען אַריינגעקומען אין שטוב, האט איין קינד שטיל געוויינט. ער האט פאַרמאכט די טיר פון שלאָף־צימערל. זיי זענען אַריין אין קיך צימערל. דארט איז געשטאַנען אַ גרויסער טיש און אויפן טיש זענען געלעגן מלבושים. ער האט דערציילט פאַר יורגיסן, אז זיין באַשעפטיקונג איז נייען הויזן. ער ארבעט מיטן ווייב. וואס אַמאָל גייט אים דאס לעבן ערגער, די אויגן האבן אים אויפגעהערט דינען. און, אז ער וועט לגמרי אויפהערן זען? וואס וועט ער דעמאָלט טון?

— ס'איז אוממעגלעך עפּעס אָפּצושפּאָרן. איך ארבעט פערצן שעה אין מעת־לעת, פאַרדין קוים אויף חיונה. די מלאכה איז אַ לייכטע, יעדער קאָן זיך זי אויסלערנען, די ארבעט־קאָנקורענץ איז גרויס. דאָ, ברודער, קאָנסטו זען די גערעכטיקייט פון סאָציאַליזם. די אַרבעטער זענען אָפּהענגיק אין די ברויטגעבער, האבן קיינמאָל נישט אויפן מאָרגן, באַקומען אזוי פיל וויפל ס'קלעקט זיי אויף דערנערן זיך אַ טאָג. דער געראַנגל איז גרויס. די גאנצע וועלט טיילט זיך אויף צוויי קלאַסן, אונטערדריקער און אונטערדריקטע. יאָ, אונזערע אויפגאַבן זענען שווערע, די פּאַרטיי פּאָדערט גרויסע קרבנות. יעדער סאָציאַליסט ווייסט, אז דאס מוז זיך ענדערן. דער ארבעטער קלאַס וועט נאָר צוטרעטן צו די וואַל אורנעס, איבערנעמען די מאַכט איבערן לאַנד און אַ סוף מאכן צו דעם פּריוואַט־אייגנטום. דער ליכטיקער מאָרגן, דאס איז דעם אַרבעטערס איינציקע האָפענונג. וויבאַלד ער אליין וועט נישט דערלעבן, וועלן עס דערלעבן זיינע קינדער. פאַר אַ סאָציאַליסט איז זיין נצחון דער נצחון פון דער גאַנצער פּאַרטיי. די פּאַרטיי ווערט וואס אַמאָל מעכטיקער. טשיקאַגאָ איז דער אינדוסטריע צענטער פון גאַנצן לאַנד, די אַגיטאַציע האט דא דערגרייכט אַ טריאומף.

ער האט אָנגעהויבן פאר אים דערציילן, ווי אַזוי די פּאַרטיי האט אַוועקגעשטעלט איר אָרגאַניזיר־אַפּאַראַט.

— אין יעדער שטאָט האבן מיר אַ סאָציאַליסטישע אָרגאַני־זאציע, אפילו אין קלענסטן שטעטעלע. יעדער אָרגאַניזאַציע ציילט לפּחות הונדערט מיטגלידער. די פּארטיי פארמאָגט אויך טויזנט פיר הונדערט לאָקאַלע פאַריינען. אין אלגעמיין ציילט די אָרגאַניזאַציע פינף און צוואנציק טויזנט מיטגלידער. די לעצטע אקציעס האבן אָפּגעקאָסט דער פארטיי עטלעכע טויזנט דאָלאר. די פארטיי גיט ארויס אויך ארויס אַ וואָכנשריפט אויף ענגליש, מיט אַ דייטשער און טשעכישער צוגאבע. אַ חודש זשורנאַל, לאָזט ארויס יעדעס יאָר אַנדערהאַלבן מיליאָן אויפרופן און אַזוי פול פלוגבלעטלעך. דאס איז אַ ווערק פון די לעצטע פופצן יאָר. ווען כ׳בין אָנגעקומען קיין טשיקאגאָ האט מען נאך לגמרי נישט געוואוסט, וואס דאס איז אַזוינס סאָציאַליזם.

אָסטרינסקי האט געשטאַמט פון פוילן, געהאט אומגעפער פופציק יאָר. אין דער פּראָלעטארישער באוועגונג האט ער גע־נומען אן אנטייל נאָך אין די זיבעציקער יאָרן. צוויי מאָל איז ער אָפּגעזעסן תפיסה, אָבער ער איז נאך דאן געווען יונג, נישט געזאָרגט וועגן אַ צוקונפט. די באוועגונג האט אים מיט־געריסן, באגייסטערט. אז די באוועגונג האט זיך אין דייטשלאנד אויסגעוואקסן צו אַ ריזיקער קראפט, האט ער אויסגעוואנדערט קיין אמעריקע און דאָ אנגעהויבן פּראָפּאגאנדירן דעם אלף־בית פון סאָציאַליזם.

— צו יענער צייט האט מען דאָ געלאכט פון וואָרט סאָ־ציאַליסט. מ׳כלומרשט זענען דאָ אַלע געווען פרייע בירגער. זיי האבן נישט געוואוסט, אז פּאָליטישע פרייהייט פארטראָגט נישט די עקאָנאָמישע קנעכטשאפט.

דאס קליינע, אָרעמע שניידערל איז געזעסן איינגעקורטשעט, די פיס אָנגעשפּארט ביים קיכל און געהערט שטיל, כדי נישט אויפצוּוועקן די ארומיקע. ער איז שוין געווען גוט איינגעלעבט אין דער אָרעמקייט, געליטן, הונגער און דאך געקעמפט מיט דער באנצער העלדישקייט. אבער אזעלכע ווי ער זענען שוין

געוועזן טויזנטער. יענער גאנצער אָרגאַניזיר אפּאראַט איז אוועק-געשטעלט געוואָרן דורך זיינע חברים. יורגיס האָט דאס אַלץ אויסגעהאָרכט, אין זיינע אויגן זענען אויסגעקומען די דערציי-לונגען צו הערלעך, כדי צו קאָנען עס אָננעמען פאר א ווירק-לעכקייט. אָסטרינסקי האָט גערעדט ווייטער:

— אזוי איז עס תמיד מיט א פרישן סאָציאַליסט. ער מיינט, אז אט-אט שוין וועט ער איבעראנדערשן די וועלט. ערשט שפּעטער דערזעט ער, אז דאס איז א לאנגע און שווערע ארבעט. אבער יעדעס מאל קומט אָן פרישע כחות, פרישע ענערגיע, און זיי פאַרטרעטן די פארמאַטערטע קעמפער. און איר, יורגיס, וועט האבן א גלעגנצנד געלעגנהייט צו פּרוּוון אייערע כחות, מיר האלטן ביים אויסוויילן א נייעם פּרעזידענט. איר וועט אריינטרעטן אין דער פּארטיי, איר וועט דארפן אפּ-צאָלן פינף סענט וועכנטלעך, אבער וויבאלד איר האָט נישט, וועט איר פון דעם באפרייט ווערן. מיט דער פּארטיי פירט אָן די מיטגלידערשאפט, איינער איז דארט נישט העכער פון אנדערן.

— דער וויכטיקסטער פּרינציפּ אין דער סאָציאַליסטישער באַוועגונג איז: נישט איינגיין אויף קיין שום קאָמפּראָמיסן. אמת טאַקע, אז אָפּטמאָל שטימט מען פאר אזוינע פראגן, וואס טוען שוין פארלייכטערן דאס לעבן פון די אַרבעטער, אבער מיר טאָרן נישט פארגעסן אונזער הויפּט-ציל. וויבאַלד אונזער פּאַר-טיי זאל זיך אזוי אנטוויקלען, ווי ביז יעצט, וועלן מיר אין דער נאָענטסטער צייט אויסוואַקסן צו א מעכטיקער, פּאָליטישער באַוועגונג. דער סאָציאַליזם איז פארשפּרייט אויף דער גאַנצער וועלט, דאס איז אן אינטערנאַציאָנאַלע אידעע, וואס שטייט העכער פון אלע אידעעס אויפן גאנצן ערד-קוגל. דער נאַציאָ-נאַלער סאָציאַליזם וואלט דערפירט צו אן אַבסורד, די אַר-בעטער-רעגירונג פון איין לאַנד וואָלט געוועזן געצוואונגען, צו-ליב פארשידענע עקאָנאָמישע באַדינגונגען, אונטערצודריקן דעם פּראָלעטאַריאַט פון פארשידענע אנדערע לענדער. דער סאָציאַ-ליזם, מוז דורכאויס זיין אינטערנאַציאָנאַל, קעמפן פאר דער

באַפרייאונג פון דער גאַנצער מענטשהייט. דאס איז די נייע לערע פון דער מענטשהייט, דער צוריקגאַנג צו אונזער אַלטער עטישער תורה, איינפירן אין לעבן דאס, וואס קריסטוס האט געפּרעדיקט.

זיי האָבן גערעדט ביז שפּעט אין דער נאכט. אין יורגיס אויגן איז דאס אויסגעקומען אַ חלום. פיר יאָר איז ער גע־ווען נע־ונד, געלעבט ווי אַ בעטלער, אָן אַ ציל, אָן אַ צו־קונפט. פּלוצלינג איז ער אַריינגעצויגן געוואָרן אין ברידער־לעכע רייען. יאָ, וועגן סטאָקיערדס האט מען אים שוין נישט באַ־דארפט דערציילן, ער האט גוט געוואוסט, אז די אונטערנעמער האבן אַרויסגערופן דעם לעצטן שטרייק, זיי האבן געגרינדעט דעם גרויסן קאַפּיטאַליסטן־סינדיקאַט, וואס האט באַקעמפט אַלע ארבעטער אָרגאַניזאַציעס, געלאכט פון די געזעצן און געשיילט די הויט פון דער באַפעלקערונג.

יורגיס האט זיך דערמאָנט יעגער מינוט, בעת ער איז ס׳ערשטע מאָל אַריינגעקומען אין די שעכטהייזער. ער האט אַן איבערגעשראָקענער זיך צוגעקוקט, ווי אזוי מ׳האט געקוילעט חזירים. יעצט האט אָסטרינסקי אים אויפגעוויזן, אז די אונטער־נעמער באַציען זיך גאָרנישט בעסר צו די ארבעטער, ווי אָט צו יענע חזירים. זייער אויפגאבע איז געווען, אז דעמזעלבן ריוח, וואס זיי האבן געצויגן פון די חזירים אויך צו ציען פון די ארבעטער און פון דער גאנצער באַפעלקערונג. הונדערט ארבעטער־לעבנס האט געשפּילט ביי זיי די זעלבע ראָלע, וואס אַ באוועג מיט דער האנט. יאָ, יורגיס וועט שוין שפּעטער דאס אַלץ זיך אַליין דערוויסן, ער וועט זיך נאר באַקענען מיט דער סאָציאַליסטישער ליטעראַטור, דאן וועט ער זיך שוין איבער־צייגן, אז דער גאַנצער פלייש־טרעסט איז נישט מער ווי אַ גי־ריקייט, וואס מ׳קאן פארגלייכן צו אַ רויבער־שיף אויפן גרויסן אָקעאַן פון מסחר, מיט אַן אַרויסגעהאָנגענער שווארצער פאָן, אויף צו ערקלערן מלחמה דער ציוויליזאַציע.

די שטאַט־מאכט אין טשיקאַגא איז תמיד געקומען צו הילף דער דאָזיקער רויבער־באנדע. זיי האבן געגנבעט ביליאָנען

טאָן שטאַטיש-וואסער, אונטערגעקויפט די ריכטער, אז זיי זאָלן אַרויסגעבן די שווערסטע אורטיילן אויף די שטרייקנדע אר-בעטער, נישט דערלויבט דעם שטאַט-פּרעזידענט איינצופירן אין קראפט די בוי-געזעצן. זיי האבן נישט דערלאָזט צו אַ קאָנטראָל אין די שעכטהייזער. ווייבאלד ס'איז דערגאנגען צו אַן אויס-פאָרשונג האבן זיי פארברענט די ביכער, געפעלטשט פּראָטאָקאָלן. זיי האבן אראָפּגעלאָזט די פרייזן פון די בהמות, רויִנירט די פויערן, אומגעברענגט די, וואס האבן נישט געוואָלט ביי זיי אָפּקויפן דאס פארשטינקענע פלייש. דאס גאנצע האב און גוטס פון לאנד האט די דאזיקע באנדע איינגעטיילט צווישן זיך. זיי האבן אליין באשטימט פרייזן אויפן פלייש, אין זייערע הענט האבן זיך געפינען אלע אייז קעלער, זיי האבן אַרויפגע-לייגט אַן אָפּצאָל אויף עופות, מילכיקס, פרוכטן און גרינוואַרג. יעדער וואך האבן זיי אַריינגעשאַרט מיליאָנען דאָלאַר ריווח. זיי האבן פאַרכאפּט די אייזנבאַנען, די עלעקטריע און דעם תבואה מסחר. די באפעלקערונג האט געשטורמט, אבער זיי זענען געווען אוממעכטיק. אט דאס איז די אויפגאבע פון סאציאליזם. מ'דאַרף אָרגאניזירן ס'פאלק, צוגרייטן זיי צום קאמף. די ארבע-טער דארפן באהערשן די אונטערנעמונגען, זיי דארפן איבער-נעמען דעם פלייש טרעסט אין זייערע הענט, געבן אים די ריכטונג, וועלכע זיי וועלן געפינען פאר נייטיק. און דעמאלט וועט שוין נישט פעלן פלייש פאר די אָרעמע ארבעטער-מאסן, דעמאלט וועלן שוין אלע זיין זאט.

ס'איז שוין געווען נאך האלבע נאכט. ענדלעך האבן זיך ביידע חברים צעשיידט. יורגיס האט זיך אוועקגעלייגט אויף דער פּאָדלאגע, אַ שעה האט נאך געדויערט, ביז ער איז איינגעשלאָפן. אין חלום האט ער געזען מחנות ארבעטער, זיי האבן ארומ-גערינגלט די שלאכטהייזער, אראָבערט אין זייערע אייגענע הענט.

דרייסיקסטער קאַפּיטל

יורגיס האָט אָפּגעגעסן פרישטיק צוזאַמען מיט אָסטרינסקיס און דערנאָך איז ער אַוועק צו עלזען. ער האָט שוין פאַר איר לגמרי נישט קיין מורא געהאַט. ער האָט פאַר איר דערציילט פון דער נעכטיקער פאַזאַמלונג, אָנשטאָט דאָס, וואָס ער האָט זיך געקליבן איר צו דערציילן. תחילת האָט עלזע געמיינט, אַז יורגיס איז אַראָפּ פון זינען, ערשט נאָך אַ שעהדיקן שמועס האָט זי זיך איבערצייגט, אַז ער איז פולשטענדיק נאָרמאַל. דאָס געפיל פאַרן סאָציאַליזם איז ביי עלזען געווען שוואַך אַנטוויקלט. אין דעם שווערן געראַנגל פאַרן קיום, איז איר נשמה פאַרטעמפּט געוואָרן. דאָס לעבן איז ביי איר געווען אַן אומאויפהערלעכער קאַמף פאַר חיונה. וואָס אָנבאַלאַנג יורגיסן האָט זי נאָר אינטערעסירט די פראַגע, צי ער טראַכט דורך צו אַרבעטן, פאַרדינען, און לייטיש זיך אָנטון. אַז זי האָט זיך דערוואוסט, אַז יאָ, האָט זי אָנגעהויבן קוקן אויפן סאָציאַליזם פון אַ גאַנץ אַנדערן שטאַנדפונקט.

זי איז געווען אַן אָריגינעלער טיפּ פון אַ פרוי. זי האָט געטראַכט פלינק, נאָך אַ האַלבן שעהדיקן שמועס האָט זי שוין געוואוסט, וואָס פאַר אַ שטעלונג זי דאַרף אָננעמען צום סאָציאַליזם. זי איז איינגעגאַנגען אויף אַלץ, אויסער אויף דעם מיטגליד־אָפּצאָל. לסוף האָט זי שוין אפילו מסכים געווען צו קומען אויף די פאַרזאַמלונגען, ווייל די רעדעס און אַפּלאָדיסמענטן וועלן איר לגמרי נישט שטערן דאָס טראַכטן וועגן אירע שטוב אָנגעלעגנהייטן.

צוויי וואָכן האָט יורגיס געזוכט אַרבעט. ער האָט זיך אָנגעשלאָסן אין דער פּאַרטיי. איינמאָל איז ער אַריין אין אײַנעם פון די גרויסע טשיקאַגאָר האָטעלן, און ס'האָט אים געגליקט. אין פאָדערהייזל איז געשטאַנען אַ מענטש, וואָס האָט אויסגעזען צו זיין דער באַלעבאָס. יורגיס האָט זיך צו אים דערנענטערט.

— אפשר וואָלט איך באַקומען ביי אייך אַרבעט?

— וואָס קאָנסטו?

— אַלץ.

— טרונקען אויך

— ניין, מיין הער.

— כ'האָב געהאַט אַ לאָקיי, אָבער ער האָט געשיכורט. נישט איינמאָל האָב איך אים געוואָרנט, אַז ער וועט פאַרלירן זיין שטעלע, אָבער ס'האָט ווינציק-וואָס געהאָלפן. ווילסט פאַרנעמען זיין אָרט?

— יאָ, מיין הער.

— די אַרבעט איז אַ שווערע. וועסט דאַרפן וואַשן די פּאָדלאָגעס, רייניקן די שפּיי-קעסטלעך, אָנפירן מיט דער ווינדע.

— איך בין צו אַלעם גרייט.

— גוט. איר באַקומט דרייסיק דאָלאַר אַ וואָך מיט פולע באַקעסטיקונג. איר קאָנט שוין אַרויפציען אויף זיך יענעם סורדוט.

יורגיס האָט זיך געשטעלט צו דער אַרבעט. שפּעט ביינאַכט האָט ער זיך אומגעקערט אַ היים און דערציילט פאַר עלזען זיינע איבערלעבענישן. נאָכדעם איז ער נאָך אוועק צו אָסטרינסקי. יענער האָט אויסגעהערט זיינע דערציילונגען און דערשטוינט אויסגערופן:

— צי איז דאָס נישט אַמאָל היינדס האָטעל?

— יאָ.

— האָסט אָנגעטראָפן אויפן בעסטן ברויטגעבער פון גאַנץ טשיקאַגאָ. ער איז דער שעפער פון אונזער פּאַרטיי, איינער פון די בעסערע רעדנער!

צומאָרגנס האָט יורגיס דערציילט פאַר זיין באַלעבאָס, אַז

צר איז אַנגעשלאָסן אין דער סאָציאַליסטן-פּאַרטיי. יענער האט
אים פריינדלעך געדריקט די האַנט און אויסגערופן:
— גאָר פיין! דאס פרייד מיך טאָפּלט. כ'האב א גאנצע
:אכט נישט געקאנט שלאָפן, געהאט געוויסנסביסן. יענער פּאַר-
שוין, וועלכן כ'האב באזייטיקט איז אויך געווען א סאָציאַליסט.
זיי האבן באשלאסן צו רופן זיך „חבר יורגיס" און „חבר
היינדס".
טאָם היינדס איז געווען א נידעריקער, א גראָער. ער איז
געווען אן אומגעוויינלעך גוטמוטיקער מענטש, א גאנצן טאָג
האט ער נאר גערעדט וועגן סאָציאַליזם. מיט זיין גרויסער מאָס
הומאָר האט ער אויפגעלעבט די פאַרזאַמלונגען. די רעדעס זע-
נען געפלאָסן פון זיין מויל, ווי דער טייך ניגאַרא.
צו ערשט איז ער געווען א שמיד. דערנאך איז ער
אריינגעטרעטן אין מיליטער. דאָרט איז ער געשלאָפן אונטער
א לייכטע קאָלדרע און באַקומען רעוומאַטיזם. אז זי ווייטיק
האט אים שטארק געפייניקט, האט ער צוזאַמענגעצויגן ס'פּנים,
נעזיפּצט און געמורמלט: — יאָ, אין דעם אלעם איז שולדיק
דער קאַפּיטאַליזם. צו ציין ווייטיק, צו א שלעכט ווייב, און צו
אלע איבעריקע חולאתן, האט ער שוין געהאט איין אוניווערסאַל
מיטל. ער האט פארזשמורעט די אויגן און געזעצהט: — הער,
ברודערל, נישטאָ קיין אנדערער אויסוועג מוזט ווערן
א סאָציאַליסט.
נאך דער מלחמה האט ער געהאט חשק צו עפענען א קראָם.
אבער באַלד האט ער זיך איבערצייגט, אז ער וועט דאַרפן
קאָנקורירן מיט די, וואס האבן באַגנבעט ס'לאַנד, און ער האט
זאָר געקעמפט פאַרן וואויל פון לאַנד. די דאָזיקע לייט האבן
נאַהערשט אלע געביטן פון דער אינדוסטריע, פאַר אַן ערלעכן
מענטש איז שוין לגמרי דאָ נישט געווען קיין אָרט.
אבער נישט געקוקט אויף דעם, האט ער מיט זיין גאנץ
אָפּגעשפּאָרט פארמעגן זיך געשטעלט צום קאַמף. ער איז געווען
א מיטגליד אין א פּאַרטיי, וואס האט נאר געפאָדערט געוויסע
רעפאָרמען אין קאַפּיטאַליזם. נאך דרייסיק יאָר קעמפן פאַר אָט

דער אידעע, איז ער לסוף געקומען צום אויספיר, אז ס׳איז ווינציק דעם קאפיטאליזם צו רעפארמירן, נאר מען מוז אים אינגאנצן צעשמעטערן. אט וועגן דעם האט ער אנגעשריבן א בראשור און אנגעהויבן ארגאניזירן די ארבעטער מאסן, צופעליק איז אים ארייננעפאלן אין דער האנט א בראשור וועגן סאציאליזם, דער אינהאלט האט אויף אים שטארק געווירקט, דאס האט ער טאקע געזוכט. אכט יאר האט ער געארבעט איבערגעגעבן פאר דער פארטיי, געקומען אויף אלע פארזאמלונגען, ארייננעריסן זיך אומעטום און פארשפרייט די לערע פון סאציאליזם. נאכדעם האט ער אנגעהויבן זיין גרויסע פראפאגאנדע רייזע, וועלכע ער האט פארענדיקט אין ניו-יארק און ארעגאן. נאך זיין צוריקקער האט ער אנגעהויבן ארגאניזירן פארטיי-קלובן, לסוף האט ער אנגעהויבן זיין טעטיקייט אין טשיקאגא גופא. זיין האטעל איז געווען א נעסט פון סאציאליסטן. די דינערשאפט איז באשטאנען פון בלויז „חברים״. וויבאלד זיי זענען נישט געווען סאציאליסטיש געשטימט בעת זיי האבן דארט געארבעט, זענען זיי עס געווארן שפעטער, דעמאלט, ווען זיי זענען שוין נעווען באזייטיקט.

וויבאלד ס׳האט נאר עמעצער מיט אים אנגעקניפט א שמועס אונטן, אין ווארטע זאל פון זיין האטעל, איז ער תיכף געווארן ארומגערינגלט פון זיינע געסט און ס׳האט זיך אנטוויקלט א לעבהאפטע דיסקוסיע. די דיסקוסיעס פלעגן פארקומען כמעט יעדן אוונט. אז היינדס איז אוועק אין שטאט אריין, האט אים פארטרעטן .אין די שמועסן דער בוכהאלטער אדער דער געהילף. דער בוכהאלטער איז געווען היינדס אן אלטער באקאנטער, א הויכער מיט א דאר פנים, א ברייט מויל מיט א ציגן בערדל. ער האט געהייסן אמאס סטרעווער, פופציק יאר האט ער אגיטירט קעגן די אייזנבאנען, און פאר דער פויערן באוועגונג. לסוף האט זיך היינדסין איינגעגעבן צו מאכן פון אים א סאציאליסט. ער האט פארקויפט זיין פארם און זיך באזעצט אין טשיקאגא.

אויסער דעם בוכהאלטער האט נאך דארט געארבעט א גע-

הילף. ער האט געהייסן הערי אידעמס, ער איז געווען אַ בלייכער יונגערמאַן, געשטאַמט פון מעסטעשעט פון אַ יחוסדיקער משפּחה. צוערשט האט ער זיך אָפּגעגעבן מיט דער באַוואָל אינדוסטריע, אַז דאס איז אים שלעכט אַוועקגעגאַנגען, האט ער זיך איבער-געטראָגן קיין צפון-קאַראָלין. אין מעסטעשעט זענען ניינציק פּראָצענט פון דער באַפעלקערונג געווען אַנאַלפאַבעטן און אין קאַראָלין נאר זעכצן פּראָצענט. אז הערי אידעמס איז דארט אָנ-געקומען, האט ער דערזעען, אז וויבאַלד ער האט נישט קיין חשק צו שטארבן פון הונגער, מוזן דאס גאַנצע בני-בית אר-בעטן פון זעקס אינדערפרי ביז זעקס ביינאַכט. די עקספּלאָ-טאַציע איז געווען מוראדיק גרויס. ער האט אָנגעהויבן אָר-גאַניזירן ארבעטער און מ׳האט אים דערוויטערט פון דער אר-בעט. ס׳האט זיך אים ווידער איינגעגעבן צו באַקומען אַ שטעלע, אבער באַלד איז אויסגעבראָכן דער גרויסער שטרייק פאר פאר-קלענערן די ארבעטס שעהן. אידעמס האט גערעדט אויף אַ מיטינג, אונטערן פרייען הימל. דאס האט שטארק אויפגערעגט די פּאָ-ליציי, זיי האָבן אים ארויסגעשיקט פון שטאט און ער האט זיך געמוזט באזעצן אין טשיקאַגאָ. דא איז ער אַריינגעטרעטן אין דער פּארטיי, ער איז געווען גיריק צו דער ארבעט, תּמיד געטראָגן אַ בוך אונטערן אָרם. ער איז געווען אַ שוואַכער רעדנער, אבער דערפאר האבן די ארטיקלען, וואס ער האט פארעפנטלעכט אין די צייטונגען, געצויגן אויף זיך די אויפמערקזאמקייט.

זיין ראַדיקאַליזם האט גארנישט געשטערט צו די אינ-טערעסן פון האָטעל, ווייל די מערסטעטייל געסט זענען באַשטאַ-נען פון ראדיקאלן. די איבעריקע האט די דאָזיקע דיסקוסיע סתם פארשאפט פארגעניגן. אין דער לעצטער צייט איז היינדס האטעל באַזוכט געוואָרן פון בלויז אָקסן-סוחרים. דער פלייש-טרעסט האט וואס אמאל מער אראָפּגעלאזט די פּרייזן אויף די בהמות, די סוחרים האבן ווינציק פארדינט און זיי האבן גערן געוואוינט אין היינדס ביליקן האָטעל.

די דאזיקע געסט זענען געווען ווי ספּעציעל געשאפן

פאר הײנדסן. זײ האבן אים ארומגערינגלט פון אלע זײטן און ער האט פאר זײ געפרעדיקט דעם סאָציאַליזם, געשילדערט פאר זײ די נויט און אָרעמקײט. מיט יורגיס איבערלעבענישן האט ער זיך שוין באנוצט אַ וואָך צײט.

— קוקט — האט ער צו זײ געזאגט — אט ארבעט טאקע בײ מיר אַ פארשוין, וואס האט געארבעט אין די שעכטהײזער, צו־געקוקט זיך צו אלץ.

דאן האט ער צוגערופן יורגיסן צו זיך.

— חבר יורגיס דערציילט פאר די דאזיקע מענטשן, וואס איר האט זיך צוגעזעען אין די שעכטהײזער.

צוערשט פלעגט יורגיס ווערן צעטומלט, ס'איז געווען שווער אים צוצורעדן, אז ער זאל עפעס דערציילן. אבער וואס אמאל איז ער געוואָרן דרייסטער. ער האט דערציילט פשוט, אָן שום געקינסלטקייט. הײנדס, זײן באלעבאָס איז געזעסן בעת מעשה אָן א זײט און אים געמוטיקט מיט פארשידענע באַ־וועגונגען און געשרײען. בײ יעדן מאָל, בעת יורגיס האט דערציילט וועגן די „אויפגעפרישטע בריסטלעך", האט ער צע־פרידן אים געפאטשט אין דער פלײצע. אז ער איז צוגעקומען צו די שוידערלעכע געשיכטעס מיטן פארשטינקן פלײש, וואס ס'איז צעשיקט געוואָרן איבער די גאנצע פארײניקטע שטאטן, האט זיך הײנדס אַ ריס געטון פון אָרט און אויסגערופן:

— ניין, אזוינע געשיכטעס זויגט מען נישט אויס פון פינגער.

דערנאך האט ער אליין גענומען אַ ווארט און ארויסגע־זאגט זײנע אנשויאונגען. איין אויסוועג האט ער געהאט צו דעם אלעם: דער סאָציאליזם, צו צעשמעטערן דעם פלײש־טרעסט. אז די צוהערער האבן אים געמאכט א באמערקונג, אז אין לאנד קאן נאך קומען צו אן אויפשטאנד צוליב דעם, האט ער באלד זײ געגעבן אן ענטפער.

— יאָ, אמת, אבער דער פלײש טרעסט איז נישט איין און איינציק. ס'זענען נאך פאראן טרעסטן. וואו איז דער קוילן־טרעסט? וואו איז דער שטאָל־טרעסט, דער אייל־טרעסט!

די באפעלקערונג לײדט נאר פון אזא אָרדענונג. פארוואס זאל עפּעס ס׳גאנצע פאלק פארטײדיקן דעם פלײש-טרעסט. מיט צען יאָר צוריק האט הײנרי ד. ללאָיד פארעפנטלעכט אין זײן בראָשור „רײכטום אלס גרונדלאגע צום אלגעמײנעם װאויל-שטאַנד״ דעם גאנצן אמת װעגן אײל-טרעסט, אבער מ׳האט זיך באמיט דאס בוך צו פארשװײגן, קײנער װײסט נאך הײנט נישט װעגן דעם. ערשט אין דער לעצטער צײט האבן צװײ װיכטיקערע צײטונגען זיך פארנומען מיט דעם ענין. די איבעריקע צײטונגען לאכן פון זײ, אפילו די קירכע איז מיט שװינדלער, די רע-גירונג האט נאך גאָרנישט אויפגעטון. פארוואס געשעעט נישט ס׳זעלבע מיטן פלײש-טרעסט?

נאכן אויסהערן אזא לעקציע איז דער קעגנער געוואָרן װײכער, ער איז געװוען געצװאונגען מודה צו זײן, אז ער האט א גאנץ קנאפּן באגריף אין דעם ענין. דעמאלט האט שוין הײנדס אים נישט געקארגט קײן ארגומענטן. ער האט געשעפּט נחת פון די, װאס האבן עטװאס תּופס געװוען דעם סאָציאַליזם. ער פלעגט דעמאלט זאָגן:

— אָ, הלואי װאלט איר געװוען אַ סאָציאַליסט, איר װאלט זיך שוין דעמאלט ערקינדיקט, װי אזוי דער באַן-טרעסט הערשט איבערן גאנצן לאנד. אלע איבעריקע טרעסטן אויסער דעם פלײש-טרעסט זענען אפּהענגיק אין אים. דער פלײש-טרעסט צילט װידער צו רויאנירן יענע טרעסטן. דאס פאלק העצט זיך, די רעגירונג פּרוװט זיך אַרײנמישן, אבער סך הכל װײסט קײנער נישט װאס דאָרט קומט פאָר, זײ מײנען, אז די לײט זענען אויסן זײער טובה. אָ, נײן, די מחלוקות זענען אַ קאמף פון קאַפּיטאַל מיט קאַפּיטאל, זײ דארפן נאר אַנטשײדן, װער ס׳זאל באהערשן די פארײניקטע שטאטן, דער אײל-טרעסט צו דער פלײש-טרעסט.

אָט אין דער סביבה איז יורגיסן אויסגעקומען צו פארברענגען. ער איז געװוארן װאס אמאל אויפגעקלערט. מ׳דארף אבער נישט מײנען, אז אָט די אלע שמועסן האבן אים געמאכט פאר א פוילנצער, חס-ושלום, פאר טאָם הײנדס איז ער אפילו געװוען

גרייט א האנט זיך אָפּצושניידן, ער האט זיך באמיט צו האלטן וואס רייִנער זיין האָטעל, פּלייסיק געוואַשן די שפּיי קעסטלעך און געפּוצט די פּאָרענטשן. אבער גלייכצייטיק האט ער געפירט א קאמף מיטן שיכּרות און מיט די אלע איבעריקע שלעכטע איינגעשאַפטן, וועלכע האבן אים באהערשט אין די לעצטע יאָרן פון זיין נע-ונד לעבן.

ער האט זיך איבערצייגט, אז די רעוואָלוציאָנערן זענען אויך נישט קיין מלאכים, זיי זענען געווען מענטשן גלייך מיט אלע, פארמאָגט אויך שלעכטע איינגעשאַפטן. טייל פון זיי האבן אפילו געשיכּורט און געשאָלטן, זיי האבן זיך נאר אונטערגעשיידט פון די איבעריקע מענטשן מיט דעם, וואס זיי האבן געלעבט מיט דער האפענונג צו א בעסערן מאָרגן. טיילמאָל האט די דאזיקע צוקונפט-וויזיע אויך אויפגעשטראַלט פאר יורגיס אויגן, דעמאָלט האט דאס טרינקען אים פארשאַפט אַן אמתן נחת-רוח. אבער נאכן ערשטן גלעזעלע האט ער געמוזט נאכטרינקען א צווייטס, א דריטס און אויך א פערטס, צו מאָרגנס האט אים שוין געפּייניקט דאס געוויסן, ער האט א נדר געטון מער נישט צו טרינקען. יאָ, ס'איז געווען א געמיינקייט אויסצוגעבן געלט אויף בראָנפן, אין דער צייט, ווען מיליאָנען ארבעטער זענען געשטאָרבן פון הונגער. פאר דעם געלט וואס ער האט באַצאָלט פאר איין גלעזעלע האט מען געקאָנט אָפּדרוקן נאך פופציק פּראָקלאַמאַציעס, צעטיילן זיי צווישן די אומבאַוואוסטזיניקע ארבעטער, לעבן מים דעם געדאַנק, אז ס'איז כאָטש עפּעס אויפגעטון געוואָרן פארן סאָציאַליזם. אזוי האט זיך טאָקע אָנגעהויבן און אַנטוויקלט די דאָזיקע באַוועגונג.

יורגיס האט נישט געהאלטן דעם סאָציאַליזם פאר אַזאַ שווער פּראָבלעם, פארקערט, אים האט נאר געוואונדערט פארוואס דער מענטשהייט איז אזוי שווער אים אויפצונעמען. אָט האט ער געזען די באַנען, פאַבריקן, קוילן-גרובן, אומעטום זענען געווען פול ארבעטער און מיט דער הילף פון זיי האט דאס אלץ עקזיסטירט. אלע רוחים, וואס זענען אויסגעהאָרעוועט געוואָרן דורך די מאַזאָלישע ארבעטער הענט זענען ארייגגע-

פלאָסן צו די אונטערנעמער. זיי האבן געלעבט אין לוקסוס און אויסגעלאַסנקייט און דאס אָרעמע פאָלק איז געשטאָרבן פון הונגער. לויט זיין אויפפאַסונג האט מען נאר באדארפט ביי איין טייל א ביסל אָפּנעמען און צולייגן דער אנדערער טייל. אזוי האט מען געקאָנט אויפבינדן דעם שווערן פלאָנטער.

אבער א סך מענטשן האבן דאס דאָזיקע נישט פארשטאַנען. זיי האבן געטענהט, אז די רעגירונג וועט נישט באַלעבאַטעווען אזוי עקאָנאָמיש ווי די פריוואַטע אונטערנעמער. וואס האבן זיי אייגנטלעך געוואָלט מיט דעם אויפווייזן? זיי ווייסן נישט, אז די דאָזיקע עקאָנאָמיע באַשטייט אין צוואונגען די ארבעטער צו שווערע ארבעט און צו די קלענסטע לוינען. די אונטערנעמער דריקן אונטער ס׳גאנצע פאָלק. וואס טוט זיך מיט זיי, אזאַ לייכטן ענין איז זיי שווער צו פארשטיין?

יורגיס האט זיך באַגעגנט מיט א מענטש, וואס האט דרייסיק יאָר געארבעט אין פאבריק און אין דער גאנצער צייט נישט אָפּגעשפּאָרט איין סענט. ער האט געארבעט פון באגינען ביז שפּעט אין דער נאכט, קיינמאָל נישט באקומען קיין אורלויב. אז יורגיס האט געפּרוווט רעדן פאַר אים וועגן סאָציאַליזם, האט ער פאַרקרומט די נאָז און אָפּגעענטפערט: — דאס אינטערעסירט מיך נישט — איך בין אַן אינדיווידואַליסט.

די דאזיקע לייט וועלן אייך נישט דערציילן, אז דער סאָציאַליזם איז נישט מער ווי א „פּאַטערנאַליזם", אז וויבאַלד די סאָציאַליסטן וועלן איבערנעמען דעם רודער אין זייערע הענט וועט זיך אַלץ אָפּשטעלן. אינדיווידואַליזם האט ביי זיי געהייסן דאס, וואס צען טויזנט מענטשן האבן געארבעט אויף איין קאַפּיטאַליסט, און זיי האבן פאר זייער שווערער ארבעט באקומען פון צייט צו צייט א קליין מתנהלע, א ביבליאָטעק מיט א לייען זאַל אין דער פאַבריק. אָט דאס האט געהייסן פּאַטערנאַליזם.

אָפטמאָל האט זיך יורגיס געפילט פארמאטערט, אבער ער האט זיך נישט אָפּגעשטעלט אין זיין טעטיקייט. ער האט געקעמפט, איבערגעצייגט אנדערע, געזוכט פרישע אַרגומענטן, ווי-

באלד די אלטע האבן שוין נישט געווירקט. באלד האט ער זיך צוגעוויינט צו זיין נייעם שטייגער לעבן. ער האט תמיד גע־טראָגן ביי זיך אָנגעשטאָפּטע קעשענעס מיט פלוגבלעטלעך און בראָשורן, ער האט געלייענט אַליין און אַגיטירט אנדערע. היינדס אַ משרת, אַ פלינקער אירלענדער האט נאך געקאנט אַ סך זאכן, וואס זענען נאך פאר יורגיסן געווען לגמרי פרעמד. ביי דער ארבעט האט ער קלאר געמאכט יורגיסן אין דער אַמערי־קאנער געאָגראַפיע, די געשיכטע און די געזעצגעבונג. ער האט דערציילט פון די פארשידענע גרויסע פאבריקן, וועגן די אר־בעטער פאַריינען און די שטרייקן.

ביינאכט, אז יורגיס האט פארלאָזט די ארבעט, האט ער געאיילט אויף די פאַרזאַמלונגען, וואס זענען פארגעקומען כמעט יעדן אָוונט. אויף די דאזיקע פארזאַמלונגען האט ער געהאט אַ מעגלעכקייט צו הערן די באַרימטסטע אמעריקאנער רעדנער. יורגיסן האט צוגעצויגן זייער ערודיציע. אט איז געווען צווישן זיי איינער מיטן נאָמען „קליינער ריז", ער איז געווען אַ נידע־ריקער, דיקער פארשוין. אז ער איז ארויף אויף דער טריבונע און אנגעהויבן רעדן, דאן זענען זיך שוין צעפאלן אלע זיילן פון קאפיטאליזם. ער האט אויך אנגעשריבן אַן ענציקלאָפּעדיע, וואס איז געווען אזוי דיק ווי ער אליין. ס'איז נאך געווען צווישן זיי אַ יונגער שריפטשטעלער, וואס איז נאר וואס גע־קומען פון קאליפאָרניע, ער האט דורכגעוואנדערט די גאנצע פאַרייניקטע שטאטן, אינטערעסירט זיך מיט אלץ, שוין אפילו געזוכט גאָלד אין קלאָנדינק, לסוף האט ער דאס אלץ בא־שריבן אין אַ דיק בוך. ער איז געווען פעיק, געהאט וואס צו דערציילן און די וועלט האט אים אויסגעהערט. און נאך איז געווען איינער, וועמען מ'האט גערופן „סאָציאַליסטישער מיליאָ־נער". צוערשט זענען אים די געשעפטן גוט אוועקגעגאנגען, ער האט אָפּגעשפּאָרט אַ פארמעגן, אבער באלד האט ער פארשפילט זיין גאנצן קאפיטאל ביים ארויסגעבן אַ חודש־זשורנאל. דער פאסט דעפּארטאמענט האט אים געוואלט פארטיליקן, געצוואונגען אים אויסצוואנדערן קיין קאַנאדע. ער איז געווען א געזעצטער

מענטש, גערעדט פּשוט, אָבער זייער לאַנגזאַם. ער האָט זיך שטאַרק געוואונדערט אויף די, וואָס האָבן זיך אויפגערעגט ביים באַהאַנדלען די פראַגן. ער האָט קלאָר געמאַכט זיין טעאָריע און מעטאָדן. דאָס לעבן איז אַ קאַמף פאַרן עקזיסטענץ, דער שטאַרקער באַזיגט דעם שוואַכן, ביז ער טרעפט אויף אַ זעלכן, וואָס באַזיגט אים. די געשיכטע דערציילט אונז פון פעלקער, וואָס האָבן באַזיגט די מאָנאַרכיע. די אַרבעטער זענען די בירגער פון דער אינדוסטריע און די אונטערנעמער זענען די קעניגן. די סאָציאַלע באַוועגונג איז דער אויסדריק פון פאָלק. די רעוואָלוציע איז צוליב דעם אומפאַרמיידלעך, ווייל ס'איז נישטאָ קיין אַנדערער אויסוועג צו דער אויסלייזונג. מ'דאַרף צושטיין צו דער רעוואָלוציע אָדער שטאַרבן. דאָס איז דער אמת.

אין דערזעלבער צייט איז פאָרגעקומען אַ גרויסע וואַל פאַרזאַמלונג. ס'זענען אַרויסגעטרעטן צוויי רעדנער. יורגיס האָט זיך דערוואוסט ווער זיי זענען. מיט צען יאָר צוריק האָבן זיי אָרגאַניזירט דעם גרויסן באַן שטרייק אין וועלכן ס'האָט גענומען אָן אַנטייל הונדערט און פופציק טויזנט אַרבעטער. דער פּרעזידענט האָט צוגעשיקט מיליטער, דער שטרייק איז געוואָרן געבראָכן און די אָנפירער האָט מען איינגעזעצט.

דעם פּאָרזיצער פון די באַן אַרבעטער האָט זיך איינגעגעבן אַרויסצורייסן פון דאָרט. צען יאָר האָט ער אַרומגעוואַנדערט איבערן לאַנד, באַגעגנט זיך פּנים אל פּנים דעם אַרבעטער פאָלק. ער האָט געמאַכט אַן אימפּאָנירנדן איינדרוק. ער איז געווען אַ הויכער, אַ דאַרער. די שטריכן אויף זיין פּנים האָבן דערציילט פון זיין אומאויפהערלעך קעמפן. אין זיין קול האָט אָפּגעקלינגען די ליידן פון די מיליאָנען באַעולהטע, דאָס געשריי פון די אַרבעטער, דאָס זיפצן פון די קליינע קינד'ער. בעת ער האָט גערעדט איז ער געלאָפן הין און צוריק אויף דער טריבונע ווי אַ ווילדע חיה, גרייט צו שפּרונגען. טיילמאָל [illegible] ער זיך דערנענטערן צו די פאַרזאַמלטע, אויסשטרעקן זיי[illegible] הענט, ווי ער וואָלט געוואָלט מיט די לייבן בעגל אָנכאַפּן אַלע אַנוועזנדע. יאָ, ער האָט געפאַנגען זייערע נשמות אין די

בעגל פון זיינע ווערטער. פון שטענדיקן רעדן איז ער אָפטמאָל געוואָרן הייזעריק. אז ער האט זיך באַוויזן אויף דער טריבונע האט געהערשט אַ טויטע שטילקייט. ער האט גערעדט אזוי פּשוט, אז יעדער האט אים פארשטאנען.

אז יורגיס האט פארלאָזט די פארזאמלונג, האט מען אים אַריינגעשטעקט אין דער האנט אן אויפרוף. אינדערהיים האט ער עס איבערגעלייענט. דער אויפרוף האט געהייסן „דער רוף צו דער גערעכטיקייט". אומגעפער מיט צוועלף יאָר צוריק איז אַ פאַרמער פון קאָלאָראָדאַ געקומען צום באַשלוס, אז ס'איז נישט כדאי אַ גאנץ לעבן צו שפעקולירן אויפן חשבון פון אָרעמאַן. ער האט ליקווידירט אַלע זיינע עסקים און אָנגעהויבן אַרויסגעבן אַ סאָציאַליסטישער וואָכנשריפט. תּחילת האט ער געמוזט אַליין שרייבן די ארטיקלען און אליין זיי אויסזעצן. אָבער לעצטנס האט זיך די צייטונג דערהויבן צו אַ ריזיקער אונטערנעמונג. יעדער וואך האט מען דארט נעבערענגט גאנצע וואגאָנען פּאַפּיר, די פאסט-צוגן זענען געשטאנען עטלעכע שעה, ביז זיי האבן אויסגעלאַדעוועט די פארשידענע קאָרעספּאָנדענץ, וואס איז דארט אנגעקומען. דער וואָכנשריפט איז ארויס אין פיר זייטן, געקאָסט אַ האלבן סענט, געהאט אַ פערטל מיליאָן שטענדיקע אַבאָנענטן. אין אלע אַמעריקאנער צייטונגס-קיאָסקן איז געווען מעגלעך אים צו באַקומען.

דער „רוף צו דער גערעכטיקייט" איז געווען רעדאַגירט אייגנאַרטיק, פול מיט גיפט אויפן קאַפּיטאַליזם. דארט איז געוואָרן צונויפגעזאַמלט פארשידענע ידיעות וועגן דעם לעבן פון דער אמעריקאנער פלוטאָקראטיע, און דאס האט מען דערלאנגט די דורשטיקע אַרבעטער-מאַסן. אט אזוי האבן געלויטערט די קעפּלעך פון די אַרטיקלען: „דימענטן פון אַ מיליאָניקן ווערט אויער די אידעען פון אַ דאמע פון דער געזעלשאַפט", „מיס מאָרפּע פון סאַן-פראַנציסקאָ איז געשטארבן אויף דער גאס פון הונגער, דזשאָן ראָבינסאָן, אן ארבעטער איז ארויס פון שפּיטאָל און זיך אויפגעהאָנגען, ווייל ער האט נישט געפונען קיין אַרבעט. ס'זענען דארט געווען נאך אַרטיקלען ארויסגעגעבעט פון

פארשידענע צייטונגען און צוגעפארבט מיט אן אייגענער קאָליר: „דריי בענק האבן אָפּגעשטעלט די אויסצאָלונגען, אויסגעהאָרעוועט געלט פון אָרעמע ארבעטער צו גארנישט״, „דעם פרעזעס פון דער לופט פלי געזעלשאפט אין פלאָרידאָ האט מען איינגעזעצט פאר ביגאַמיע״. די צייטונג האט געהאט אומגעפער דרייסיק טויזנט רעפּאָרטערן, די רעדאקציע האט באשטימט פרעמיעס, אנהייבנדיק פון אַ גאָלדן זייגערל און פארענדיקנדיק ביי אַ יאַכטע אדער אַכציק אַקער ערד.

טיילמאָל איז דער טאָן פון דער צייטונג געווען גאר אַ שטרענגער. די רעדאַקציע האט ארויסגעשיקט אַ ספּעציעלן שליח קיין קאָלאָראַדאָ, גאנצע שפאלטן זענען געווען פול מיט די אומרעכט, וואס ס'געשעעט אין יענעם שטאַט. אין דער צייט פון וואַלן האט די צייטונג זיך אויסגעצייכנט מיט איר פלינקייט. אט אַ דאנק דעם האט יורגיס געהאט אַ מעגלעכקייט זי נענטער צו באקענען.

דאס ארטיקל „איר האט פארשפּילט דעם שטרייק — וואס יעצט?״ איז געשריבן געווארן פון אַ מענטש מיט אַ שטאָלן הארץ. אומגעפער צוואנציק טויזנט עקזעמפּלאַרן האט מען צעוואָרפן אין די שעכטהייזער. מ'האט געריסן פון די הענט, ס'וואלט אפילו ווינציק געווען צוויי הונדערט טויזנט. תחילת האט יורגיס באשלאָסן נישט צו קומען קיין סטאָקיערדס. אבער ווי ער האט זיך גאר דערוואוסט וואס דארט קומט פאר, איז ער יעדן טאג צוגעפאָרן מיטן טראמוויי, אַגיטירט, געטון וואס ס'איז גאר געווען אין זיין מעגלעכקייט, געוואָלט דורכאויס זיך רייבוואשן פון זיינע אַמאָליקע קאָמבינאציעס מיט סקולין. אין משך פון צוועלף חדשים איז סטאָקיערדס נישט געווען צו דערקענען.

ביסלעכווייז האט די באַפעלקערונג געעפנט די אויגן און דערזען וואס טוט זיך אַרום זיי. די סאָציאליסטן האבן אויפגעהויבן אן אומגעוויינלעכן טומל. ביי די וואַלן האבן זיי דערציילט פון דעם גרויסן שטרייק, וואס איז געבראכן געוואָרן דורך נעגער. סקולי האט געבּרענגט אַ רעדנער פון צפון-קארא-

לינא. איידער ער איז צוגעטרעטן רעדן האט ער אַראָפּגעצויגן פון זיך דעם סורדוט און בעת מעשה געשאָלטן ווי אַ טערק. אבער די סאציאַליסטן זענען אויך נישט געשטאנען אָן אַ זייט. אויף דער פארזאמלונג זענען זיי געקומען אין אַ צאָל פון אומגעפער טויזנט מענטשן. זיי האבן געשטעלט דעם רעדנער אונטער אַ קרייץ־פייער פון פראגן, ער האט זיך נישט געקאנט אַן עצה געבן, און געמוזט מאכן פּליטה. דאן זענען די סאָציאליסטן ארויף אויף דער טריבונע און איבערגענומען דעם מיטינג. יורגיס איז ארויפגעשפרונגען אויף אַ שטול און הויך געשריגן: — ס'איז אַ ליגנט, אַ ליגנט! ער האט געשילדערט דאס לעבן פון פריערדיקן רעדנער, געשוואוירן, אז אויך אים האט מען אונטערגעקויפט. צום גליק האט חבר אידעמס מיט נאך עמעצן אים אראָפּגעשלעפּט פון דער טריבונע און אוועקגעזעצט אויף אַ שטול.

איין און דרייסיקסטער קאַפּיטל

אַז יורגיס האָט באַקומען אַ צימערל אין האָטעל, איז ער פריער פאַר אַלץ אַוועק אויפזוכן מאַריען. ער האָט זי גע-טראָפן אין איר אַלט שאַנד-הויז. ער איז אַריין אין איר צימער, שטיין געבליבן אין דער טיר און אַ פאַררויטלטער אויסגערופן:

— מאַריע, כ'האָב שוין אַרבעט, יעצט וועסטו שוין פאַר-לאָזן דאָס הויז!

מאַריע האָט געשאָקלט מיטן קאָפּ. זי האָט שוין נישט געזעען פאַר זיך קיין שום אויסוועג. קיינער וועט זי שוין יעצט נישט צונעמען צו וועלכער ס'איז אַרבעט. ס'איז אוממעג-לעך צו פאַרבאָרגן די דאָזיקע מיאוסע פאַרגאַנגנהייט. נישט איינע האָט זיך שוין געפּרוווט אַרויסרייסן פונדאַנען, אָבער ס'האָט זיך זיי נישט איינגעגעבן. אין דעם הויז האָבן פאַר-קערט טויזנטער מענער, פריער צי שפּעטער וואָלט מען זי סיי ווי דערקענט.

זי האָט געענטפערט:

— שוין צו שפּעט! כ'בין שוין סיי-ווי אַ פאַרלוירענע, איך באַנוץ מאָרפיום.

— קאָנסט זיך נישט פון דעם אָפּגעוווינען?

— אוממעגלעך. כ'וועל שוין דאָ אַזוי פאַרברענגען מיין לעבן. כ'בין שוין נישט פּעיק צו אַ בעסער לעבן.

יורגיס אַלע באַמיונגען זענען געווען אומזיסט. ער האָט געדראָט:

— כ'וועל נישט דערלויבן עלזען צו נעמען פון דיר געלט.

— וועל איך עס פאַרטרונקען — האָט זי געענטפערט גלייכגילטיק.

די אויגן זענען ביי איר געווען איינגעפאַלן, ס'פּנים אָנגעשוואָלן. יורגיס האָט באַמערקט, אַז ער לאַנגווייליקט זי, אַז זי באַגערט נישט אים יעצט דאָ צו האָבן. מיט אַ באַשווערט האַרץ האָט ער פאַרלאָזט איר צימער.

אינדערהיים האָט זיך יורגיס אויך נישט געפילט איבעריק גליקלעך. עלזע האָט געקרענקט, די קינדער זענען געווען שרעקלעך צעלאָזן פון דעם כסדרדיקן אַרומשלעפּן זיך אויף דער גאַס. דאָך האָט ער זיי נישט פאַרלאָזט, דאָ האָט ער זיך דערמאָנט זיין אַמאָליק גליק. אין די גאָר שלעכטע מינוטן האָט ער געטראַכט וועגן דער גרויסער סאָציאַליסטישער אידעע, די דאָזיקע מחשבות האָבן אריינגעברענגט דערפרישונג אין זיין אומעטיקייט. ער איז מיטגעריסן געוואָרן פון דעם מעכטיקן שטראָם, געלעבט אין אַ וועלט פון הויכע אידעאַלן. זיין פּריוואַט לעבן איז געווען איינטאָניק. ער האָט פאַרנומען אַ שטעלע פון אַ האָטעל דינער, געווען צופרידן פון זיין אַרבעט, ווייל אויף דעם אופן האָט ער געקאָנט זיך דערנענטערן, אויפנעמען די וועלט מיט איר קונסט און שיינקייט. יאָ, יעצט האָט ער זיך אַזוי פול געלערנט, אַזוי פול זיך דערוואוסט... ער וועט קיינמאָל נישט פאַרגעסן יענעם טאָג פון די וואַלן.

הערי אידעמס אַ פריינט האָט טעלעפאָניש אויסגעדריקט זיין ווילן צו באַקענען יורגיסן. ער האָט פאַרבעטן יורגיסן צו זיך, און יורגיס האָט די איינלאַדונג אָנגענומען.

יורגיסן האָט אויך פאַרבעטן צו זיך דער רייכער יאָנג פישער, אַ מיליאָנער, וואָס האָט געוואוינט אין אָרעמען שטאָט־קוואַרטאַל און שטאַרק סימפּאַטיזירט מיט דער סאָציאַליסטישער פּאַרטיי. ער האָט אַליין פאַרנומען אַ צווייי שטאָקידיק הויז, געכויערט פון רויטע ציגל. אין זייַנע שטובן זענען געשטאַנען שענק פול מיט ביכער. אַז יורגיס מיט אידעמסין זענען דאָרט

אַריינגעקומען האָבן זיי שוין געטראָפן עטלעכע מענער און דרײַ פרויען.

יורגיס האָט נאָך קיינמאָל אין זיין לעבן נישט גערעדט מיט פרויען פון דער בעסערער געזעלשאַפט. ער איז געוואָרן שטאַרק צעטומלט, בעת מ׳האָט אים פאָרגעשטעלט פאַר די געסט, און ער האָט זיך הכנעהדיק געבויגן. נאָך דער פארשטעלונגס־צערעמאָניע האָט ער זיך איינגעזעצט אויף אַ שטול, אין אַ ווינקל, און געווישט דעם שווייס פון שטערן. ער האָט מורא געהאַט, אַז מ׳זאָל אים נישט הייסן רעדן.

יאַנג פישער איז געווען אַ דיקער מיט אַן אַטלעטישן אויסזען. ער האָט געטראָגן אַ סורדוט, אַ ווייסן שניפּס און געשמועסט מיטן רעדאַקטאָר ריימאָנד, וואָס האָט תּמיד געליטן אויף אַ מאָגן קרענק. ריימאָנד איז געזעסן לעבן זיין דאַר, קרענקלעך ווייב, און לעבן אַן עלטערע דאַמע, וואָס האָט אָנגעפירט מיט אַ פרעבל שולע. ס׳איז דאָרט אויך געווען אַ סטודענט מיט אַ שיינע, יונגע סטודענטין, מיט אַן ערנסטן אויסזען. צו יורגיסן האָט זי גערעדט סך־הכל איין אָדער צוויימאָל, די איבעריקע צייט איז זי געזעסן שטיל, די האַנט אונטערגעשפּאַרט הינטערן קאָפּ. יאַנג פישער האָט באַקענט יורגיסן מיט נאָך צוויי געסט. דער ערשטער האָט געהייסן לוקאַס און דער אַנדערער שליימאַן. זיי האָבן אָנגערופן פישערן „חבר” און יורגיס איז געווען זיכער, אַז זיי זענען סאָציאַליסטן.

לוקאַס האָט געמאַכט אַן איינדרוק פון אַ גייסטלעכן. אַמאָל איז ער געווען אַ וואַנדער־רעדנער, געפּרעדיקט דעם אמת. ער האָט דורכגערייזט ס׳גאַנצע לאַנד, גערעדט אַפילו הינטערן פרייען הימל, ווײַבאַלד ער האָט אין ערגעץ נישט באַקומען אַ לאָקאַל.

שליימאַן האָט געשטאַמט פון שוועדן. ער איז געווען אַ הויך געוויקסיקער, אַ דאַרער, מיט באַהאַרטע הענט און אַ געדיכטע געלע באָרד. צוערשט איז ער געווען פּראָפעסאָר פון פילאָזאָפיע, אָבער באַלד האָט ער זיך אַרומגעזעען, אַז ער פאַרקויפט נאָר זיין צייט און פעיקייט. ער האָט אויסגעוואַנדערט

קיין אַמעריקע, באַזעצט זיך אין אָרעמען שטאָט-קוואַרטאַל, אין אַ בוידעם שטיבל און איבערגעגעבן זיך זיינע ווייטערדיקע פּלענער. ער האט אויסגעפאָרשט די פאַרשידענע נאַרונגס מיטלען און זיך דערוואוסט אין וועלכע כעמישע שטאָפּן זיין אָרגאַניזם בייטיקט זיך אַממייסטן. ער איז געקומען צו דער איבערצייגונג, אַז ער וועט גענוג האָבן יעדן טאָג אויסצוגעבן העכסטנס צלף סענט אויף די נייטיקסטע פּראָדוקטן און ער וועט קיינמאָל נישט זיין הונגעריק.

אין יולי האט ער יעדעס יאָר פאַרלאָזט טשיקאַגאָ און ער איז אוועק אין די פעלדער שניידן תבואה. ער האט פאַרדינט צוויי מיט אַ האַלבן דאָלאַר אַ טאָג. נאָכן שניט האט ער זיך אומגעקערט אַ היים מיט אַ קאַפּיטאַל פון הונדערט און פינף און צוואָנציק דאָלאַר, וואָס האָבן אים שוין געקלעקט אויף אַ גאַנץ יאָר. ער האט געהאַלטן, אַז דאָס הייסט דערגרייכט די גרעסטע מדרגה פון אומאָפּהענגיקייט, וואָס איז נאָר מעגלעך ביי דער הייגטיקער קאַפּיטאַליסטישער אָרדענונג. וועגן חתונה האָבן האט ער לגמרי נישט געטראַכט, ער האט געהאַלטן, אַז קיין שום פאַרשטענדלעכער מענטש טאָר זיך נישט פאַרליבן פאַר דער רעוואָלוציע.

יעצט איז ער געזעסן אין אַ פאָטעל, פאַרלייגט אַ פוס אויף אַ פוס. זיין פּנים, אָפּגעבויגן אין אַ זייט, האט געזונקען עטוואָס אין שאָטן, מ'האט געזען די צוויי צעפלאַמטע אויגן, ווי צוויי גליענדע קוילן. ער האט גערעדט פּשוט, קלאָר און אַנטשלאָסן, ווי אַ לערער, וואָס לערנט מיט זיינע שילער געאָמעטריע. ביים אויסהערן זיינע פּלענער האט זיך ביי אַ געוויינלעכן מענטש געקאָנט פאַרמישן דער קאָפּ. אין יורגיס אויגן איז ער אויסגעקומען אַ שטורם אָדער ערד ציטערניש. דאָך האט אים געצויגן צו דעם מענטש, ער האט זיך צוגעהערט צו זיינע ווערטער מיט גרויס אויפמערקזאַמקייט, אין ווילדן גייעג פון געדאַנקען, האט ער צעבראָכן אַלע שוועריקייטן, געפליגן ווי אַ גיכער רייטער אויף דעם צעווילדעוועטן פערדל פון דער פאַנטאַזיע.

ביקאָלאַס שליימאַן האט געקענט די וועלט און די מענטשן.

ער האט אויסגעפאָרשט די לעבנספארהעלטענישן און געקומען צום אויספיר, אז אלץ איז נישט מער ווי אַ זייפן־בלאָז. ער האָט אלץ צעקלאַפּט און צעשטערט: — וואס איז דאס אזוינס אַ רע־גירונג? — האט ער געפרעגט. און ער האט באַלד געענטפערט: — דער איינציקער צוועק פון אַ רעגירונג איז צו דערהאַלטן דאס פּריוואט־אייגנטום, דעם גוואַלדטאט און דעם מאָדערנעם שווינדל. און וואס איז דאס אזוינס פאַמיליען לעבן? דאס פאמיליען לעבן און פּראָסטיטוציע, איז איין מטבעה מיט צוויי פאר־שידענע זייטן,ביידע דינען זיי צו באַפרידיקן די ווילדע אינס־טינקטן ביים מאן. צווישן ביידע איז נאר פאראן אַ קלאסן אונטערשיד. וויבאלד די פרוי האט געלט דיקטירט זי באַדינ־גונגען. זי פאָדערט פרייהייט, אַ קאָנטראקט אויפן גאַנצן לעבן, גלייכבאַרעכטיקונג, אז אירע קינדער זאָלן זי קאָנען ירשהנען. און וויבאַלד זי האט נישט קיין געלט, דעמאָלט דינט זי פארן פּראָלעטאַריאט, זי פארקויפט זיך צו אונז, ווטל זי האט שוין נישט קיין אנדערן אויסוועג. ס'זעלבע איז מיט דער רעליגיע, זי איז פאר אונז שעדלעך, ווי אַ געסמטע קויל פון אַ גע־פערלעכן שונא. דער קאַפּיטאַליזם דערשטיקט דעם גוף און די רעליגיע די נשמה. ביידע פארגיפטן דעם שטראָם פון פּראָגרעס, וואס פליסט פון לויטערן קוואַל. דעם פּראָלעטאַריאט הייסן זיי לעבן מיט האָפענונג, כדי דערווייל צו קאָנען זיי וואס מער אויסנוצן. דער ארבעטער ווערט דערצויגן באַשיידן, געהאָרכ־זאַם און ארבעטזאַם, אבער דאס זענען מעלות, וואס נוצן נאר דעם קאפּיטאַליזם צו זיינע צילן. דער גורל פון דער מענטש־הייט וועט אנטשיידן ווערן דורך אַ קאמף פון רויטן אינטער־נאַציאָנאלן פאָן מיט אט דער שווארצער כנופיה, אַ קאמף פון סאָציאַליזם מיט דער קאַטויליש־רוימישער־קירך, טאקע דאָ אין אַמעריקע, אין דער דאָזיקער נעסט פון קאַפּיטאַליזם.

ביסלעכווייז האט זיך אריינגעמישט אין שמועס אויך לוקאַס, דער געוועזענער פּרעדיקער. ס'האט זיך אנטוויקלט אַ שארפע דיסקוסיע. „חבר" לוקאַס האט נישט פארמאָגט קיין

בילדונג. ער האט געקענט דעם תנך, און באנומען אים לויט זיין אייגענער לעבנס-דערפאַרונג.

— פארוואס מישט איר צונויף די אמתע רעליגיע מיט דער רעליגיע, וואס די מענטשן האבן אויסגעטראכט — האט לוקאַס געפרעגט — אמת, איך בין מסכים, אז היינט געפינט זיך נאך די רעליגיע אין די הענט פון די קרעמער און שווינדלער, אבער ס'פאָלק הייבט שוין אָן ווערן קליגער. חבר, איר וועט רעדן וועגן דער פראגע אין עטלעכע יאָר אַרום...

— יאָ, כ'וויס, אין הונדערט יאָר ארום וועט דער וואַטיקאַן אָפּלייקענען, אז ער האט ווען ס'איז ווען באקעמפט דעם סאָציאַליזם, פונקט, ווי ער האט אָפּגעלייקנט, אז ער האט לגמרי נישט געפייניקט גאַלילייַ!

— איך פארטיידיק נישט דעם וואַטיקאן, נאר די הייליקע ווערטער פון גאָט, וואס זענען דער גרעסטער רוף צו באַפרייאונג. אַדרבה, פרווט לייענען דאס פיר און צוואָנציקסטע קאַפיטל פון ספר איוב, וואס כ'מוז אזוי אָפט איבערחזרן אין מיינע רעפעראַטן „די ביבל און דער פלייש טרעסט”, אבער לאָמיר לייענען די ווערטער פון אונזער הייליקן נביא זכריה, צי גאר די ווערטער, וואס ס'האט געזאָגט ישו הנוצרי אַליין. און וויבאלד כ'רעד וועגן ישו הנוצרי, מיין איך נישט כריסטוסן דעם הערשער, ווי ס'האט אים אויפגעפאסט די קונסט אָדער אונזער משונהדיקע געזעלשאפט, נאר איך רעד וועגן דעם אומגליקלעכן נע-ונעדניק, וואס האט אליין נישט געהאט וואו דעם קאָפּ אַוועקצולייגן.

— חבר — האט אים שליימאַן איבערגעריסן — כ'נעם נישט צו ביי אייך אייער יעזוס! אבער לוקאַס האט לגמרי נישט געלייגט קיין אַכט אויף זיינע ווערטער, נאר גערעדט ווייטער.

— ער איז געווען דער ערשטער רעוואָלוציאָנער, דער באַגרינדער פון דער סאָציאַליסטישער אידעע, וואס האט געפלאַמט מיט האס צו די רייכע און צו אלץ, וואס איז אין זיי פארקערפערט: גאַווה, לוקסוס און מאַכט. ער איז געווען אן אָרעמער נע-ונעדניק, אַ מענטש פון פאָלק, אַ פריינט פון שוואכע. און ער

האט געזאָגט: געבענטשט זענען די אונטערדריקטע און ווײ איז די אונטערדריקער. דעם קעמל וועט זײן לײכטער דורכצוגײן דורכן לעכל פון אַ נאָדל, ווי דעם גביר דאס טויער פון גן־עדן. ער האט געסטעמפּלט די בלוטזויגער, געשריגן צו זײ: — אָ, ווײ צו אײך שלאַנגען, יאשטשערקעס! ווי אזוי וועט איר אײך אויסבאהאלטן פארן פײער פון גיהנום? און זײ האבן אים געקרײצט! פארוואס? ווײל ער האט געהעצט ס׳פאָלק קעגן זײ. און ווער האט אים געגומען אין באַזיץ? די ליגנערישע קירך, די שווינדלער, בלוטזויגער. מיט דימענטן באפוצן זײ דאס בילד פון אָרעמען טשעסלערס זון פון נצרת. די אינדוסטריעלער זענען מקריב פאר אים דאָלאַרן, געלט, וואס איז אויסגעמישט מיטן בלוט פון ארבעטער און זײערע קינדער.

— בראַוואָ! בראַוואָ! — האט זיך שלײמאַן צעלאכט.

אבער לוקאס האט נאך אלץ נישט איבערגעריסן זײן לאנגע דרשה, וועלכע ער האט שוין געפּרעדיקט זײט פינף יאר.

— אט דעם ישו הנוצרי מײן איך דעם באַוואוסטזיניקן ארבעטער. דעם אגיטאַטאָר, צעשטערער פון רעכט, דעם אנארכיסט. אים, דער חשובער מענטש און וועלט־מײסטער, וועמענס נשמה און גוף דער קאפּיטאַליזם האט פארטוישט אויף דאָלאַרן. אָ, ווען ער וואלט דא הײנט געווען? זײן נשמה וואלט זיך אנגעצינדן מיט האס צוקוקנדיק, ווי אזוי מ׳האט מיסגעברויכט מיט זײן נאָמען. ער וואלט זיך דערוואוסט, וואס ס׳געשעעט אין צאַרישן רוסלאנד, ער וואלט געזען, וואס סטוט זיך אויף די מאַנדזשוריער פעלדער, וואו אײן מענטש הרגעט דעם אנדערן, טראָגנדיק זײן בילד אויפן הארץ.

— נײן, חבר, — האט שלײמאַן אים איבערגעריסן — פּריסטוס איז געווען געגוג פּראקטיש. ער וואלט גענומען אײנס פון די קלײנע אײעלעך דינאמיט, וואס מ׳האט יעצט אזוי פול ארײנגעפירט קײן רוסלאנד, און יעדער אײנציקער קאן עס גאנץ באַקוועם טראָגן אין קעשענע, אט מיט דעם וואלט ער אויפגעריסן דעם גרעסטן טעמפּל

אלע האבן זיך צעלאכט. לוקאס האט געדולדיק איבער־געוואַרט און אנגעהויבן רעדן ווייטער:

— חבר, איר נעמט אַלץ צו פּראַקטיש און צו פּאָליטיש. איר מוזט אבער נעמען אין אכט, אז כריסטוס איז א היסטארישע פיגור, געשעצט פון אלע מענטשן. צי דארפן מיר נישט אים ארויסרייסן פון די הענט פון אונזערע שונאים? צי מעגן מיר לאָזן זיי פעלשן זיין לערע, פארטושן די מוחות ביי מיליאָנען מענטשן? ניין, טויזנט מאָל ניין. מיר מוזן אויסנוצן זיין אויטאָ־ריטעט, כדי צו פארטרייבן די פּאַראזיטן פון דער קירך און צו רעוואָלוציאָניזירן די מאסן.

שליימאן האט זיך צעלאכט. ער האט ארויסגענומען אַ נאטיץ ביכעלע, אריינגעקוקט אין דעם און געזאָגט:

— חבר, אט קאן איך אייך שוין עפּעס באווייזן. ביי א ביסקופּס ווייב האט מען צוגעגנבעט בריליאַנטן פאר פופציק טויזנט דאָלאר. דער ביסקופּ איז דאך געווען געלערנט, א פילאנ־טראָפּ, א פריינט פון ארבעטער־קלאס.

נאָכדעם האט ער אויף א נאיוון אופן אויסגעדריקט זיין באוואונדערונג, ווי ווייט צוויי סאציאליסטן קאנען זיך אונטער־שיידן אין זייערע מיינונגען. ער האט געהאלטן, אז דער סאציאליזם האט א קלאר פאָרמולירט פּראגראם, וואס יעדער מוז זיך צו דעם צופּאסן. צי וואלט נישט גלייכער געווען, אז דער קעגנערישער צד זאל זיך אָפּן ארויסזאגן? לסוף זענען זיי גע־קומען צו א באשלוס: דער סאָציאליזם צילט צו נאציאָנאליזירן די פּראָדוקציע און באוואוסטזיניק צו מאכן דעם פּראלעטאריאט.

ביי לוקאַסן איז דאס געזעלשאפטלעכע נאציאָנאליזירן אויסגעקומען א ניי ירושלים. ביי שליימאן איז עס נאר געווען אן איבערגאנגס־פארם צו דער אלגעמיינער אנטוויקלונג. ער האט זיך גערופן „פילאָסאָף־אַנארכיסט", געגלייבט אין דער פרייער אנטוויקלונג פון אינדיווידום, נישט געהאלטן פון די פארשידענע רעכט, סיידן די רעכט פון אייגענעם „איך". אויפן מאטעריעלן געביט האט טאקע געקאנט הערשן דער קאָלעקטיוו, אבער אין גייסטיקן איז דער מענטש פאר זיך. אָט דאס זענען באַ־

שטאנען די פּאָרמולן פאר א היינטיקן פּראָלעטארישן אינטעליגענט.
ווי ס׳וועלן נאר פארביי די ערשטע שטורם־טעג, דאן וועט שוין
די איינאָרדענונג זיין אַ רעגולערע, יעדער וועט באקומען אר-
בעט און א גוטן לוין. די אנטוויקלונג פון דער אינדוסטרי וועט
פארקומען אויטאָמאטיש, אז מיר וועלן עס לגמרי נישט בא-
מערקן. די געזעלשאַפט וועט זיין איינגעטיילט אויף פרייע גע-
מיינדעס, באשטימט פון פרייע מענטשן, ווי למשל קלובן,
פּארטייען. נאך דער רעוואָלוציע וועלן אָט די דאזיקע גע-
מיינדעס באפרידיקן די אינטעלעקטועלע באדערפענישן פון די
מאסן.

דאן האט ער אָנגעהויבן פאר זיי שילדערן, דעם געזעל-
שאַפטלעכן אָפּגרונט, וואס געשעעט אַ דאנק דער פרייער קאָנקו-
רענץ. ער האט געשילדערט די קאַמפן אין דער אינדוסטריע,
די פארשידענע רייבונגען אין דער געזעלשאפט, גערעדט וועגן
די אומנייטיקע הלוואות, אַ דאנק וואס דער קאַפּיטאַל וועט אין
משך פון צוואָנציק יאָר זיך נאך מער פאַרגרעסערן. ער האט
נאך גערעדט וועגן לוקסוס פון די רייכע און די נויטן ביי די
אָרעמע, וועגן דער גרויסער צאָל אומנייטיקע באַשעפטיקונגען,
ווי למשל הוטן-פּיצערינס, פּריזערערינס, טאַנצמייסטער, קיכער,
לאָקייען. כמעט דרייסיק פּראָצענט פון דער מענטשהייט פּראָדו-
צירט אומנייטיקע זאכן און קוים איין פּראָצענט באַנוצט זיך
מיט דעם. דער ערלעכער טייל פון דער געזעלשאפט מוז אויס-
האלטן די דאָזיקע באנדע. דאס איז אַ מוראדיקע קרענק, וואס
צעשטערט דעם גאַנצן געזעלשאַפטלעכן אָרגאַניזם.

אומגעפער הונדערט טויזנט פרויען ווערן באַדינט פון
אַ מיליאָן אָרעמע, אומגליקלעכע פרויען, וואס קאנען זיך נישט
פארגלייכן צו זיי, און דער דאָזיקער מיליאָן ווערט ערשט אויס-
סניי באַדינט פון פרישע פינף מיליאָן. און ערשט די גרויסע
ארמעע, וואס קליידט זיך לויט דער מאָדע, באנוצט ארום זיך
אַ שטאַב מיידלעך, הוטן-פּיצערינס, אָנגעשטעלטע, דינסטן, וואס
מוזן לסוף זיך פארקויפן אין שאַנד־הייזער, כדי זיך צו קליידן
אזוי שיין ווי די איבעריקע. די פאַבריקאַנטן טראכטן אויס אין

די שלאָפלאָזע נאַכט נוצלאָזע זאַכן, די קרעמער האָבן עס צו פאַרקויפן און די צייטונגען לויבן זיי ביז אין זיבעטן הימל.

דער יונגער פישער האט זיך ארייַנגעמישט:

— און וויפל גייט פאַרלוירן אַ דאַנק דעם סיסטעמאַטישן שווינדל. די רעקלאַמע, די קונסט פון באַשווינדלען די קויפער, דאס צורעדן צו קויפן אומנייטיקע זאַכן, אָט דאס איז אַ פּלאָג פאַר דער געזעלשאַפט. מיר זענען פאַרקנעכטעט צום קאַפּיטאַ-ליזם, די קליידונג, די פּראָדוקטן, אַלץ איז געפעלשט.

— און וואס איז דער סוף פון דעם אַלעם — האט צוגעגעבן דער געוועזענער פּרעדיקער — דער סוף פון דעם איז: אכזריות, גניבה, עגאָיזם, גיריקייט. דער באַזיס פון דער קאָנקורענץ באַ-שטייט אין נאָכפּעלשן דעם אַנדערנס אויסאַרבעטונג. צו דעם קומט נאָך צו דער מיאוסער, קרעמערישער פּרינציפּ: קויף וואס ביליקער און פאַרקויף וואס טייערער. אַ רעגירונגס-באַאַמטער האט מיר דערקלערט, אז ס'פאָלק ליידט אויף די געפעלשטע שפּייז פּראָדוקטן אַ פערטל מיליאָן דאָלאַר יערלעך. די מענטשן ווערן פון זיי קראַנק, שטאַרבן מיט צענדליקער יאָרן פריער!

— יאָ, ס'איז שווער דאס אַלץ אויפצונעמען — האט רע-דאַקטאר ריימאָנד געזאגט — דער סאָציאַליזם וועט שוין באַזאָרגן דאס פאָלק מיט כל-טוב. דער קאַפּיטאַל וועט אָנגעהערן אַלע און אַלע וועלן ליידן די היזקות, וואס די געזעלשאַפט וועט האָבן. די אַלגעמיינע באַנק וועט פירן אַ חשבון פון יעדן יחיד, דאָרט וועט אויך ווערן אויסגעגלייכט די אַרבעט און דער לוין. אַ געשאַפענער ראַט וועט קויפן און פאַרקויפן אַלע נייטיקע זאַכן אָן ריווחים. אויף דעם אופן וועט שוין ממילא אָוועקפאַלן דער שווינדל און די קאָנקורענץ.

— און ווי אזוי וועלן באַשטימט ווערן די פּרייזן אויף סחורות?

— דאס וועט שוין מוזן באַשטימט ווערן לויט דער מאָס אַרבעט, וואס וועט נייטיק זיין צו דער דאָזיקער פּראָדוקציע. ס'וועט געשען אויף אַ גאַנץ פּשוטן אופן. למשל, אַ מיליאָן אַר-

בעטער וועלן ארבעטן אין פעלד הונדערט טעג און זיי וועלן האָבן פון זייער ארבעט אַ מיליאַרד קערץ תבואה, די ווערט פון אַ קערץ תבואה, לאָמיר אָננעמען, וועט באַשטיין איין צענטל ארבעטס טאָג, אויף אזא אופן, וויבאלד זיי וועלן באַקומען פאר זייער אַרבעט פינף דאָלאַר טעגלעך, וועט אַ קערץ תבואה קאָסטן פופציק סענט.

רעדאַקטאר מייגאַרד האט אים איבערגעריסן:

— איר רעדט וועגן דעם ארבעטס־לוין אויפן פעלד. צי וועט דען נישט זיין קיין העכערע און נידעריקערע ארבעטן?

— פאַרשטייט זיך, אז ס'וועלן זיין לייכטע און שווערע אַרבעטן. אנדערש וואָלטן מיר געהאט מיליאָנען בריוטרעגער און נישט איין קוילנגרעבער.

— נישט יעדער ארבעט וועט מעגלעך זיין אזוי גענוי אויס־צורעכענען, למשל די גייסטיקע ארבעט.

— די גייסטיקע ארבעט איז אוממעגלעך, אז זי זאל אונ־טערליגן אַ קאָנטראָל. איך האָב שוין פריער וועגן דעם גערעדט. די געזעלשאפט קאן זאָגן, אז אָנצושרייבן אַ ווערק איז גענוג אַ יאָר צייט, און דער שריפטשטעלער זאָגט גאר, אז צו שאַפן אַ ווערק איז אים נייטיק דרייסיק יאר. געטהע האט געזאגט, אז יעדעס געשאַפענע ווארט איז ווערט אן אוצר גאָלד. און אזוי זי יעדער וועט געניסן פון די גייסטיקע אוצרות, וועט ממילא אויף דעם געביט נישט פאָרקומען קיין שפּאָרזאַמקייט. אָן אַ פרוטה געלט וועלן מיר באַקומען ביכער און זשורנאַלן, וואס וועלן זיין געווידמעט דעם ספּאָרט און די קונסט, קלאָר מאַכן פאַר אונז די אידעען פון פרידריך ניטשע, דער באַגרינדער פון דער עוואָלוציע. מיר וועלן האבן אַ מעגלעכקייט זיך צו באקענען מיט פארשידענע אַרטיקלען, וועגן דעם צוזאַמענלעבן פון מאן און פרוי און וועגן פאַמיליען־אויפבינדונג.

דאָ האט ער זיך צעלאכט:

— כ'האב שוין פאַר אייך אָפּגעהאלטן אַ גאנצן רעפעראַט, אבער דאס איז נאר דער „אַני־מאַמין“ פון אונזער הויכן אידעאַל.

— וואס וואָלט איר אונז נאך געקאָנט זאגן וועגן דעם? — האט געפרעגט רעדאַקטאָר מיינאַרד.

— איך האב ביז יעצט גערעדט וועגן דער שלעכטער זייט פון דער קאָנקורענץ און לגמרי פארשוויגן די גוטע פאָלגן פון קאָלעקטיוו. לאָמיר אָננעמען, אז יעדער פאַמיליע וועט באַשטיין פון פינף מענטשן. ביי אונז אין לאנד געפינט זיך אומגעפער פופצן מיליאָן פאַמיליעס. צען מיליאָן איז איינגעאָרדנט אויף אייגענער באַלעבאַטישקייט, ביי-היינט-צו-טאג פאלט די גאנצע לאסט פון דער שטוב ארבעט אויף דער מוטער, אדער אויף דער דינסט. אנדערש וואָלט אָבער געווען ביי אַ סאָציאַליסטישע אָרדענונג. אנשטאט אט די שקלאַפן, וואלט די דאָזיקע ארבעט אויסגעפירט געוואָרן דורך אַ מאשין.

צען מיליאָן פרויען פטרן אַ צוואָנציקסטל חלק פון טאג אויף וואַשן געפעס, אַנדערש וואָלט אבער געווען, ווען יעדער געמיינדע וואלט פארמאָגט אַ מאָדערנע מאַשין, וואס וואשט און ווישט ס׳געפעס לויט די שטרענגסטע היגענישע כללים. דאס וואלט איינגעשפּאָרט צייט און אָוועקגענומען די פרוי פון דער מיאוסער ארבעט. לייענט גילמאַנס בוך אויף דער טעמע, אבער קאָראָפּאַטקינס פעלד, פאַבריק און האנטווערק — אן אָפּהאַנדלונג וועגן ווירטשאַפט-לערע און איר אנטוויקלונג אין די לעצטע צען יאָר. אַ דאנק טאקע דער אינטענסיווער ווירטשאפט באווייזט דער גערטנער אַראָפּצוקליבן צוועלף מאל אזוי פיל געוויקסן. די פּאַרייניקטע-שטאַטן וואָלטן געהאט אַ מעגלעכקייט צו דער-נערן די גאַנצע מענטשהייט.

— אז די סאָציאַליסטן וועלן איבערנעמען דעם רודער אין זייערע הענט, אָנהייבן אלץ צו פירן לויט די נייעסטע מעטאָדן, וועט די גאנצע וועלט באקומען אן אנדערן אויסזעע. די וויסטע ליידיקע ערטער וועלן באַנוצט ווערן אויף שפּיל-פּלעצער פאר קינדער און ספּאָרטלער, אויף אָפּרו-ערטער פאר גייסטיקע אַר-בעטער. די ראַטן וועלן באַשטימען פּאַסיקע ארבעטס-פּלעצער פאר יעדער פּראָדוקציע באַזונדער. מיט דער ארבעט וועלן זיך

פארנעמען ספעציעלע אָגראָנאָמען, זיי וועלן זיך באַנוצן מיט די מאָדערנסטע מאַשינען.

— יאָ, כ׳בין דערצויגן געוואָרן אין אַ דאָרף, כ׳קען גוט די שווערע, מאָזאָלישע ארבעט פון פויער, די שטענדיקע איינטאָניקייט אין זיין לעבן. אָבער נישט אייביק וועט ער אזוי ליידן, די רעוואָלוציע וועט אַ סוף מאכן מיט דעם. אָט וועל איך פאר אייך אין עטלעכע ווערטער שילדערן דאס בילד פון דער צוקונפט: אַ גרויסע מאַשין וועט פארזעצן קאַרטאָפל, אַן אנדערע מאַשין וועט זיי אויסגראָבן פון די ערד און שיטן אין זעק אריין. דאס זעלבע וועט געשעען מיט אַנדערע געוויקסן. מאַשינען וועלן רייסן די פרוכטן פון די ביימער, די קי וועט מען מעלקן מיט דער הילף פון עלעקטריע, דאס איז שוין אפילו מעגלעך אויך היינט. אט אזוי וועט אויסזען אויפן פעלד אין דער צוקונפט.

— גיט א קוק! מיליאָנען גליקלעכע צעפּאָרן זיך זומער אין די דערפער, כדי זיך אָפּצורוען. אבער ווי אזוי לעבט דער פויער? ביידע, ער מיטן ווייב פּייניקן זיך אין דער ווירטשאפט פון פיר באַגינען ביז צען ביינאַכט. די קינדער, קוים וואס זיי האבן אָנגעהויבן גיין, ארבעטן שוין אין פעלד צוגלייך מיט טאטע-מאמע. זיי זענען אָפּגעשניטן פון דער גרויסער וועלט, פון פראָגרעס, פון דער ציוויליזאַציע, פון אלע גייסטיקע פאַרגעניגנס, זיי פּייניקן זיך גאָר, און נישט מער. און אָט די דאָזיקע שקלאַפן רעדן זיך איין, אז זיי זענען פרייע מענטשן. יאָ, זיי זענען צופרידן, ווייל זיי זעען נישט די קייט, מיט וואס ס׳האט זיי געבונדן די פרייע קאָנקורענץ!

דאָ האט זיך שוין צום ערשטן מאָל ארייגעמישט די יונגע סטודענטין.

— ווי אזוי וועט דער סאָציאַליזם דאס אלץ איינפירן אין לעבן?

— ווילאַנג ס׳עקזיסטירט עקאָנאמישע קנעכטשאַפט זענען אלע ארבעטן גלייך, נישטא קיין לייכטע און שווערע, אָנגענעמע און עקלדיקע, סיי ווי ווערט צו יעדער ארבעט איינגע-

שפּאַנט דער אָרעמער האָרעפּאַשניק. נאָך דער רעוואָלוציע וועלן זיך ענדערן די לוין-פּאַרהעלטענישן. די שמוציקע, אָפּגעלאָזענע פּאַבריקן וועלן פאַרשוואונדן, ס'וועט ביליקער אויסמאַכן צו בויען נייע, בעסערע. די שיפן וועלן זיין פאַרזעען מיט אַפּאַראַטן, וואָס וועלן אויטאָמאַטיש שיטן קוילן אין די ברען-אייוונס, מיט באַשיצונגס-אַפּאַראַטן, וואָס וועלן באַשיצן די אַרבעטער פון אומגליקס-פאַלן. אַלץ וועט באַקומען אַן אַנדער פּנים, ווייל ס'וועט זיך אויך ענדערן דער געדאַנקען גאַנג ביים פּראָלעטאַריאַט. די גלייכבאַרעכטיקונג אין דער אינדוסטריע, אין גייסט און קערפּער, וועט באַפרייען די מענטשהייט פון קנעכטשאַפט.

—וואָס זעען מיר היינט? מיט יעדן טאָג וואַקסן די פּרייזן אויף לעבנסמיטל, מענטשן וועלן שוין באַלד חלומען וועגן פלייש און ברויט, ווי וועגן אַ גאָלד-אוצר. אָבער נישט לאַנג וועט עס נאָך דויערן! לאָמיר אַ בליק טון אין אַן אַנדערער זייט. ביים קאַפּיטאַליזם איז די פּאָליטישע קאָרופּציע אַן אומפאַרמיידלעכע דערשיינונג, מיטן לאַנד רעגירט אַ באַנדע גאַרישע פּאָליטיקער, וואָס שאַפן מאָדנע פאַרהעלטענישן, פון וועלכע די געזעלשאַפט ווערט אָנגעשטעקט מיט פאַרשידענע קראַנקהייטן, ביז זי גייט לסוף אונטער. אפילו די וויסנשאַפט איז נישט ביכולת עפּעס צו העלפן. אַ העלפט פון דער מענטשהייט איז פאַרוואַנדלט אין מאַשינען, וואָס אַרבעטן פאַר די אונטערנעמער. די דאָזיקע מענטשן וואוינען אין ענגע שטיבלעך, לעבן אין אַן אומבאַשרייבלעכער נויט. די שווערע אַרבעטס-באַדינגונגען ברענגען אויף זיי פאַרשידענע חולאתן, פון וואָס קיין שום דאָקטאָר אויף דער וועלט קאָן זיי שוין נישט אויסהיילן. און אַזוי ווערט אָנגעשטעקט די גאַנצע געזעלשאַפט. דער טאַלענט פּרוווט זיך אַרויסרייסן פון דעם גיהנום, ער זוכט פאַר זיך אַן אָרט צו זיין התבודדות, אָבער אומזיסט! נישטאָ קיין עקזיסטענץ פאַר זיינעטוועגן, נישטאָ פאַר אים קיין גליק אין זיין איינזאַמקייט. אַלע ערפינדונגען פון די וויסנשאַפטלער וועלן נישט האָבן די מינדעסטע באַדייטונג, כל-זמן דער פאַרדאָרבעני-

נער מענטשהייט וועט נישט אומגעקערט ווערן זייער געבוירן־רעכט, כל־זמן זיי וועלן באמת ניט אנהייבן לעבן — מענטשלעך!

עס איז אנטשוויגן געווארן. קיינער האט שוין נאך אים נישט גערעדט. יורגיס האט זיך אומגעקוקט ארום, זיין בליק איז געפאלן אויף דער יונגער סטודענטין. זי האט זיך אויפמערקזאם צוגעהערט צו די פריערדיקע ווערטער, איר פנים האט געשטראלט, פונקט ווי יורגיס, בעת ער האט זיך ס׳ערשטע מאל געפונען אויף דער פארזאמלונג. יורגיס האט געוואלט צו איר צוגיין, פרעגן זי עפעס, נאר זי וואלט אים געקאנט פארשטיין. אבער פלוצלינג האט ער אונטערגעהערט, ווי פרוי פישער האט איינגערוימט די סטודענטין אין אויער:

— כ׳בין טשעקאווע צו וויסן, צי הער מיינארד, דער רעדאקטאר וועט נאך שרייבן קעגן סאציאליזם?

און די סטודענטין האט אפגעענטפערט:

— כ׳ווייס נישט צי נישט, נאר ווייבאלד ער זאל עס טון, וואלטן מיר געוואוסט, אז ער איז א געמיינער אויסוואורף.

* *

ס׳איז אנגעקומען דער טאג פון די וואלן. דער קאמף איז געווען א מורדיקער. דאס גאנצע לאנד האט מיט איינגעהאלטענעם אטעם געווארט אויפן אויסגאנג פון די וואלן.

יורגיס מיט נאך עטלעכע חברים האבן גיך אפגעגעסן מיטאג און נאכדעם אוועק אין דער גרויסער זאל, וואס די סאציאליסטישע פארטיי האט אפגעדונגען אויפן היינטיקן אוונט.

אז זיי זענען אנגעקומען אהין איז די זאל שוין געווען איבערפולט. אויף דער טריבונע האבן געקלאפט די טעלעגראפישע אפאראטן, וואס האבן מיטגעטיילט די צאל שטימען פון יעדן וואל ראיאן. באלד אין ערשטן וואל ראיאן האט די צאל סאציאליסטישע שטימען דערגרייכט פיר הונדערט טויזנט, דארט

יענען די צאָל שטימען געשטיגן אויף דריי הונדערט און פופציק פּראָצענט, אין פאַרגלייך צו די וואַלן מיט פיר יאָר צוריק. דער אָנהייב איז נישט געווען קיין שלעכטער. מיט גרויס שפּאַנונג האט מען אָנגעוואַרט די ציפערן פון די איבעריקע וואַל־ראַיאָנען. יעדער איינער האט געגלייבט אין א נצחון פון די סאָציאַליסטן. יעדער איז געווען זיכער, אז די אלגעמיינע צאָל שטימען וועט דערגרייכן ביז אַכט הונדערט טויזנט. דער סאָציאַליזם אין טשיקאַגאָ האט געבושעוועט ווי מעכטיקע כוואַליעס. אין יאָר 1900 האט די סאָציאַליסטישע פּאַרטיי דאָ אָנגעצויגן קוים זעקס טויזנט מיט זיבן הונדערט שטימען, היינט זיבן און פערציק טויזנט. אין ילינויאַ איז די צאָל שטימען פון ניין טויזנט זעקס הונדערט, דערגאַנגען ביז זעקס און ניינציק טויזנט.

מענטשן האבן כסדר אריינגעשטראָמט אין זאַל אריין, די מינוט איז געווען א געהויבענע, אלע מיילער זענען געווען פאַרנומען מיט איין און דערזעלבער פראַגע: וואס זאגט דער לעצטער ציפער? מ׳האט געלייענט די טעלעגראַמען, וואס זענען אָנגעקומען פון אלע וואַל־ראַיאָנען, די מאַסע האט אַפּלאָדירט, עמעצער האט אראָפּגערעדט פון א טריבונע, ווידער איז אנגעקומען א טעלעגראַם און ווידער האט די מאסע געפּאַטשט בראַוואָ.

אין שטאַט „אינדיע" האט די צאָל שטימען דערגרייכט צוועלף טויזנט, אַ מאָל נאָר צוויי טויזנט צוויי הונדערט. אין וויסקאָנס ביז אַכט און צוואנציק טויזנט און אין אַיאָ פון פיר טויזנט אַכט הונדערט אויף זעקס און דרייסיק טויזנט! די אַפּאַראַטן האבן געקלאַפּט, מיטגעטיילט געגוי די צאָל שטימען. די ענטוזיאַסטן פון די פּראָווינץ שטעט האבן געשיקט א דעפּעשע נאך א דעפּעשע. איין יאָר און וואס פאר א קאָלאָסאַלע ענדערונג. ס׳איז געלעגן א גאנצער שטויס טעלעגראַמען פון עטלעכע הונדערט שטעט.

אויף דער טריבונע זענען געשטאַנען די אָנגעזעענסטע חברים און אויסגעצייכנט אַגיטירט. צו יעדער טעלעגראַם איז געוואָרן צוגעגעבן פּירושים: — אין קוואנט־ילינויאַ, איז די צאָל

שטימען געוואַקסן פון הונדערט ניין און אכציק אויף אַכט הונ-דערט איין און דרייסיק, נישט געקוקט אויף דעם, וואס דער דאָרטיקער בירגערמייסטער האט באפוילן צו בינדן א סאָציאַליס-טישן רעדנער. אין גראַפּוואָרד-קאָנט, קאַנזאַס, פון צוויי הונדערט פינף און אַכציק אויף טויזנט ניין הונדערט פינף און זיבע-ציק — אָט איז דער בפירושער ענטפער פון פראָלעטאריאַט קעגן דער פאַרייניקטער אַקציע פון קאַפּיטאַל.

און צו דעם זענען נאך אנגעקומען אָפיציעלע ידיעות פון די פארשידענע וואַל-אורנעס אין טשיקאַגאָ גופא, סיי פון אר-בעטער קוואַרטאל און סיי פון בירגעלעכן. אומעטום איז אומ-געוויינלעך געוואקסן די סאָציאַליסטישע צאל שטימען. אממייסטן האבן די פארטיי פירער באוואונדערט דעם צווואוקס פון שטי-מען אין סטאָקיערדס. אין יאָר 1903 האט די צאל שטימען פאר דער סאציאליסטישער פארטיי, דערגרייכט דארט קוים דריי הונ-דערט, ביים סוף פון זעלבן יאָר, שוין טויזנט זעקס הונדערט. יעצט האט די צאל שטימען דערגרייכט זעקס טויזנט דריי הונ-דערט, אין דערזעלבער צייט, ווען די צאל שטימען אין דער דעמאָקראטישער פארטיי איז אראָפּגעפאלן ביז אכט טויזנט. ס'זענען געווען אזוינע וואַל אורנעס, וואו די צאל סאציאליסטי-שע שטימען האט ממש געהאט א מערהייט. טשיקאַגאָ האט פאר-נומען ס'ערשטע אָרט, דאס איז געווען א באווייז, אז דער פראָלעטאריאט איז דא אַרויף אויף נייע וועגן.

אויף דער טריבונע איז געשטאנען א רעדנער און גע-רעדט. צוויי טויזנט מענטשן האבן געקוקט אויף אים ווי אין א געשפּענסט. ביי יעדן וואָרט איז אויסגעבראָכן שטורמישע אַפּ-לאָדיסמענטן. דער דאזיקער מענטש איז געווען דער שעפער פון פאַ"קס-הויז אין סטאָקיערדס, וואו ס'האט געהערשט א מורא דיקע ארעמקייט. פון צו פול ארבעטן איז ער געפאלן פון די כחות. ער איז נאך געווען יונג ער האט שוין אויסגעזעען אלט, פארמאַטערט. אז ער האט אויפגעהויבן די האנט צום קאָפּ, [illegible] זיך יורגיסן געדוכטן, אז ער זעעט פאר זיך דאס גע-[illegible] פון דער רעוואָלוציע.

— אָרגאַניזירט אייך! — האָט ער געשריגן — טרעט אַריין אין דער סאָציאַליסטישער פּאַרטיי!

ס'איז קענטיק געווען, אַז ער איז איבערגעשראָקן פון דער גרויסער צאָל שטימען, מורא געהאַט, אַז די פּאַרטיי זאָל אַמאָל פון דעם נישט ליידן. און ער האָט גערעדט צו דער מאַסע:

— נישט אַלע פון די, וואָס האָבן אָפּגעגעבן פאַר אונז די שטימען זענען סאָציאַליסטן. די וואָלן זענען פאַריבער, פאַר־שוואונדן וועט דער ענטוזיאַזם. דער פּראָלעטאַריאַט וועט ווידער ווערן אומעמעכטיק, זיי וועלן ווידער גלייכגילטיק ווערן צו דער גרויסער סאָציאַליסטישער אידעע. מיר וועלן פאַרלירן זייערע שטימען, און אונזערע שונאים וועלן פון אונז לאַכן. חברים, פון אייך איז אָפּהענגיק אונזער צוקונפט! איר דאַרפט זיך באַשליסן, טאַקע שוין יעצט, כל־זמן די באַגייסטערונג איז נאָך נישט פאַרשוואונדן. זוכט אויס די, וואָס האָבן אָפּגעגעבן פאַר אונז די שטימען, ברענגט זיי אויף אונזערע פאַרזאַמלונגען, אָרגאַניזירט זיי, זיי מוזן ווערן מיטגלידער אין דער סאָציאַ־ליסטישער פּאַרטיי. נישט אין אַלע קאַמפן וועלן מיר זיגן. אָט שוין, אין דער נאַכט האָבן זיך אוועקגעזעצט די אַלטע פּאָליטיקער אויסצופאָרשן די סיבה פון אונזער נצחון, און באַלד וועלן זיי פונאַנדערוויקלען זייערע אַנטיסאָציאַליסטישע פּלענער און אָנ־הייבן מיט אונז דעם קאַמף.

אַ דאַנק די פופציק טויזנט סאָציאַליסטישע שטימען וועלן מיר האָבן אַ מעגלעכקייט צו זיין פאַרטרעטן אין טשיקאַגאָער שטאָטראַט. אָבער די האַרן וועלן ווידער פאַרטושן די מוחות ביי די מאַסן, לאָזן אין באַוועגונג דעם גרויסן אַפּאַראַט פון קאָרופּציע. זיי וועלן באַקומען די מאַכט אין זייערע הענט און ס'וועט זיך זיי לגמרי נישט גלוסטן צוצולאָזן דעם פּראָלע־טאַריאַט צו דער שטאָט־פאַרוואַלטונג. אָבער מיט דעם וועלן זיי געבן די סאָציאַליסטן די גרעסטע קאַמפּס אויסזיכטן, וואָס זענען נאָך ביז יעצט קיינמאָל נישט געווען אין אַמעריקע. אָט טראָגט זיך צו אונז אַ גרויסע כוואַליע, וואָס שליידערט דעם פּראָלע־

טאַריאַט אין אונזערע אָרעמס. מיר וועלן זיי פאַרייניקן אין איין
ריי, דערפירן זיי ביזן לעצטן נצחון. מיר וועלן צעברעכן אלע
שטערונגען, אָפּרוימען פון וועג אונזערע קעגנער. טשיקאַגאָ
וועט זיין אונזער! די גאַנצע וועלט וועט זיין
אונזער!

סוף

אלע ווערק פון אײפּטאָן סינקלער אין יידיש !!!

אײפּטאָן סינקלער איז ביים היינטיקן טאָג בלי ספק איינער פון די באַדייטנדסטע און מוטיקסטע קעמפער פאַר דער סאָציאַלער גערעכטיקייט אין דער אַלטער און נייער וועלט. זיינע ווערק, ווי למשל „דער זומפּ" זענען אַ שוידערלעכע, בלוטפאַרגליווערנדיקע שילדערונג פון די אומדערהערטע און אכזריותדיקע קאַמפּס-מעטאָדן פון די אַמעריקאַנישע קאַפּיטאַליסטן קעגן די אַרבעטער.

אײפּטאָן סינקלער ווערט מיט רעכט אָנגערופן „דאָס געוויסן פון דער וועלט", און נישט געקוקט אויף דער העץ-קאַמפּאַניע קעגן אים איז ער שטענדיק אַרויסגעטרעטן אַלס פאַרטיידיקער פון די באַעוולהטע און אונטערדריקטע און אַלס אָנקלאָגער פון הערשנדן רעזשים.

אײפּטאָן סינקלערס ווערק זענען אין משך פון אַ קורצער צייט פאַרשפּרייט געוואָרן אין מיליאָנען עקזעמפּלאַרן און איבערגעזעצט געוואָרן אין צענדליקער שפּראַכן.

דער פאַרלאַג ש. גאָלדפאַרב איז צוגעטרעטן אַרויסצוגעבן אַלע ווערק פון גרויסן אמעריקאַנישן שריפטשטעלער אין דער יידישער שפּראַך. ביז איצט זענען דערשינען אין דרוק :

דער זוכער פון אמת || דזשימי היגינס

דער זומפּ

עס גרייטן זיך צום דרוק אַ ריי אַנדערע באַדייטנדע ווערק פון אײפּטאָן סינקלער.

אַלע ביכער פון אַנאַטאָל פראַנס אין יידיש!!!

אַנאַטאָל פראַנס איז איינער פון די גרעסטע און באַרימטעסטע מאָדערנע פראַנצויזישער שרייבער.

אַנאַטאָל פראַנס איז איינער פון די גרעסטע שפּראַך-מייסטער אין דער וועלט-ליטעראַטור. זיינע ווערק זענען א מוסטער פון געניאַלער פשטות אין סטיל און פאָרם, און גלייכצייטיק פון ראַפינירטעסטער געדאַנקען-קאָמפּליצירטקייט.

אַנאַטאָל פראַנס איז דער קטיגור און גלייכצייטיק סניגור פון אונזער צייט, זיינע ווערק זענען א געניאַלע אָפּשפּיגלונג פון די סאָציאַל-פּאָליטישע און קינסטלערישע ראַנגלענישן פון דער מענטשהייט.

דער פאַרלאַג **ש. גאָלדפאַרב** אין וואַרשע איז צוגעטרעטן ארויסצוגעבן אין דער יידישער שפּראַך אלע ביז איצט נאָך נישט דערשינענע ווערק פון בארימטן פראַנצויזישן שריפט־שטעלער און נאָבעל-לאַורעט אַנאַטאָל פראַנס:

ביז איצט זענען דערשינען פאָלגנדע ווערק:

קאָמישע געשיכטע
דער פּינגווינען־אינזל — יידיש מ. האַלצבלאַט
דאָס פאַרברעכן פון סילוועסטער באָנאַר „ „ „
אינם שאָטן פון דער קירך „ „ „

עס גרייטן זיך צום דרוק און דערשיינען אינגיכן:

עפּיקורס גאָרטן — יידיש מ. האַלצבלאַט
דער הילצערנער מאַנעקען „ „ „
דער אַמעטיסטן־רינג „ „ „
ה׳ בערזשערע אין פּאַריז „ „ „
די זיבן פרויען פון בלויבאָרדיקן „ „ „
זשאָקאַסטע — „ „ „

עס דרוקט זיך און דערשיינט אינגיכן:

געאָרג בראַנדעס — אַנאַטאָל פראַנס זיין לעבן און ווערק

אַלע ווערק פון וויקטאָר מאַרגעריט אין יידיש!!!

וויקטאָר מאַרגעריט איז ביים היינטיקן טאָג איינער פון די צום מייסטנס געלעזענע שרייבער אין דער גאַנצער וועלט. זיינע ווערק זענען אין אַ קורצער צייט פאַרשפּרייט געוואָרן אין הונדערטער טויזנטער עקזעמפּלאַרן און איבערגעזעצט געוואָרן כמעט אין אַלע אייראָפּעישע שפּראַכן.

וויקטאָר מאַרגעריט איז דער מוטיקער, אומדערשראָקענער קעמפער פאַר די רעכט פון דער אונטערגעדריקטער און פאַרשקלאַפטער פרוי אין דער קאַפּיטאַליסטישער געזעלשאַפט.

וויקטאָר מאַרגעריט האָט דער ערשטער אין פראַנקרייך גע־האַט דעם מוט אויפצודעקן די אייטערדיקסטע וווּנדן פון אונזער געזעלשאַפטלעך לעבן און צו ווייזן אונז זייער אמתן, שרעקלעכן, נישט פאַרשלייערטן פּרצוף.

אין פאַרלאַג ש. גאָלדפאַרב איז ביז איצט דערשינען די באַ־רימטע טרילאָגיע „אויפן וועג:"

די בחורטע — יידיש פועה ראַקאָווסקאַ

דער חבר — " " "

דאָס נייע דור — " " "

צום דרוק ווערט צוגעגרייט דער ערשטער טייל פון דער צוויי־טער נישט ווייניקער באַרימטער טרילאָגיע: „צום גליק":

דיין קערפּער געהערט צו דיר

די מענטשלעכע חיה (צווייטער טייל פון דער טרילאָגיע)

דער געזאַנג פון פאַסטוך (דריטער טייל פון ")

די גאַסן פרוי.